STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00015

# DI VERK FUN YITSHAK LEYBUSH PERETS

Isaac Leib Peretz

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Arlene & Herb Cohen*
*in honor of*
*their loving children & grandchildren*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די ווערק פון יצחק לייבוש פרץ. צוועלף בענד.
צוזאמענגעשטעלט אונטער דער רעדאקציאן פון
דוד פינסקי

## פיערטער באנד

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש“, ניו־יארק.
תר"פ — 1920

## י. ל. פרץ

# ערצעהלונגען

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש״, ניו-יארק.

Copyright 1920 by
JEWISH BOOK AGENCY

# ערצעהלונגען

# באנטשע שוויג.

דא, אויף דער וועלט, האט באנטשע שוויג'ס טויט גאר קיין איינדרוק נישט געמאכט! פרעגט עמיצען בחרם: ווער באנטשע איז געוועזען, ווי אזוי ער האט געלעבט, אויף וואס ער איז געשטארבען! צי האט אינ'ם דאס הארץ געפלאצט, צי די כחות זענען איהם אויסגעגאנגען, צי דער מארך־ביין האט זיך איבערגעבראכען אונטער א שווערער לאסט... ווער ווייסט? אפשר איז ער גאר פאר הונגער געשטארבען!

א פערד אין טראמוויי זאל פאלען, וואלט מען זיך מעהר אינטערעסירט. עס וואלטען צייטונגען געשריבען, הונדערטער מענשען וואלטען פון אלע גאסען געלאפען און די נבלה באקוקט; באטראכט אפילו דעם ארט, וואו די מפלה איז געוועזען...

נאר דאס פערד אין טראמוויי וואלט אויך די זכיה נישט געהאט, עס זאלען זיין אזויפיעל פערד ווי מענשען—טויזענט מיליאן!

באנטשע האט שטיל געלעבט און איז שטיל געשטארבען; ווי א שאטען איז ער דורך — דורך אונזער וועלט!

אויף באנטשעס ברית האט מען קיין וויין נישט געטרונקען, עס האבען קיין כוסות געקלונגען! צו בר־מצוה האט ער קיין קלינגענדיגע דרשה נישט געזאגט... געלעבט האט ער ווי א גרוי קליין קערענדעל זאמד ביים ברעג פון ים, צווישען מיליאנען זיינס־גלייכען; און, אז דער ווינט האט'ן אויפגעהויבען און אויף דער אנדערער זייט ים אריבערגעיאגט, האט עס קיינער נישט באמערקט!

ביים לעבען האט די נאסע בלאטע קיין צייכען פון זיין פוס נישט באהאלטען. נאכ'ן טויט — האט דער ווינט דאס קליינע

ברעטעל פון זיין קבר אומגעוואָרפען; דעם קברן'ס ווייב האָט עס געפונען ווייט פון קבר און דערביי א טעפעל קאַרטאָפעל אָפּגע־קאָכט. עס איז דריי טעג נאָך באָנטשעס טויט, פרעגט דעם קברן בחרם, וואו ער האָט'ן געלעגט!

וואָלט באָנטשע א מצבה געהאַט, וואָלט אפשר איבער הונדערט יאָהר אַן אַלטערטומס־פאָרשער זי געפונען, און דער נאָמען „באָנ־טשע שווייג" וואָלט נאָך אמאָל איבערגעקלונגען אין א ו נ ז ע ר לופט.

א שאָטען! זיין פאָטאָגראַפיע איז נישט געבליבען ביי קיינעם אין מח, ביי קיינעם אין הארץ; עס איז פון איהם קיין זכר נישט געבליבען!

„קיין קינד, קיין רינד"; עלענד געלעבט — עלענד געשטאָר־בען!

ווען נישט דאָס מענשליכע גערודער, וואָלט אפשר עמיצער אמאָל דערהערט, ווי באָנטשעס מאַרך־ביין האָט אונטער דער לאַסט געקנאַקט; וואָלט די וועלט מעהר צייט געהאַט, וואָלט עמיצער אפשר אמאָל באַמערקט, אז באָנטשע (א ו י ך א מענש) האָט לעבע־דיגערהייט צוויי אויסגעלאָשענע אויגען און שרעקליך איינגעפאַ־לענע באַקען, אז אפילו ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאַסט נישט אויף די פּלייצעס, איז איהם אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבויגען, גלייך ער וואָלט לעבעדיגערהייט זיין קבר געזוכט! וואָלטען אַזוי וועניג מענשען ווי פערד אין טראַמוויי געוועזען, וואָלט אפשר אמאָל עמיצער געפרעגט: וואו איז באָנטשע אהינגעקומען?!

ווען מען האָט באָנטשען אין שפּיטאָל אריינגעפיהרט, איז זיין ווינקעל אין סוטערינע נישט לעדיג געבליבען — עס האָבען דער־רויף צעהן זיינס־גלייכען געוואַרט, און צווישען זיך דעם ווינקעל „אין־פּלוס" ליציטירט; ווען מען האָט'ן פון שפּיטאָל־בעט אין טויטען־שטיבעל אריינגעטראָגען, האָבען אויפ'ן בעט צוואַנציג אָרע־מע קראַנקע געוואַרט... ווען ער איז ארויס פון טויטען־שטיבעל — האָט מען צוואַנציג הרוגים פון אונטער אן איינגעפאַלענעם הויז גע־בראַכט. — — ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וועט רוהיג וואוינען אין קבר? ווער ווייסט, וויפיעל עס וואַרטען שוין אויף דעם שטיקעל פּלאַץ...

שטיל געבוירען, שטיל געלעבט, שטיל געשטארבען און נאך שטילער באגראבען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאך נישט אזוי איז געוועזען אויף י ע נ ע ר וועלט! ד א ר ט ע ן האט באנטשעס טויט א גרויסען איינדרוק געמאכט!

דער גרויסער שופר פון משיח'ס צייטען האט געקלונגען אין אלע זיבען הימלען: באנטשע שוויג איז נ פ ט ר געווארען! די גרעסטע מלאכים מיט די ברייטסטע פליגעל זענען געפלויגען און איינער האט דעם אנדערען איבערגעגעבען: באנטשע איז „נתבקש געווארען בישיבה של מעלה!" אין גן־עדן איז א רעש, א שמחה, א גערודער: „באנטשע שוויג! א שפאס, באנטשע שוויג!!!"

יונגע מלאכים'לעך מיט בריליאנטענע אויגעלעך, גאלדענע דראט־ארבייטענע פליגעלעך און זילבערנע פאנטאפעלעך זענען באנטשען אקעגענגעפלויגען מיט שמחה! דער גערויש פון די פלי־געל, דאס קלאפען פון די פאנטאפעלעך און דאס פרעהליכע לאכען פון די יונגע, פרישע, רויזיגע מיילעכלעך האט פארפולט אלע הימ־לען און איז צוגעקומען ביז צום כסא הכבוד, און גאט אליין האט אויך שוין געוואוסט, אז באנטשע שוויג קומט!

אברהם אבינו האט זיך אין טויער פון הימעל געשטעלט, די רעכטע האנט אויסגעשטרעקט צום ברייטען „שלום עליכם" און א זיסער שמייכעל שיינט אזוי העל אויף זיין אלטען פנים!

וואס רעדעלט אזוי אין הימעל?

דאס האבען צוויי מלאכים אין גן־עדן אריין פאר באנטשעס וועגען א גינגאלדענעם פאטערשטול אויף רעדלעך געפיהרט!

וואס האט אזוי העל געבליצט?

דאס האט מען דורכגעפיהרט א גאלדענע קרוין מיט די טייער־ערסטע שטיינער געזעצט! אלץ פאר באנטשען!

— נאך פאר'ן פסק פון בית־דין של מעלה? — פרעגען די צדיקים פארוואונדערט און נישט גאר אהן קנאה.

— א! — ענטפערען די מלאכים, — דאס וועט זיין א פראס־טע פוסטע פארמע! געגען באנטשע שוויג וועט אפילו דער קטיגור

קיין ווארט אין מויל נישט געפינען! די „דיעלע“ וועט דויערען פינף מינוט!

— איהר שפּילט זיך מיט באנטשע שוויינ?

---

אז די מלאכים׳לער האבען באנטשען געכאפּט אין דער לופט און אפּגעשפּילט איהם א זמר; אז אברהם אבינו האט איהם ווי אַ אלטען קאמעראד די האנט געשאקעלט; אז ער האט געהערט, אז זיין שטול איז גרייט אין גן־עדן; אז אויף זיין קאפּ ווארט א קרוין; אז אין בית־דין של מעלה וועט מען איבער איהם קיין ווארט נישט רעדען — האט באנטשע, גלייך ווי אויף יענער וועלט, ג ע ש װ י ג ע ן פאר שרעק! עס איז איהם דאס הארץ אנטגאנגען! ער איז זיכער, אז דאס מוז זיין א חלום, אדער א פּראסטער טעות!

ער איז צו ביידע געוועהנט! נישט איינמאל האט איהם אויף יענער וועלט גע׳חלום׳ט, אז ער קלייבט געלט אויף דער פּאדלאגע, גאנצע אוצרות ליגען... און אויפגעכאפּט האט ער זיך נאך א גרע־סערער קבצן, ווי נעכטען... נישט איינמאל האט איהם עמיץ בטעות צוגעשמייכעלט, א גוט ווארט געזאגט און איבערגעדרעהט זיך און אויסגעשפּיגען...

— מיין מזל — טראכט ער — איז שוין אזוי!

און ער האט מורא די אויגען אויפצוהויבען, דער חלום זאל נישט פארשווינדען; ער זאל זיך נישט אויפכאפּען ערגעץ אין א הייל צווישען שלאנגען און עגדישען! ער האט מורא פון מויל א קלאנג ארויסצולאזען, מיט א גליד א ריהר צו טון — מען זאל איהם נישט דערקענען און אוועקשליידערען אויף כף־הקלע...

ער ציטערט און הערט נישט די מלאכים׳ס קאמפּלימענטען, זעהט נישט זייער טאנצען ארום איהם, ער ענטפערט נישט אברהם אבינו אויפ׳ן הארציגען „שלום עליכם“, און — געפיהרט צום בית־דין של מעלה — זאגט ער איהם קיין „גוט־מארגען“ נישט...

אויסער זיך איז ער פאר שרעק!

און זיין שרעק איז נאך גרעסער געווארען, אז ער האט, נישט

ווילענדיג, דערזעהן די פּאַדלאַגע פון בית־דין של מעלה. סאַמע אַל־באַסטער מיט בריליאַנטען! „אויף אַזאַ פּאַדלאָגע שטעהען מיינע פיס!“ — ער ווערט אינגאַנצען פאַרשטאַרט! „ווער ווייסט, וועלכען גביר, וועלכען רב, וועלכען צדיק מען מיינט... ער וועט קומען — וועט זיין מיין פינסטערער סוף!“

פאַר שרעק האָט ער אפילו נישט געהערט, ווי דער פּרעזעס האָט בפירוש אויסגערופען: „די דיעלע פון באַנטשע שווייג!“ און, דערלאַנגענדיג דעם מליץ יושר די אַקטען, געזאָגט: „לעז, נאָר בקצור!“

מיט באַנטשע'ן דרעהט זיך דער גאַנצער סאַלאָן. עס רוישט איהם אין די אויערען. אינ'ם גערויש הערט ער דאָך אלעמאל שאַר־פער און שאַרפער דעם מלאך־מליץ'ס זיסען קול, ווי אַ פידעל:

— זיין נאָמען — הערט ער — האָט איהם געפּאַסט ווי צו אַ שלאַנקען לייב אַ קלייד פון אַן אַרטיסט אַ שניידערס האַנט.

— וואָס רעדט ער? — פרעגט זיך באַנטשע, און ער הערט ווי אַן אומגעדולדיגער קול האַקט איבער און זאָגט:

— נאָר אָהן משלים!

— ער האָט זיך קיינמאָל — הויבט ווייטער אָן דער מליץ יושר — אויף קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אויף גאָט, נישט אויף לייט; אין זיין אויג האָט קיינמאָל נישט אויפגעפלאַמט קיין פונק פון האַס, ער האָט עס קיינמאָל נישט אויפגעהויבען מיט אַ פּרעטענזיע צום הימעל.

באַנטשע פאַרשטעהט ווייטער נישט אַ וואָרט, און דער האַר־טער קול שלאָגט ווייטער איבער:

— אָהן רעטאָריק!

— איוב האָט נישט אויסגעהאַלטען. ע ר איז אומגליקלי־כער געוועזען — —

— פאַקטען, טרוקענע פאַקטען! — רופט נאָר אומגעדולדיגער דער פּרעזעס.

— צו אַכט טאָג האָט מען איהם מל געוועזען —

— נאָר אָהן ר ע אַ ל י ז ם!

— אַ מוהל אַ פושער האָט דאָס בלוט נישט פאַרהאַלטען —

— ווייטער!

— ער האָט אַלץ געשוויגען (פיהרט ווייטער דער מליץ יושר).

אפילו ווען די מוטער איז איהם געשטארבען און ער האט צו דריי־צעהן יאהר א שטיף־מאמע באקומען... א שטיף־מאמע א שלאנג, א מרשעת...

מיינט מען דאך אפשר פארט מיך? — טראכט באנטשע.

— אהן אינסוניאציען*) אויף דריטע פערזאנען, — בייזערט זיך דער פרעזעס.

— זי פלעגט איהם קארגען דעם ביסען... אייער־נעכטיג פאר־שימעלט ברויט.. האר־פלאקס פאר פלייש... און זי האט קאווע מיט סמעטענע געטרונקען —

— צו דער זאך! — שרייט דער פרעזעס.

— זי האט איהם פאר דאס קיין נעגעל נישט געקארגט און זיין ברוין־און־בלויער לייב פלעגט ארויסקוקען דורך אלע לעכער פון זיינע פארשימעלט־צוריסענע קליידער... ווינטער אין די גרעסטע פרעסט האט ער איהר בארוועס אויפ׳ן הויף האלץ געהאקט, און די הענט זענען צו יונג און צו שוואך געוועזען, די קלעצלעך צו דיק, די האק צו שטומפיג... נישט איינמאל האט ער זיך די האנט פון די געלענקען אויסגעריסען, נישט איינמאל האט ער זיך די פיס אפגעפרוירען, נאר געשוויגען האט ער, אפילו זיך פאר׳ן פאטער —

— פאר׳ן שכור! — לאכט אריין דער קטיגור, און באנטשען ווערט קאלט אין אלע אברים —

— נישט געקלאגט, — ענדיגט דער מליץ יושר דעם זאץ.

— און שטענדיג עלענד — פיהרט ער ווייטער — קיין חבר, קיין תלמוד תורה, קיין חדר... קיין גאנץ בגד... קיין פרייע מינוט—

— פאקטען! — רופט ווייטער דער פרעזעס.

— ער האט געשוויגען אפילו שפעטער, ווען דער פאטער האט׳ן שכור׳ערהייט אמאל אנגעכאפט ביי די האר און אינמיטען א שנייענדיגער ווינטער־נאכט ארויסגעווארפען פון שטוב! ער האט זיך שטיל אייפגעהויבען פון שניי און אנטלאפען, וואו די אויגען האבען איהם געטראגען...

אויפ׳ן גאנצען וועג האט ער געשוויגען... ביים גרעסטען הונ־גער האט ער נאר מיט די אויגען געבעטעלט!

---

*) מלשינות.

ערשט אין א שווינדלענדיגער, נאסער פריהלינג־נאכט איז ער אין א גרויסע שטאדט אריינגעקומען; ער איז אריין ווי א טראפען אין א ים און דאך האט ער די אייגענע נאכט אין ארעסט פאר־בראכט... ער האט געשוויגען, נישט געפרעגט פארוואס, פאר וועז? ער איז ארוים און די שווערסטע ארבייט געזוכט! נאר ער האט געשוויגען!

שווערער פאר דער ארבייט איז געוועזען זי צו געפינען — ער האט געשוויגען!

בארענדיג זיך אין קאלטען שוויים, צוזאמענגעדריקט אונטער דער שווערסטער לאסט,ביים גרעסטען קראמף אין לעדיגען מאגען — האט ער געשוויגען!

באשפריצט פון פרעמדער בלאטע, באשפיגען פון פרעמדע מיילער, געיאגט פון טראטוארען מיט דער שווערסטער לאסט אראפ אין נאסען צווישען דראשקעס, קארעטען און טראמוויים, קוקענדיג יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגען אריין — האט ער געשוויגען!

ער האט קיינמאל נישט איבערגערעכענט, וויפיעל פוד לאסט עס קומט אויס אויף א גראשען, וויפיעל מאל ער איז געפאלען ביי יעדען גאנג פאר א דרייער, וויפיעל מאל ער האט שיער נישט די נשמה אויסגעשפיגען, מאנענדיג זיין פארדינסט; ער האט נישט גערעכענט, נישט זיין, נישט יענעמס מזל, נאר גע־שוויגען!

זיין אייגען פארדינסט האט ער אויך נישט הויך געמאנט! ווי א בעטלער האט ער זיך ביי דער טיר געשטעלט, און אין די אויגען האט זיך א הינטישע בקשה געמאלט! „קום שפעטער“ און ער איז פארשוואונדען שטיל, ווי א שאטען, כדי שפעטער נאך שטי־לער אויסצובעטלען זיין פארדינסט!

ער האט אפילו געשוויגען, ווען מען פלעגט איהם אפרייסען פון זיין פאר[illegible]ט אדער אריינווארפען א פאלשע מטבע!...

ער האט אלץ געשוויגען...

— מיינט מען דאך טאקע מיך! — טרייסט זיך באנטשע.

---

— איינמאל — פיהרט ווייטער דער מליץ־יושר נאך א טרונק־וואסער — איז אין זיין לעבען אן ענדערונג געשעהען... עס איז

דורכגעפלויגען א קאטש אויף גומענע רעדער מיט צופלאשעטע פערד... דער שמייסער איז שוין לאנג פון וווייטענס געלעגען מיט א צושפּאלטענעם קאפּ אויפ'ן ברוק... פון די דערשראקענע פערדס מיילער שפּריצט דער שוים, פון אונטער די פּאדקאוועס יאגען זיך פונקען, די אויגען בלישטשען, ווי ברענענדיגע שטורקאצען אין א פינסטערער נאכט — און אין קאטש זיצט נישט טויט נישט לע־בעדיג א מענש!

און באנטשע האט די פערד פארהאלטען!

און דער געראטעוועטער איז געוועזען א איד א בעל־צדקה און האט באנטשען די טובה נישט פארגעסען!

ער האט איהם דעם גע'הרג'טענס בייטש איבערגעגעבען; באנטשע איז א שמייסער געווארען! נאך מעהר — ער האט איהם חתונה געמאכט, נאך מעהר — — ער האט איהם אפילו מיט א קינד פארזארגט —

און באנטשע האט א ל ץ געשוויגען!

— מיך מיינט מען, מיך! — באפעסטיגט זיך באנטשע אין דער דעה, און האט דאך נישט די העזה אן אויג צו ווארפען אויפ'ן „בית־דין של מעלה"...

ער הערט זיך ווייטער איין צום מלאך מליץ:

— ער האט געשוויגען אפילו ווען זיין בעל־טובה האט אין קורצען באנקראטירט און איהם זיין לוין נישט באצאהלט...

ער האט געשוויגען, אפילו ווען דאס ווייב איז פון איהם אנט־לאפען און איבערגעלאזט איהם א קינד פון דער ברוסט...

ער האט געשוויגען אפילו מיט פופצעהן יאהר שפעטער, ווען דאס קינד איז אויפגעוואקסען און גענוג שטארק געוועזען — באנ־טשען ארויסצוווארפען פון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! — פרעהט זיך באנטשע.

---

— ער האט אפילו געשוויגען — הויבט אן ווייכער און טרויע־ריגער דער מלאך מליץ — ווען דער איינענער בעל־טובה האט זיך מיט אלע אויסגעגלייכט, נאר איהם קיין גראשען שכירות נישט צו־ריקגעגעבען — און אפילו דאמאלט, ווען ער איז באנטשען (ווי־

טער פאהרענדיג אויף א קאטש מיט גומענע רעדער און פערד ווי לייבען) איבערגעפאהרען...

ער האט אלץ געשוויגען! ער האט אפילו דער פאליציי נישט געזאגט, ווער עס האט איהם צורעכט געמאכט...

---

ער האט געשוויגען אפילו אין שפיטאל, וואו מען מעג שוין ש ר י י ע ן!

ער האט געשוויגען, אפילו ווען דער דאקטאר האט אהן פופצעהן קאפיקעס נישט געוואלט צוגעהן צו זיין בעט, און דער וועכטער, אהן פינף קאפיקעס — טוישען איהם די וועש!

ער האט געשוויגען ביים גוסס'ן — ער האט געשוויגען ביים שטארבען...

קיין ווארט געגען גאט, קיין ווארט געגען לייט!

— דיקסי!

---

באנטשע הויבט אן ווייטער צו ציטערען אויפ'ן גאנצען לייב. ער ווייסט, אז נאכ'ן מליץ יושר געהט דער קטיגור! ווער ווייסט, וואס ד ע ר וועט זאגען! באנטשע אליין האט זיין לעבען נישט געדענקט. נאך אויף יענער וועלט האט ער יעדע מינוט די פריי־הערדיגע פארגעסען... דער מלאך־מליץ האט איהם אלץ דערמאנט... ווער ווייסט, וואס דער קטיגור וועט איהם דערמאנען!

— רבותי! — הויבט אן א שארף־שטעכענדיג־בריהענדיגער קול —

נאר ער האקט אפ —

— רבותי, — הויבט ער נאך אמאל אן, נאר ווייכער און האקט ווייטער אפ.

ענדליך הערט זיך, פון דעם אייגענעם האלז ארויס, כמעט א ווייכער קול:

— רבותי! ע ר האט געשוויגען! וועל איך אויך שווייגען!

עס ווערט שטיל — און פון פארענט הערט זיך א נייע ווייכע ציטערדיגע שטימע:

— באנטשע, מיין קינד באנטשע!—רופט זי איהם ווי א האר־פע... — מיין הארציג קינד באנטשע!

אין באנטשען צוואויינט זיך דאס הארץ... ער וואלט שוין אצינד די אויגען געעפענט, נאר זיי זענען פארפינסטערט פון טרע־רען... עס איז איהם אזוי זיס־וויינענדיג קיינמאל נישט געוועזען... „מיין קינד", „מיין באנטשע" — זייט די מוטער איז געשטארבען, האט ער אזא קול און אזוינע ווערטער נישט געהערט —

— מיין קינד! — פיהרט ווייטער דער אב־בית־דין — דו האסט אלץ געליטען און געשוויגען! עס איז נישטא קיין גאנץ גליד, קיין גאנץ ביינדעל אין דיין לייב אהן א וואונד, אהן א בלוטי־גען ארט, עס איז נישטא קיין איין באהאלטענער ארט אין דיין נשמה, וואו עס זאל נישט בלוטען... און דו האסט אלץ געשוויגען...

דארט האט מען זיך נישט פארשטאנען דערויף! דו אליין האסט גאר אפשר נישט געוואוסט, אז דו קאנסט שרייען און אז פון דיין געשריי קאנען יריחו'ס מויערען ציטערען און איינפאלען? דו אליין האסט פון דיין פארשלאפענעם כח נישט געוואוסט...

אויף יענער וועלט האט מען דיין שווייגען נישט באלוינט, נאר דארט איז דער עולם השקר, דא אויפ'ן עולם אמת וועסט דו דיין לוין באקומען!

דיך וועט דאס בית־דין של־מעלה נישט משפט'ן, דיר וועט עס נישט פסקנ'נען.

דיר וועט עס קיין חלק נישט אויס־ און נישט אפטיילען: נעם דיר, וואס דו ווילסט! אלעס איז דיין!

באנטשע הויבט דאס ערשטע מאל די אויגען אויף! ער ווערט ווי פארבלענדעט פון דער ליכט פון אלע זייטען! אלץ בלאנקט, אלץ בלישטשעט, פון אלעם יאגען שטראלען: פון די ווענט, פון די כלים, פון די מלאכים, פון די דיינים! סאמע ענגלען!

ער לאזט די מידע אויגען אראפ!

— טאקע? — פרעגט דער מסופק און פארשעמט.

— זיכער! — ענטפערט פעסט דער אב־בית־דין. — זיכער, זאג איך דיר, אז אלץ איז דיינס. אלץ אין הימעל געהער צו דיר! קלייב און נעם, וואס דו ווילסט, דו נעמסט נאר ביי דיר אליין!

— טאקע? — פרעגט באנטשע נאך אמאל, נאר שוין מיט א זיכערען קול.

— טאקע! טאקע! טאקע! — ענטפערט מען איהם אויף זיכער פון אלע זייטען.

— נו, אויב אזוי — שמייכעלט באנטשע — וויל איך טאקע אלע טאג אין דערפריה א הייסע בולקע מיט פרישע פוטער!

דיינים און מלאכים האבען אראפגעלאזט די קעפ פארשעמט, דער קטיגור האט זיך צולאכט.

# וועבער־ליעבע.

## ערשטער בריף.

**טייערער קינפטיגער שוואגער!**

דו פרעגסט, ווי מיר געהט? מן הסתם, ווי א רשע אויף יענער וועלט. פאר שוסטער—שרייבסט דו—זענען שלעכטע צייטען געקומען? מיר, וועבער, האבען שוין לאנג אויפגעהערט אויף גוטע צו האפען. מענשען זאגען, אז עס איז א „הינטישע“ צייט. שטעל דיר פאר, אז אלטע, גוטע וועבער פארדינען פיער—פינף רובל א וואך, געוועהנליכע און יונגע, ווי איך, מעגען זיך באגנוגענען מיט דריי—פיער, און אויף די דריי—פיער רובל מוז מען שווער ארבייטען, מוז מען זיצען ביי דעם שטול פון זיבען אין דערפריה ביז צעהן ביינאכט, ארבייטען פופצעהן—זעכצעהן שעה אין טאג; און צו דעם מוז מען שוין גליק האבען, ווייל נאר גליקליכע וועבער האבען באשטענדיגע ארבייט; מאסען געהען ארום מיט פארחלש'טע פנים'ער און לעדיגע הענט!

אזוי, ברודער! אלטע לייט דערצעהלען, אז אמאל פלעגען זיין פיעלע יחסנים, וואס האבען נישט געוואלט ארבייטען; היינט ווערט די שווערסטע ארבייט געזוכט, געשפירט, געבעטעלט, און קוים אויסגעבעטעלט! און אז מען האט זי שוין, ציטערט מען ערשט, מען זאל זי, גאט באהיט, נישט פארלירען: צופריהער גאט און דערנאך דער ברויט־געבער זאלען, חלילה, נישט אפשטעהן; זיי זאלען שיטען מיט ארבייט, מיט ארבייט ביז צום טויט! ביז צום דערשטיקען! ווארים טאמער פארפעהלט ארבייט? טאמער ווערט מען קראנק און די שיצען פאלען פון די ציטערינגע הענט ארויס?

און וואס וועט זיין אויף דער עלטער? אויף דער גרויער, שוואַ־
כער עלטער, וואס וועט זיין?

און אז מען זעהט ארום זיך אזוי פיעל קראנקע, אזוי פיעל
אויסגעמאַטערטע, אלטע ווייבער, איז קיין וואונדער נישט, אז מען
קאן אז קרענק און שוואכע עלטער קיין רגע נישט פארגעסען; און
ווירקליך — ביי פיפצעהן—זעכצעהן שעה ארבייט א טאג, ביים
אריינאטעמיין קליי און פארביגען שטויב פון גארן, ביים איבער־
קומען מיט א ברויט און א הערינג א טאג און א מאַגערען געקעכטס
ביינאכט, מוז א קרענק זיין אן אפטער גאסט. קאן מען אויף קיין
געזונטע עלטער נישט רעכענען! דערצו האבען נאר א טייל ווייי־
בער און קינדער. פארשטעהסט? נישט אליין טרינקט מען זיך,—
מיט א בינטעל אויפ'ן האלז!

דו זאלסט זעהן, ווי א באוויטער און א באקינדעלטער ווערער
קומט אהיים פון דער ארבייט, ווי ער ווארפט א קורצען, דער־
שראקענעם בליק אויפ'ן אויסגעמוטשעטען ווייב, אויף די קינדער־
לעך, „הויט און ביין". וואס וואקסען אויף ערגער ווי אין א וואלד;
דו זאלסט זעהן, ווי געשווינד ער שלינגט איין דאס קארגע מאגערע
געקעכטס, ווי האסטיג ער ווארפט זיך אין בעט אריין!

שלאפען וויל ער, איינשלאפען, ווענינגסטענס די אויגען פאר־
מאכען, ער זאל די צרות, דעם יאמער נישט צוזעהן!

נאר וואס העלפט עס? פון בייזען לעבען ווערען בייזע
חלומות... עס חלומ'ט זיך, אז דאס ווייב איז קראנק, און עס איז
איהר נישטא מיט וואס צו העלפען... אז איין קינד האט דעם
צווייטען א פינגער אפגעריסען ביים געשלעג איבער א ביסען ברויט,
און אז אינמיטען איז אריין דער ווירט פון הויז און טופעט מיט
די פיס: דירה־געלט, אז נישט, ווארפט ער דאס גאנצע געזינדעל
ארויס אינמיטען ווינטער אויפ'ן שניי.

און אז מען כאפט זיך אויף אין דערפריה, פאלט גאר אזוי גע־
שווינד נישט איין די אויגען צו עפענען: אזוי גוט און פיין גיסט
זיך דאס לעבען מיט די חלומות צוזאמען.

אז עס קומען זיך אלטע ווייבער צוזאמען, רעדט מען פון גוטע
צייטען; נאר נישט פון די, וואס וועלען אדער זאלען קומען: אין
דעם גלויבט שוין קיינער נישט! נאר פון אמאליגע גוטע צייטען,
ווען דער ווייבער האט געארבייט אויף זיך אליין, מיט זיין אייגע־

נעם גארן, אויף זיין איינענעם שטול און האט זיך אליין זיין אר־ בייט פארקויפט... א וועבער פלעגט פארדינען פופצעהן—צוואנציג רובל א וואך, ער איז געווען א בעל־הבית פאר זיך, א מענש א פריי־ ער מיט א דעה אפילו אין שטאדט־זאכען. מען זאגט, אז עס איז אמאל א וועבער־דאזארצע געווען! היינט איז א וועבער א פראס־ טער ארבייטער, דער גארן איז נישט זיין, די אויסגעארבייטע סחורה גיט ער אוועק! ער ווייסט נישט, וויפיעל עס קאסט דער גארן און וויפיעל ער באקומט פאר זיין ארבייט, נישט זיין דאגה, ער נעמט פאר'ן „שטערן“; און זיבען—אכט קאפיקעס א „שטערן“ הייסט שוין א ראיעלער פרייז!

יא! איך פארגעס גאר, אז איך רעד מיט א שוסטער, וואס וויים נישט, וואס א שטערן איז; שטעל דיר פאר, אז דו וואוינסט אין א גרויסער שטאדט, ארבייטסט נישט אויף דיינע בעלי־בתים, דו אז ין קויפסט קיין לעדער נישט, נעמסט קיינעם קיין מאס נישט און ~ אגסט קיינעם די שטיוועל נישט! דו קענסט נאר איין סוחר, וואס גיט דיר די סחורה אויסצוארבייטען, און נעמט ביי דיר צו די ארבייט, צאהלט דיר פאר אזויפיעל פאר שטיוועל אזויפיעל און אזויפיעל.

אט דאס פארשטעהסט דו איז א „שטערן“, ארבייטסט אגולנע פאר'ן סוחר. דעם פארדינסט נעמט דער סוחר צו און דיר גיט ער וואסער אויף קאשע, ווארים אנדערע האבען דאס אויך נישט. און דערווייל רעדט מען נאך פון א מאשין, וואס וועט ארבייטען שטיוועל אהן שוסטערישע הענט... גוט? אזוי א שטייגער לעבט זיך ביי אונז! זיבען—אכט קאפיקעס פאר א שטערן איז א פרייז משוגע צו ווערען. נאר וואס מאכט מרים־לעב? צי האט זי נאך ליעב צו שטריקען נאזטיכלעך פאר פרעמדע נעז? צי ארבייט זי נאך זינגענדיג? צי הילכט נאך די שטוב מיט איהר זילבערנעם קול? צי זענען נאך איהרע אויגען אזוי פריש, אזוי קינדעריש ריין, אזוי הימעל בלוי? זיי רויטלען זיך נאך נישט? און דו, וואס ביסט? צי רעכענסט דו נישט, אז בשעת דער מלחמה צווישען גריכענלאנד מיט'ן טערק לוינט זיך ארייינצוגנב'ענען קיין פאלעס־ טינע אויף קבר אבות? און אפשר האסט דו הארץ צו געהן קיין ארגענטינע און מלחמה האלטען מיט'ן היישעריק? גנארים דא, ברודער, איז ביטער ווי גאל!

און אפשר האלסט דו זיך נאָך אינ'ם אלטען, גוטען, פרומען „אלשיך“ און זעהסט טויזענט און איין נאַכט אויפ'ן אידישען אופן? שרייב! איך רעכען, אז מרים-לעב מעג צושרייבען... הער, אז מרים-לעב חלומ'ט זיך מיר אמאָל מיט רויטע אויגען, געה איך אין פּאַבריק אריין מיט געבאַלטע פויסטען... נאָר דאָס פאַרשטעהסט דו נישט...

דיין געטרייער קינפּטיגער שוואָגער.

## צווייטער בריף

אז דו האָסט מיך עטליכע מאָל אין איין בריף געפרעגט, ווי עס געהט מיר, האָב איך דיין מיין געלעזען צווישען די שורות, צווישען די ווערטער, און האָב פאַרשטאַנען, אז מיין געטרייער, קינפּטיגער שוואָגער פרעגט: הכלל, ווען שטעלט מען א חופּה? און אז איך האָב דיר געשיקט א בינטעל ווייבערישע צרות, האָסט דו דיך אפילו אנגעהויבען צו שטויסען, אז דאָס הייסט: דערווייל נישט!

אז אייזערנעם מח האָסט דו, קינפּטיגער שוואָגער מיינער; אין דיין אייזערנעם קוגעל-טאָפּ מוז מען אריינשלאָגען מיט א האַמער, אניט, פאַרשטעהסט דו נישט!

נאָר, אז דו האָסט שוין ארויסגעלעגט אלץ, ווי א הערינג אויפ'ן טעלער, מוז איך דיר שוין געבען א קלאָרע, אויסגעטייטשטע תשובה.

איך קאָן נישט, איך טאָר נישט חתונה האָבען!

דו פרעגסט, צי האָב איך נישט אין דער פרעמד פאַרגעסען, וואָס איך האָב אין דערהיים געזאָגט, צי האָט מען מיך נישט פאַרטוישט אויף אן אנדערען, על כל פּנים דאָס האַרץ פאַרביטען? אָדער צי איז עס נישט ווי מען זאָגט: אויס די אויגען — אויס'ן האַרץ?... איך האָף, ניין, איך גלויב, אז מרים-לעב האָט דעם בריף נישט געזעהן, זי וואָלט אזוינע שאלות נישט געפרעגט, זי ווייס, אז אונזערע הערצער זענען צוזאַמענגעבונדען אויף אייביג, אויף לעבען און טויט!

אַי, ברודער, ברודער! חתונה האָבען וויל איך, ווי א מענש וויל גליקליך זיין. ווי א מענש וויל באַפרייט ווערען פון בענקשאַפט.

פון האַרצוועהטאָג, קאָפּברעכעניש. איך וויל, נאָר מאָלע וואָס אַ וועבער וויל?

אונזערע ברויט־געבערס אַ זוהן מיט אַ טאָכטער האָבען גע־וואָלט, האָבען זיי חתונה געהאַט. און עס איז אַ פרעהליכע חתונה געוועזען; מען האָט אפילו אונז, וועבער, נישט פאַרגעסען; מען האָט אונז בראַנפען געשטעלט, און אַז איך האָב געזאָגט, אַז איך טרינק נישט, האָט אויף מיר דער מייסטער געקוקט פון אַ זייט, און האָט זיך אודאי אַ קניפּעל אין נאָז־טיכעל געמאַכט!...

און דער וועג פון דער היים אין שול אריין איז געוועזען אויס־געלעגט מיט דיוואַנען, אַ קאַפּעליע האָט געשפּילט, האָט מען איז היכעל געהערט, די לבנה מיט די שטערען האָבען געטאַנצט! די העכסטע פאַבריקען זענען שטום געוואָרען, פאַרהילכט, פאַרשעמט! פון טאַניז־זאַלען האָט זיך ליכט געגאָסען, די גאַנצע גאַס האָט זיך אין ליכט געבאָדען! ליכט האָט זיך געגאָסען, ווי וויין, און ווייז, ווי וואַסער! נעבעטען איז געוועזען די האָכצייט, היינט איז דאָס יונגע פּאָר־פאָלק געפאָהרען מאַכען אַ לוסט־רייזע...

זיי האָבען געוואָלט, האָבען זיי חתונה געהאַט. מיינסט אפשר, זיי האָבען זיך נויטיג געברויכט? עס האָט איינס אָהן צווייטען לעבען נישט געקאָנט? גאָט באַהיט! ער האָט עטליכע באַקאַנטע מיידלעך אין זיין פאַבריק, און אַ טאָג פאַר דער חתונה האָט ער זיי אַ מאַלצייט געמאַכט, און האָט יעדערער אַ מתנה געלאָזט, זי זאָל אָן איהם נישט פאַרגעסען, ביז ער וועט צוריק קומען... און עס איז אַ לוסטיגע מאַלצייט געוועזען, לוסטיגער, ווי די האָכצייט אַליין, מען האָט נאָר בעסערען וויין געטרונקען!

צווישען די מיידלעך איז אויך אַ ווייבעל געוועזען, אַ וועבערס אַ ווייב... איך קען איהם — אַ שכור איז ער! נאָר גאָר גוטע ווייס, צי שכור'ט ער, ווייל זי פיהרט זיך אַזוי, צי פיהרט זי זיך אַזוי, ווייל ער שכור'ט, צי פיהרען זיי זיך ביידע אַזוי, ווייל דאָ איז דער אַלשיך אויס דער מאָדע אַרויס און שבת געהט עולם שפּאַצירען... נאָר לוסטיג איז געוועזען!

די כלה ווייטער איז אויך קיין צנועה נישט! אַמאָל פלעגט זיין אַ מיידעל, ווי אַ שפּיגעל, און ברודיג ווערען פון אַ הויך, היינט זענען די כאַמזעלען, ווי די זיפּען, ווער ווייס, וואָס עס איז שוין אַרורכגערונען!... איך ווייס נאָר, אַז אַ חודש פלעגט זי זיך קושען

מיט'ן בוכהאלטער און א חודש מיט'ן פראקורענט; שפאצירען פלעגט זי געהן און פאהרען מיטביידע צוזאמען...

און דאך האבען זיי געהייראט, און אצינד מאכען זיי א לוסט־רייזע; און איך מיט מרים־לעב קאנען צוזאמען קיין לעבען נישט פיהרען. כאטש מיר דארפען איינס דאס צווייטע ווי ברויט, ווי וואסער, ווי לופט... כאטש אונזערע געדאנקען זענען דורכגעפלאכטען, כאטש זי איז מיר אינ'ם פלייש און אין די אדערען אריינגעוואקסען. מוז זי דאך זיצען ביי דיר און בלענדען זיך די אויגען איבער שטיקעריי, און איך, איך מוז דא זיצען איינער אליין און וועבען, און וועבען, בשעת אין מח ברענט און די גאל גיסט זיך אוים אין אלע גלידער! און צוזאמענקומען קאנען מיר זיך נישט!

דו וואלסט זעהן, ווי א באווייבטער, באקינדעלטער וועבער זעהט אויס. איך רעד שוין נישט פון דערהיים, נאר אין פאבריק ווי ער זעהט אויס, ווי ער בויגט זיך און נייגט זיך פאר'ן ברויט־געבער מיט זיינע „מענשען", ווי ער קריכט זיי אונטער די פיס, ווי ער ציטערט פאר זייער הויך, ווי ער בעטעלט קוים אוים א גינס־טיגען בליק... בררר! א קעלט געהט מיר דורך די ביינער, אז איך זעה עס! ניין! אויף דעם וועל איך קיינמאל נישט באשטעהן! זאל מיך איינשלינגען אייביגע פינסטערניש אהן א שטראל פון גליק. אהן טרייסט, אהן האפנונג; הונגער וועל איך ליידען, ווי א נאקעטער ווארעם אויף נאסער ערד, אונטער א וויינענדיגען הי־מעל זאל איך ליגען, און דאס נישט! — און וועט נישט בעסער זיין, איז פארפאלען! זאל מיך מרים־לעב פארגעסען, אויב זי קאן, פארלייקענען, אויב זי וויל, אניט זאל זי ליידען גלייך מיט מיר כאטש יעדער באזונדער! אויף דער ערד מוז אמאל גליק וואקסען, די ערד דארף אפשר אונזערע טרערען, אונזער בלוט דערצו, מיר וועלען עס געבען — זאל אמאל און פאר אנדערע וואקסען!

איך ענדיג נישט דעם בריף. פלוצלונג איז ליכטיג געווארען אין מיין האלב פינסטערען ווינקעל. איך קוק מיך אום — דאס פענסטער פלאמט — עס ברענט ערגעץ — אפשר אין פאבריק?

דיין...

## דריטער בריף.

דו פרעגסט, פארוואס עס איז אזוי שלעכט? פארוואס עס ווערט אלעמאל ערגער? עס איז אן איינפאכע זאך: לעג צו דיינע לאנגע אויערען: ווער שטעלט דעם פרייז פון דעם וועבערס אר־בייט? דער וועבער מיט זיין ברויט־געבער! דער וועבער וויל ווי ס'איז מענשליך לעבען, און דעריבער ווי מעגליך טייערער פאר־קויפען זיין ארבייט; זיין ברויט־געבער, ווידער, וויל וואס מעהר פארדינען און דעריבער וואס וועניגער צאהלען פאר דער אר־בייט. איז דא אסך ארבייט און וועניג וועבער, מוז דער פאב־ריקאנט צאהלען וויפיעל דער וועבער וויל; איז אבער דא אסך וועבער און וועניג ארבייט, איז פארקערט, מוז דער וועבער נעמען וויפיעל דער ברויט־געבער גיט איהם; און וועבער ווערט טאג־טעג־ליך מעהר, די צאהל וואקסט ווי אויף הייוועז... די חכמה ווייסען שוין די קינדער אין דער וויג, נאר דו ביסט דאך א שוסטער, און אן אלשיך־שוסטער, קאן זיין דו ווייסט עס נישט.

די קאנקורענץ צווישען די וועבער וואקסט פון טאג צו טאג. זיי קאנקורירען איינער מיט'ן צווייטען. יונגע, וואס קאנען מעהר און לענגער ארבייטען, שפארען ארויס די אלטע, וואס האבען שוין צו דער קאטארגע קיין קרעפטען נישט; קאוואלירען, וואס קאנען זיך באגנוגען מיט א קליינעם פארדינסט, יאגען אוועק די באווייבטע און באקינדעלטע, וואס דארפען מעהר; דערנאך קומען לעהר־איינגלעך און פארטרייבען די וועבער! און דער לוין ווערט געווארפען און פאלט פון טאג אויף טאג... היינט הערט זיך נאך, אז נייע יונגע בעלי־צדקות ווילען עפענען וועבער־שולען, וואס ווילען ארויסווארפען יאהר־יעהרליך נייע וועבער!

עס איז וועניג, וואס איז שלעכט, דאס שלעכטע מוז נאך זיין אזוי איינפאך, אזוי ריכטיג, אזוי גלאט, פעסט און קיילעכדיג, ווי א רינג ארום האלז!...

און עס וועט קומען א צייט, ווען זיבען וועבער ווילען אנ־כאפען איין ברויט־געבער און בעטען זיך: גיב ארבייט, גיב, האלב אומזיסט, זאל זיין אומזיסט, נאר פארנומען זאלען מיר זיין און

פארגעסען, אז אונזערע ווייבער בעטען און די קינדער העלפען צו...

דו גלויבסט נישט? דו מיינסט, אז אלץ האט א גרענעץ און קאן ווייטער נישט געהן? איך גלויב, ארבייט איז אויך א מין שכרות, זי פארהילכט, פארטויבט! זי פארשלאגט דעם קאפ מיט די געהירען און מען פארגעסט אן זיך, אן דער וועלט! עס איז אויך א מין בראנפען!

דערפאר איז אבער היינט א פרייע וועלט! קיינער טאר מיך נישט נויטען, איך זאל ארבייטען; איך בין קיינעמס פאדאנגע נישט! איך ארבייט, ווען איך וויל, וואס איך וויל, — א פרייער פויגעל בין איך; נאר ווער עס וויל, שיסט מיך, פליקט מיך אפ און לעגט מיך אין טאפ אריין. איך וואלט געוועזען א פרייער מענש. איך זאל קיין מאגען נישט האבען, ער זאל נישט מאנען: עסען און עסען! איך זאל נישט דארפען טרינקען, וואוינען. איך זאל ארבייטען אויף איבעריגע אנגענעמע זאכען! א, דעמאלט וואלט איך אנדערש געשאצט מיין ארבייט! אבער היינט?

איך וויל נעמען אסך, דער ברויט-געבער וויל געבען ווייניג; מירביידע זענען פריי, און דאך, קאן ער זיך אהן מיר באגעהן און איך אהן איהם נישט.

היינט הער איך אויף צו ארבייטען, מארגען ווארפט מען מיך אויף צוויי שפענער פון דירה ארויס; איבערמארגען קריג איך מאגען-קרעמפף פאר הונגער; נאך א טאג און איך שטעה שוין פון דערווייטען און קוק מיט ברענענדיגע אויגען אויף דער זיצערינס ברויט, און קאן מיך באין אופן נישט אוועקרייסען פון ארט; דאס ברויט איז א מאגנעט; מיט נעגעל בין איך צוגעשלאגען צום ארט...

איך האב עס נאך אליין נישט געפרואווט, נאר אזוי קוקען אויף א ברויט, אזוינע אייגען האב איך שוין געזעהן! אזוינע אויגען האבען נאר וועלף אין די וועלדער!

נו, דערפון וועל איך דיר אן אנדערש מאל דערצעהלען... עס איז שפעט, — און מיר ברעכט דער קאפ ווי א שארבען.

דיין...

## פיערטער בריף.

א שעהנעם דאנק פאר דיין טרייסט; בעסער געזאגט: פאר דיין גוטען ווילען מיך צו טרייסטען, ווארים וואס ביסט דו שולדיג, אז אפילו אין קאפ פון ארעמסטען שוסטער שלאגט זיך אפ די וועלט אסך בעסער ווי זי איז?

אז איך וועל איבערזעצען דיין שוסטער־געדאנק אויף מיין וועבער־שפראך וועט עס הייסען, אז גוטע און שלעכטע צייטען בייטען זיך, ווי זומער און ווינטער; אז אויב היינט איז דא ווייניג ארבייט און אסך לעדיגע הענט, וועט אמאל דער זאפאס אויספארקויפט ווערען און עס וועט זיין פארקערט: ארבייט אין די מאסען און ווייניג וועבער! און דאמאלט וועט זיין א גן־עדן אויף דער וועלט! מען וועט אונז זוכען מיט ליכט אין די גאסען, און אז מען וועט אונז וועבער געפינען, וועט מען זאגען: שנייד אונז אפ די קעשע־נע, נאר ארבייטען קום! בעט דיר אוים דאס טעלערעל פון הי־מעל, נאר נעם די שיצען אין דער האנט אריין! מען וועט צאהלען פאר'ן „שטערען“ מי יודע וויפיעל, און וועבער וועלען אומגעהן אין גאלד...

און דאמאלט וועל איך דיר נאר א פיפס געבען, וועסט דו קו־מען מיט מרים־לעב צולויפען, פאהרענדיג, אדער רייטענדיג, און מען וועט שטעלען א חופה צו מזל, צו ברכה, צו גליק...

אוי, אלטער, אלטער נאר! א שעהנעם זייפענבלאז האסט דו עס אויפגעבלאזען! הער א מעשה, וואס מען דערצעהלט! עס האט זיך אמאל א כישוף אויף א שטעדטעל פארלעגט און געוואלט עס יאגען און פלאגען. עס איז אבער א פרום שטעדטעל געווען, פול מיט הייליגקייט, און ער האט דערויף קיין גרויסע שליטה נישט גע־האט; האט ער זיך מיישב געווען און האט זיך פאר א פאקענטרע־גער פארשטעלט, און אנגעהויבען אלע הייליגקייטען אויסצוקויפען און ער איז א רייבער סוחר געווען; מיט גאלד געצאהלט האט ער! עס איז געקומען צו א רענדעל פאר א בינטעל ציצית, א רענדעל פאר א תהלים'ל, פאר א שמירה'לע, נאר ברענגט! די סחורה מכלומר'שט שיקט ער קיין אמעריקא, עס האט זיך א נייער פלאץ געעפענט אויף אידישקייט...

און דער עולם האט געגלויבט און אנגעהויבען טראגען פון די שטיבער ארויס; פריהער האבען זיך געלאקעמעט געמיינע לייט, לאסט־ און וואסער־טרעגער, דערנאך בעלי־מלאכות, דערנאך בעלי־בתים, עס איז געקומען די צייט אויף שמשים, חזנים, דינים און שוחטים... קיין איינציגער האט נישט אויסגעהאלטען... דער רב אפילו נישט, ער האט אויך אויסגעלעדיגט די שטוב; פאר געלט וועט מען אנדערע סחורה באקומען...

און אז מען האט אלץ אויספארקויפט, האט דער מכשף שליטה באקומען און אנגעהויבען פלאגען דאס שטעדטעל מיט שלאפקייטען און אלערליי קרענק...

און עס איז זיך נישטא מיט וואס צו ראטעווען, קיין מזוזה ביי דער טיר, קיין שמירה'לע אין פענסטער; קיין אידיש ווארט אין שטוב!

עס איז נישט געווען פון וואס אן עין־הרע אפצושפרעכען, פון וואס א פרק משניות צו לערנען, א יהי־רצון צו זאגען... און אז מען האט געוואלט נאך אנדערע ספרים שיקען און מען האט געעפענט די קאסטענס מיט געלד, זענען אויפ'ן ארט פון רענדלך, נישט פאר אונז געדאכט, שארבענס געלעגען...

און אזוי איז מיט אונז אויך אמאל געשעהען!

געשעהען איז עס פאר א פאר יאהר, נאך איידער איך בין אהער געקומען. פלוצלונג איז א גליקליכע, א בריליאנטענע צייט אויף וועבער געקומען, עס האט סחורה פארפעהלט!

מען האט ארבייט געברויכט, ארבייט, וואס מעהר ארבייט; וואס מעהר וועבער, וואס מעהר הענט! דער פאבריקאנט, דער כשוף־מאכער האט געלד געצאהלט, די ארבייט איז אין געלד געגאנגען... און עס האט א געהענדיג יאהר געדויערט! נאר אז דאס יאהר איז אריבער, איז געבליבען קרענק מיט שארבענס!

אונזערע לייט האבען קיין שכל נישט געהאט מיט דער גוטער צייט זיך צו באנוצען און הויבען דעם פרייז; אלע צוזאמען וואלטען עס אפשר געטאן, נאר צוואוארפענערהייט האט יעדערער באזונדער געוואלט נאר אויסרייסען וואס מעהר ארבייט פאר זיך, וואס מעהר איינצושלינגען פארדינסט! און דער וועבער האט זיך צוגעכאפט צו דער ארבייט, ווי צו א הייסען פלאדען; און עס איז געווארען א כאפעריי, א געשלעגעריי איבער דער ארבייט; מען האט

ארבייט גענומען מיט געוואלד, מיט געוויין, מיט געשריי און מיט קללות! דער פאבריקאנט האט זיך פאר פרייד די הענט געריבען. מיט די פעטע אויגען געבליפעט, קוקענדיג, ווי דער עולם האט געארבייט, צום טויט געארבייט, נישט פופצעהן—זעכצעהן, נאר צוואנציג און צוויי און צוואנציג שעה א טאג האט מען געוועבט! קראנקע זענען פון די בעטען ארויס, די שוואכסטע האבען גבורות באוויזען! מען האט געארבייט און געלט גענומען, מען האט אלע קרעפטען, מען האט די לעצטע כחות פארקויפט! פאר געלט האט מען נייע כחות באקומען! און אומגעגעסען, אומגעשלאפען, האט מען געשווינד געמאכט סחורות און אויסגעארבייט!

און אז מען האט שוין אויסגעארבייט דעם זאפאס, האט מען זיך שוין אויסגעארבייט די כחות, דאס געזונט מיט'ן לעבען.

און אז מען איז קראנק געווארען, איז אויך דאס געלט פאר־שוואונדען געווארען, און קיין נייע ארבייט איז שוין נישט גע־ווען... און מען האט שוין נישט געהאט מיט וואס זיך צו ראַ־טעווען פון דער נויט...

אזוי איז געשעהען, און זאל מארגען נאך אמאל קומען די צייט, וועט דאסזעלבע געשעהען! כל־זמן די וועבער קאנקורירען איינער מיט דעם צווייטען, קאן אנדערש נישט זיין; מוז יעדערער כאַ־פען, וואס מעהר ארבייט, מוז יעדערער וואס מעהר שטונדען זיצען ביי דעם שטול, און וואס מעהר מיר כאפען, און וואס לענגער מיר ארבייטען, וועניגער ווערט ארבייט, וועניגער ברויכט מען וועבער, גרעסער ווערט די קאנקורענץ, פאלט אלץ נידעריגער דער פרייז! ווייטער א פוסטע זאך — א רינג ארום האלז!

דערצו קומען נאך די לוינקעטניקעס! נאר וועגען דעם אין מיינע ווייטערדיגע בריף.

דיין...

## פינפטער בריף.

דו ווייסט נישט, וואס דער „לוינקעטניק" איז? איך וועל עס דיר קורץ און שארף פארטייטשען; איך האב פארגעסען, אז איך רעד מיט א שוסטער, נישט מיט א וועבער.

דער „לוינקעטניק“, ברודער, איז נישט קיין פאבריקאנט, נישט קיין וועבער; נישט ער ארבייט אליין, נישט ער האט ארבייט צו פארגעבען; ער איז נאר א מיטעלמענש — ער נעמט נאר אז ארבייט ביים פאבריקאנט און גיט עס אוועק ארבייטער; דאס הייסט: ער שטעהט אין דער מיט צווישען פאבריקאנט און וועבער, און ווי עס פליהט א קארגער ביסען פון פאבריקאנטס האנט צום וועבערס מויל — כאפט ער עס אין דער לופט, בייסט אפ א האלבען חלק... טיילמאל שלינגט ער איהם איין אינגאנצען, און ווערט נישט דערשטיקט...

און דער לוינקעטניק נעמט אז ארבייט נישט פאר פארטיגע וועבער, נאר פאר לערען־יונגען, וואס ארבייטען אונטער זיין אויפזעהן... זיי לערנען זיך ביי איהם און ארבייטען אומזיסט; טיילמאל צאהלען זיי נאך צו; ערשט נאך א געוויסער, גענוג לאנגער צייט, הויבט ער אן צאהלען, נאר ביסלעכווייז און ביליג. דער לוינקעטניק האט דעריבער צוויי גוטע מעלות: ערשטענס, שיקט ער יאהר־יעהרליך ארוים א נייע פארטיע וועבער־קבצנים, וואס ווארפען דעם פרייז, אבי ארבייט צו באקומען; און צווייטענס, ווארפט ער אליין דעם פרייז, ווייל ער ארבייט מיט פרעמדע, אומזיסטע אדער וועניגסטענס מיט ביליגע הענט און קאן באשטעהן גאנץ ביליג צו ארבייטען. נאטירליך מוז דער וועבער נאכגעהן און דער פרייז פאלט וואס אמאל נידריגער.

אפשר שלעכטע מעלות? קומט זיי נישט דערפאר די וועלט און יענע וועלט?

וועגען יענער וועלט ווייס איך, נאטירליך, וועניג וואס צו זאגען. איך האב שוין לאנג פון דארט דורך גוטע און פרומע לייט קיין ידיעה נישט געהאט; נאר די וועלט האבען זיי, נאטירליך. לעבט דער פאבריקאנט שענער און בעסער, נאר דעם לוינקעטניק'ס ווייב טראגט אויך פערעל אויפ'ן האלז און בענשט שבת־ליכט אין א פאר גרויסע זילבערנע לייכטער.

נאר מרים־לעב וועט ווייטער זאגען, אז איך בין אלעמאל געווען א נוטער און היינט בין איך א שלעכטער געווארען; אז אמאל פלעג איך נישט קוקען יענעם א ז טאפ אריין, און חייפט שטעכט מיך דער האבער, און האב אויף אלץ גרויסע אויגען...

מרים־לעב, עס איז אזוי, און עס איז נישט אזוי!

אמת, אז איך בין אמאָל בעסער געוועזן... עס איז געווען דאַ־מאָלט, ווען מיין פאָטער, עליו־השלום, האָט געלעבט און איך בין אין דערהיים געוועזן... אמת, איך האָב קיין מוטער נישט געהאַט, און דער פאָטער האָט א גאַנצן טאָג מיט שיצן געוואָרפן... נאָר צו עסן און טרינקען האָב איך געהאַט און אויך וואו דעם קאָפּ אנידערצולעגן... אויב איך האָב קינדווייז צופיעל צייט געהאַט, און צו ווייניג חברים, און האָב גענוג צייט געהאַט, זיצענדיג אליין, זיך ארומצוקוקען און אליז באַטראַכטען, האָט עס מיר דאָך ווייניג געשאַדט... דער גערוש האָט זיך פריהער אויפגעוועקט, נאָר גאָר אינגאַנצען אויספלאַנטערן פון קרענצעל איז נישט פאַר מיינע כחות! איך האָב אַסך געקלערט און ווייניג וואָס פאַרשטאַנען... שפּעטער האָב איך מיך, שפּילענדיג, ביים טאַטען וועבערייַ געלער־רענט און די מלאכה איז מיר געפעלען... זי האָט מיר אויסגעוויזען ווי א קונץ, א פיין מייסטערשטיק; אנדערש איז מיר נישט איינ־געפאַלען.

א טאַטען האָב איך געהאַט, ווי איהר ווייסט, א בלאַסען, א דאַרען, מיט טריבע ארומגעלאָמעוועטע אויגען און שאַרפביינינגע באַקען. נו, וואָס איז? גאָט ברוך הוא האָט די וועלט באַשאַפען און אויף איהר פאַרשידענע מענשען געמאַכט, טייל פעטע, טייל מאַ־גערע, טייל לאַנגע, טייל קורצע, און יעדען אַן אנדער פּנים און אנדערע אויגען געגעבען... אבי איך האָב ליעב דעם טאַטען און דער טאַטע האָט מיך ליעב! און איך האָב צו גאָט קיין טענה נישט געהאַט. וואָרים צייט איך האָב דעם טאַטען געדענקט, האָט ער אַזוי אויסגעזעהן, און עס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלען, אז ער איז אַמאָל א געזונטער, פרישער יונגערמאַן געוועזן, מיט ליכטיגע, ברענענדיגע אויגען, וואָס זענען מיין מאַמען מיידעלווייז אַזוי גע־פעלען געוועזן. געוואוסט האָב איך, אז איך האָב א מוטער געהאַט און עס האָט מיר ווי גע'חלומ'ט, אז אין שטוב פלעגט זיך אמאָל ארומדרעהען אַן אַלבאַסטער־ווייס ווייבעל, מיט שוואַרצע ברעמען און בלויע טיפע נאָר ברענענדיגע אויגען. נאָר געזאָגט האָט מען מיר, אז גאָט ברוך הוא האָט זי צו זיך גענומען, זי איז איהם מן־הסתם געפעלען געוואָרען... וועד האָט מיר געזאָגט, אז זי איז אוועקגע־גאַנגען פון דער וועלט, ווייל זי האָט געברויכט ווייַן און פליישׁ צום געזונט און די ביידע זאַכען זענען נישט פאַר אָרעמע לייט?

מען האט עס מיר פארשוויגען, פונקט ווי מען האט פאר מיר גע־האלטען בסוד, אז די וועבעריי זויגט אוים דעם מארך פון די בייי־נער און האט מיר דעם פאטער בלאס, דאר און בלינד געמאכט.

מיין פאטער האט נאך אויף אסטמא געליטען... צי האב איך געוואוסט, אז דאס קומט פון שטויב פון גארן? דער אייגענער גאט. וואס האט מיר א דארען פאטער געגעבען, האט איהם טריבע אויי־גען געמאכט און נאך אסטמא געשיקט — פארוואס? א פראגע עס איז! איך האב א מלמד געהאט, תורה געלערענט און געוואוסט, אז אפילו מלאכים זינדיגען, בפרט א בשר־ודם, בפרט א וועבער... און גאט שטראפט, מען זאל אפקומען אויף דער וועלט!

אז איך פלעג מיך אויפכאפען בייינאכט און זעהן, ווי דער פאטער דרעמעלט כמעט זיצענדיג אויפ'ן קישען און האט א שרעק־ליך שווערען אטעם, פלעג איך מיך באגיסען מיט פרומע קינדיש הייסע טרערען, און בעטען גאט, אז אויב מיין פאטער האט געגען איהם געזינדיגט, זאל ער בעסער מיך שטראפען! און אז איך האב נישט גע'פועל'ט, האט עס מיך וועניג געוואונדערט, ווארים וואס פאר א זכות האט אזא וועבער־קינד געקאנט האבען ביי אזא גרויי־סען שרעקליכען גאט, ער זאל הערען מיין געבעט?!

נאר אפט פלעג איך מיך אויפכאפען און דער פאטער איז נאך געזעסען ביי דעם שטול... טיילמאל האט שוין דער מארגען געגרויט און מיט דינע שטראלען זיך אריינגע'גנב'עט דורכ'ן לאד פון לאי־דען. „טאטע", פלעג איך זיך בעטען, „לעג שוין אוועק די ארבייט. קום שוין שלאפען". — קוים וואס ער דערהערט און ענטפערט מיר: „באלד, באלד, קינד מיינס!" און ריהרט זיך נישט פון ארט. „איך וועל נאר ענדיגען — זאגט ער — דעם שטערן." און איך בין איינגעשלאפען מיט דעם געדאנק, אז דער טאטע איז אמאל אן איינ־געשפארטער און וויל דוקא ארבייטען, כאטש עס טוען איהם די אויגען וועה! ווינטער־צייט פלעגט מיר טיילמאל קאלט זיין אליין אין בעט און עס פלעגט מיר ביטער ווערען אויפ'ן הארצען, טראכ־טענדיג, אז דער פאטער האט ליעבער זיין שטערן ווי מיך, כאטש דער שטערן וואלט איבערנאכט נישט געפרוירען געווארען. און איך ציטער פון קעלט!

אליץ האט מיר מיין מלמד געזאגט און פארטייטשט, נאר נישט דאס, אז מיין טאטע האט זיין שטערן פיינט שנאת־מות, אז נישט

ער וויל דעם שטערן ענדיגען, נאר איך זאל מארגען צו פרישטיק א בייגעל האבען; אז נישט ער וויל דוקא ארבייטען ביינאכט, כאטש ער האט שוואכע אויגען, נאר ווייל ער מוז ארבייטען ביינאכט! פונקט אזוי ווי עס האט מיר קיינמאל קיינער נישט געזאגט, אז פון גארן־שטויב קריגט מען אסטמא...

היינט ווייס איך עס, און דעריבער קאן איך אזוי גוט נישט זיין! היינט ווייס איך, אז די שלעכטע אומבארמהארציגע וועלט האט צו מיין פאטער געזאגט: דו ארבייט אסך, אסך, צאהלען וועט מען דיר ווייניג, און פרנסה בעט ביי גאט! דו ארבייט אסך, מאך א מאסע שטערען אי ביינאכט, אי בייטאג, און ביי גאט בעט א רפואה אויף די אויגען! אכטצעהן שעה אין טאג זיץ אין שטוב איבער דעם שטול געבויגען, שלינג איין פארביגען, פאר'סם'טען שטויב, און וועסט דו אסטמא באקומען, האסט דו א ריינע ברע־טענזיע צו גאט! וואס שאדט עס דיר, אז מיר וועלען דערווייל דיין ארבייט טראגען און פון א טייל פון איהר רייך ווערען? און אצינד רעדט זי אזוי צו מיר!

דער פאטער מיינער האט געגלויבט און שטיל און פרום גע־ליטען; און אפשר האט ער שטילערהייט געוואוסט און נאך טויי־זענט מאל געליטען מעהר פאר מיר? ווער ווייס? מיט קינדער רעדט מען נישט פון אזעלכע זאכען!

צי האט מיין מלמד געוואוסט, ווענען ער האט גערעדט? צי איז איהם גאר איינגעפאלען, אז ער בינדט מיין נשמה מיט פרומען, נאר פעסטען שפינוועבס און ווארפט זי ארויס פאר די הינט? פון וואנען האט ער געזאלט וויסען? ער אליין איז אויך א וועבער גע־וועזען, ער אליין האט אויך בעלי־בתים גערעדט; מיין פאטער איז געשטארבען אויף אסטמא, און ער אויף א לונגען־פעהלער!

נו, איז א וואונדער, אז גענארט פון אלע זייטען, האב איך געלעבט א גוטען טאג און בין א גוטער געוועזען?

ווער שמועסט שפעטער, אז איך האב א געווים פרעהליך מיי־דעל דערקענט און פלעג מיט איהר יעדען אווענט זיך טרעפען אין הויז הינטער'ן טויער? עס האט זיך אנגעהויבען א נייע וואונדערליך לעבען, זיסע לבנה־נעכט און נאך זיסערע חלומות... גאט מיין איינ־ציגער! ווי גליקליך בין איך געוועזען! און ווי גליקליך האב איך מיך געפיהלט ביים ראש־חדש בענשען, ווען דער חזן האט גע־

זונגען „עם כל ישראל אחיהם" — א.. אידען זענען ברידער! א קאטאוועס א מענש האט א זיבעציג־אכט מיליאן ברידער און שוועסטער, און מרים'ל איז איינע פון זיי! איך האב מיך געפיהלט אזוי גרויס, אזוי שטארק, אזוי שטאלץ! ערשט שפעטער בין איך געוואר געווארען, אז דער מזל קאן מיך אויסרייסען פון דער היים און מיך פארווארפען ווי א פוילען עפעל, ערגעץ אריין אין דער פרעמד, וואו דאס הארץ וועט פארגעהן פאר בענקשאפט, און זי וועט בלייבען דארט און שטריקען און וויינען באזונדער; ערשט שפעטער בין איך געוואר געווארען, אז מאריץ פיינבאך, מיין ברויט־געבער, איז מיר גאר קיין ברודער נישט, אז ער האט מעהר רחמנות אויף זיין פערד, ווי אויף מיר! נאר דאמאלט, האב איך נאך דאס אויך נישט געוואוסט, און בין אזוי פריי מיט א שמייכעל אויפ'ן יונגען פנים, מיט פאר'חלומ'טע אויגען און אויסגעשפרייטע הענט, אנטקעגען געגאנגען דער וועלט...

היינט ווייס איך עס, היינט ווייס איך צופיעל... נאר צי בין איך אימיצען מקנא? צי וויל איך דען דעם לוינקעטניק'ס זילבערנע לייכטער? אדער מיין ברויט־געבערס בייטעל מיט געלט? ניין! כ'וויל עס נישט, מיר חלום'ט זיך א ריינע אויפגעראמטע שטוב; בעטען הילצערנע, זאל זיין צו איינציגע קישען, נאר ווייסע, שנייווייסע ציכען! א ברויט אין ווייסען הילצערנעם אלמער. א האלב פונט פלייש צו מיטאג אויף א פערזאן, און וועט גאט א קינד געבען, זאל דערפאר אין דער מוטערס בריסט זיין מילך, פרישע מילך, נישט גאל, נישט סם! אנטון וויל איך מיך ארעם, נאר ריין, זאל זיין געלאטעט, נאר נישט צוריסען! און וואס נאך וויל איך? אז מיין ווייב און מיין קינדס מוטער זאל זיין די, וואס איך ווייס, צו וועלכער ס'ציהט מיך מיט'ן גאנצען לעבען, מיט דער גאנצער נשמה! אט אזוי ווייניג וויל איך. נאר דאס ווייניגע קאן אויך נישט געשעהען, ווייל איך מוז אנדערע שפייזען און אליין הונגעריג זיין! איך בין קיינעם נישט מקנא, דאך פארדריסט מיך, פארוואס בין איך נאר א רינע, וואס לאזט דורך דאס וואסער, און אליין טרינקט זי נישט.

## זעקסטער בריף.

דו שרייבסט, אז איך זינדיג, אז איך פארלאנג צופיעל, כאטש עס האט מיר קיינער דערויף קיין קאנטראקט נישט געגעבען. מרים־לעב זאגט, אז מען קאן לעבען מיט גארנישט, אדער כמעט מיט גארנישט. א אויב מען האט זיך ליעב, עסט מען „וואס עס איז“ אדער „באדיי וואס“... איך אליין האב אויך אמאל אזוי געמיינט; איך האב מיך אבער צוגעקוקט צום לעבען פון מיינע חברים; איך האב עפעס אנדערש געזעהן! איך האב שרעקליכע זאכען געזעהן!

אז איך האב די ערשטע צוויי רובל א וואך באקומען, האב איך א געשריי געטאן און דאמאלט אונטערגעשפרונגען פאר פרייד! מיין ערשטער געדאנק איז געווען אייך א דעפעשע צו געבען. גרייט זאלט איהר זיין! טעלעגראפירט דאך האב איך נישט. עס איז מיר פלוצלונג א שאד געווען דאס געלט! נישט מיינס, נאר מרים־לעבס געלט איז מיר א שאד געווען! עס איז שוין איהר געלט געווען! איך וועל בעסער שרייבען, און איך האב ביינאכט געשריבען, נאר צומארגענס דעם בריף נישט אוועקגעשיקט.

אין אוונט בין איך צו מיינעם א באקאנטען וועבער געגאנגען; איך האב געוואוסט, אז ער איז נישט דריי יאהר נאך דער חתונה, און איך האב געוואוסט, אז עס איז א ליעבע געווען און מיר האט זיך געגלוסט, עס האט מיך געצויגען צו זעהן כאטש איין אוונט. כאטש איין סצענע פון א גליקליך, היימיש לעבען. אויף וועלכען איך האב אזוי געהאפט! דערווייל דורך א שפארע אריינקוקען און זעהן, ווי עס פיהרט זיך אין גן־עדן. און איך האב געזעהן!...

איך האב געזעהן צוויי קראנקע קינדער, איינס האט דיפטע־ריט באקומען און דאס צווייטע האט זיך זעראזשעט... זי איז גע־זעסען ביים טיש געבויגען איבער א נעה־מאשין, און ער, דער פאר־ליעבטער מאן, איז ארומגעגאנגען אויף און אפ, ביין און ווא־פענדיג מיט די הענט! אז ער איז נעהנטער צו מיר צוגעגאנגען, האב איך ביי איהם געזעהן טרערען אין די אויגען; נאר די טרע־רען זענען מיר עפעס נישט געפעלען, און פון מויל האב איך א ריח

פון בראנפען דערפיהלט... איך האב מיך געשווינד צוריקגעצויגען, נאר געשלאָפען יענע נאכט בין איך שוין נישט...

איך בין געלעגען מיט א פערענע אויבען און האב באשיינ־פערליך אהן אויפהער געזעהן דאס בילד, ווי זי זיצט איבער־געבויגען אויף דער מאשין; איך האב איהר פּנים נישט געזעהן, נאר זיכער געפיהלט, אז עס איז דערשראָקען, פארציטערט און בלאס, און פון די אויגען פאלען גרויסע, גרויסע טרערען, ווי די ארבעס... און די פּלייצע פלאטערט און ציטערט... און עס האט זיך אלץ געדאכט, אז אט געהט ער צו און דערלאנגט איהר מיט דער פויסט אין פּלייצע אריין... אויב נישט היינט, וועט ער עס מארגען טון... ער וועט שוין קיין איינציג מאָל נישט אהיים קומען ניכטער...

איך האב געזעהן דערנאך נאך אנדערע זאכען. מען טייט מיט פינגער אויף עלטערען, וואס האנדלען מיט פלייש — פון אייגענע טעכטער... איך האב געזעהן קינדער, וואס ווארפען ארויס די על־טערען, ווען זיי הערען אויף שוין פארדינען...

א, איהר קאנט עס גארנישט פארשטעהן! נישט נאר לייוועגט און וואלען־צייג, וועבען מיר, מיר וועבען אויס גאר פונקט נייע מנהגים, נייע מדות פון דער נאָדעל! אויך וועבען מיר אויס תכריכים פאר דער אלטער, גוטער און פרומער וועלט, און מען וועט זי אין זיי באגראבען... און עס וועט אויפשטעהן א נייע, פוילע, דורך און דורך פארפוילטע וועלט. און ווער עס וועט נאך האבען א ריינערע נשמה וועט פון איהר אנטלויפען, וואו עס וואקסט אפילו קיין פעפער נישט!...

ד י י ן ...

## אכטער בריף*).

מזל טוב! ענדליך האסט דו דיך געריהרט פון ארט! הונגער און נויט האבען אויף דיר נישט געווירקט, נאר די וועלט, האסט דו מורא, זאָל נישט אונטערגעהן, די ריינקייט און פרומקייט זאָל נישט פארלוירען ווערען!

*) דער זיבעטער בריף איז ערגעץ פארלוירען געגאנגען.

און אויף אז המצאה האסט דו געפאלען: קודם־כל שרייבסט דו, דארף מען די לוינקעטניקעס אונטערברענגען!

דו האסט אפילו קיין אמעריקא נישט אנטדעקט, אפילו קיין פולווער נישט געפונען, ווייל דאס האט מען שוין פאר דיר געטאן. דיין ליעדעל זינגען שוין די פייגעל אויף די דעכער! נאר א נאנ־ראדע ביסט דו ווערט און איך וועל דיר דערפאר דערציילען די מעשה פון די פאר אויגען, וואס האבען אזוי פייערדיג אויף א פרעמד ברויט געקוקט!...

אמאל, און דוקא ערשט נישט לאנג, איז געוועזען א וועבער, גראד א גוטער וועבער, נאר, ווי מען פלעגט זאגען, נישט מעהר קיין קלוגער, אדער דער קאפ זיינער איז נישט אויף זיין ארט געשטא־נען, אדער עס האט דארט אינעווייניג עפעס געפעהלט. נאר דער־פאר האט ער געהאט א ברייט אויסגעוואקסען הארץ, וואו, אויסער זיין אייגענעם פארטרעט, איז נאך געהאנגען דאס בילד פון אלע וועבערישע צרות, און ווייל עס איז זעהר גרויס געוועזען, האט עס כמעט זיין אייגענעם פארטרעט פארשטעלט, און דעריבער האט ער אפט זיך אליין נישט געזעהן! ער אליין האט גענוג פארדינט — די צייטען זענען נאך עטוואס בעסער געוועזען, ער האט זאגאר א געליעבט מיידעל געהאט און נאר וואס געוואלט חתונה האבען. נאר א געדאנק האט זיך איהם ארייגעשלאגען אין מח און דער געדאנק האט איהם צורעכט געמאכט. ער האט זיך איינגערעדט, אז אויב יעדער איינציגער וועבער איז, באזונדער גענומען, א שוואך, ווייך ריטעל, וואס דער ערגסטער לוינקעטניק דרעהט זיך ארום, אויב ער וויל, ארום פינגער, וואלטען אלע צוזאמען געקאנט זיין א שרעקליך שטארקער בעזים אויסצוקערען און ארויסצוווארפען מיט'ן מיסט נאך עפעס בעסערס ווי א לוינקעטניק איז, נאר מיט וואס בינדט מען דעם בעזים?

און א שלעכטע נאטור האט ער געהאט, שטענדיג אפען צו האלטען דאס מויל, און וואס פאר א גרינער פויגעל עס איז איהם געבוירען געווארען אין דער קליינער נעסט פון קאפ, פלעגט ער באלד ארויספליהען פראנק און פריי אויף דער פרישער וועלט... על־טערע מענשען האבען איהם געווארענט, ער זאל נישט זיין סהל'ס פארזארגער, ווייל קהל צאהלט מיט שטיינער פאר ברויט; דאס געליעבטע מיידעל האט איהם געהאלזט, געקושט און געוויינט, ער

זאל זיך נישט מאום מאכען דאס מויל מיט א בעזעם, נאר ער האט זיך געהאלטען ביי זיינעם, אז מען דארף בינדען א בעזעם!

און גערעדט דערפון האט ער ווארעם, מיט הארץ, מיט בלוט, די וועבער האבען וועניג פארשטאנען, נאר גוט געפיהלט, און פלעגען מאכען ארום איהם רעדלעך, און אז ער האט גערעדט, האבען טייל געזיפצט און טייל געשאלטען. נאר פון דעם איז ער נישט צופרידען געווען. ער פלעגט זאגען, אז פאר טויזענט זיפצען וועט דער בעקער קיין איינציג ברויט נישט געבען, און פון א מיליאן קללות וועט זיך ביים לוינקעטניק א־ין מויל קיין איינציגער צאהן נישט קריצען... נאר וואס דען ווילסט דו, לעבען מייגם? א בעזעם וויל ער מאכען, נאר א בעזעם...

און עס האט זיך אנגעהויבען צו בינדען א בעזעם! דער עולם האט זיך צוזאמענגענומען און געשוואוירען, מעהר ביי קיין לוינקעטניק קיין ארבייט נישט אנצונעמען! די, וואס ארבייטען שוין, זאלען אוועקגעהן!... און באלד איז געפאלען געלט, מען זאל אויפהאלטען די, וואס געהען אוועק, ביז זיי וועלען דירעקט פון פאבריק קיין ארבייט נישט באקומען! איז עס געווארען א רעש אין די גרויסע וועלטען; דערשראקען און פארציטערט זענען ארומגעלאפען לוינקעטניקעס, שטיל און ווי ווייט מעגליך ערעל האבען אפילו פאבריקאנטען גערעדט! און די וועבער האבען זיך געפרעהט, הא! עס שטעקט דאך א קראפט אין ארעמע לייט, מען דארף זיי נאר וועקען, וועלען זיי וועלטען איבערקערען! א גדולה, א פרייד!...

עס איז א פיינער, פארביגער זייפענבלאז געוועזען, נאר ער האט צו געשווינד געפלאצט! ערשטענס זענען געווען עטליכע שלעכטע וועבער, וואס האבען קיינמאל קיין ארבייט נישט געהאט, האבען זיי זיך באלד ארייגעשלייכט צו די לוינקעטניקעס און אנגעהויבען צו ארבייטען... אנדערע האבען זיך דערשראקען און געשווינד צוריק זייערע ערטער פארכאפט; די רעשט האט עס דערזעהן און אליין געמוזט זיך מתיר נדר זיין און נאך איבערבעטען דעם לוינקעטניק: „זיי אונז מוחל, עס איז גארנישט אונזער הויט, כאטש זי ליגט אויף אונזער לייב. שינד, וויפיעל דו ווילסט!“ און דאס לעבעדיגע וואסער איז צוריק אין דער קאריטע אריין, צוריק דאס אלטע לעבען!

נאר א נייעס איז געשעהען: דעם מענש מיט'ן הארץ האט

מען פון פאבריק ארויסגעוואָרפען און ער האט שוין אין ערגעץ קיין ארבייט נישט באקומען. די געליעבטע כלה האט נאטירליך צוריי־סען די תנאים... די וועבער האבען געשוויגען; מען וועט דאך פאר איין מענש וועגען נישט אוועקוואָרפען די פרנסה!

געשעהען איז עס נאך איי־ער איך בין געקומען. נאר איך האב נאך די זכיה געהאט צו זעהן, ווי דער מענש מיט׳ן ברייטען הארץ האט געקוקט אויף א לעבעל ברויט ביי דער זיצערין אויפ׳ן טיש.

ד י י ן . . .

## ניינטער בריף.

איך האב גארנישט געוואוסט, אז מיין מרים־לעב האט אזא דעה ביי גאָט! — קוים האט זי אין לעצטען בריף געוואונשען מיך כאטש נאך אמאל צו זעהן, פאהר איך שוין אהיים!

עס פעהלט נאך אפילו אויף הוצאות, נאר איך האב נאך עט־ליכע איבעריגע זאכען צו פארקויפען... דאס בעט מיט׳ן קישען און קאלדרע, מיט׳ן שעניק אפילו האב איך שוין פארהאנדעלט; איך האב אבער נאך אן איבעריגען ראק און צוויי־דריי איבעריגע העמ־דער.

אויף הוצאות וועט גענוג זיין. אנישט וועל איך צושפרייזען צו־פוס.

און פאהרען אהיים פאהר איך דורך גאר א פשוט׳ע זאך; איך האב א נארישען פעהלער געמאכט און מוז אהיים פאהרען.

די מעשה איז אזוי געוועזען: צייט איך האב די וועלפישע אוי־גען געזעהן, האב איך מיר געטראכט: בעסער א לויט שכל איידער א פונט הארץ! בעסער ביינאכט אפען צו לאזען די טיר, איידער ביי־טאג דאס מויל. ציין נוצען צום עסען, נאר נאך מעהר די צונג איינצובייסען, אויב זי וויל זיך אן איבעריג מאל איבערדרעהען. דער מענש איז טאקע געקרוינט און געהויבען איבער אלע חיות מיט די רעד, נאר „גוט מארגען — גוט יאהר“ איז גענוג גערעדט און וואס איבעריג — שאדט! און נאך אזוינע גוטע און קלוגע זא־כען האב איך מיר געטראכט און איינגעקארבט, אבי איך זאל קיינ־

מאל, אזוי ווי יענער מיט'ן ברייטען הארץ און אפענעם מויל אויף א זיצערינס ברויט נישט ברויכען צו קוקען...

פון אזא קוקען — האב איך געטראכט — קומט קיין גוטס נישט ארויס, אויפ'ן בעסטען פאל קומט מען דערצו, אז מען כאפט א ברויטעל.

און וואס וואלט מיין פרומער מלמד געזאגט? ער וואלט זיך באלד געשטעלט פאר'ן בית־דין של מעלה און עדות געזאגט, אז ער אליין האט מיך געלערענט: „לא תגנוב! ריהר נישט קיין פרעמדס!"

ווארים, ווי דו ווייסט, איז מיין פרומער מלמד א קורצזיכ־טיגער געוועזען, און קוים וואס ווייטער פאר זיין אייגענע נאז נישט געזעהן... אז דאס ווייב פלעגט איהם אנידערלעגען א ברויטעל אויפ'ן טיש, האט ער געזעהן ברויט, מעהר נישט ווי ברויט! ווער ברויט, וואס ברויט? ווי קומט עס צו איהם? פון וואנען נעמט זיך ברויט? ווער האט געזייהט, ווער געשניטען, ווער געמאלען, ווער געבאקען? וועמעס שוויס שטעקט דערינען, וועמעס בלוט? דאס האט ער קיינמאל נישט געזעהן... פון הימעל אראפ, צי פון אונטער דער ערד ארויס וואלט ער געשריען: גנב! און אויף מיר וואלט דאס הימעל געברענט!

נאר וואס קומט ארויס, אז דער מענש דענקט און די צרות (אייגענע צי פרעמדע) לענקען! אז ווי ענג עס איז נישט ביי אײ־נעם אין הארצען, פאלט דאך אמאל אריין א נארישקייט; איידער דו קוקסט זיך אום, האסט דו עס אפגעטאן און פארפאלען, — כאטש קנייפ דיר אויס די באקען. מיין געוועזענער ברויט־געבער זאגט, אז ער האט זיך אויף מיר נישט גערעכט; איך אליין וואלט עס אויך נישט געגלויבט! און דאך מוז עס אמת זיין, והא ראיה: איך פאהר אהיים!

נאר צו דער זאך! עס איז דא אמאל געוועזען א גרויסע ווער־בערשע חברה מיט'ן נאמען „פועלי־צדק". אט א אידישע חברה, אויף וועלכע אלע האבען דורך די פינגער געקוקט, ווייל מען האט דארט נישט מעהר ווי געדאווענט און שבת אלשיך געלערענט... צי האבען שוין די אלטע וועבער געפיהלט, אז זיי מוזען דאווענען באזונדער, בעטען אויף עפעס אנדערש איידער זייערע ברויט־גע־בער? ווער ווייסט? נאר מיט דער צייט איז דער דאווענען כמעט פון דער מאדע ארויס, און אויפ'ן ארט פון אלשיך הערען שפאר־

צירט דער עולם הינטער דער שטאָדט און באמיתט זיך אויסצו־אטעמען דעם שטויב פון גאַרן. וואָס מען האָט אָנגענומען אַ גאַנצע וואָך... מיט דער צייט האָבען אויסער עטליכע, גאַנץ אַלטע ווע־בער, מיט די אַלטע טליתים און זילבערנע עטרות — אַ זכר פון די אַמאָליגע גוטע צייטען, — אַלע אין דער חברה פאַרגעסען... נאָר לעצטענס, אַז מען האָט מיט אַמאָל געוואָרפען דעם פּרייז, האָט עס דעם עולם אונטערגעטראָגען; עס איז געוואָרען אַ רעש, אַ מהומה. וואָס טוט מען? וואָס נעמט מען פאַר? און פּלוצים האָט מען זיך דערמאָנט, אַז עס איז אַ חברה פאַראַנען, אַז עס איז דאָ אַן אָרט, וואו זיך צוזאַמענצוגעהן און אַ וואָרט צו רעדען! און דער עולם האָט זיך געלאָזט אין „פּועלי־צדק“ אריין, און האָט מיך גע־שלעפּט... די מאַכע איז ווי אַ פערד, זיך נישט אָפּצורייסען!

צי האָסט דו אַמאָל געזעהן, ווי פונקען פליהען איבער אַ שמי־דעריי? מיליאָנען פונקען, און זיי וועלען נישט אָנצינדען קיין איינציגע שטרוי אויפ'ן דאַך! נעם זיי אָבער צוזאַמען, וועלען זיי אַ וועלט פאַרברענען! דאָס איינענע איז אַ חברה! קוים איז זיך דער עולם צוזאַמענגעקומען, האָט געברענט! עס האָבען טויבע געהערט, שטומע גערעדט, לאַמע זענען אויף־און־אָפּ געלאָפען, פּאַ־ראַליזירטע האָבען נאָר פּאַטשען געוואָלט, נאָר פּאַטשען... אַנדערע האָבען געשריען, אַז כל־זמן מען וועט נישט געפינען צוויי—דריי ברויט־געבערישע בייכער צושניטען אינמיטען מאַרק, וועלען די צרות קיין ענדע נישט נעמען!

איך האָב פיינט פּאַטשען, פון צושניטענע בייכער קאָן איך בטבע נישט הערען, און איך וויל זיך אַרויס'גנב'ענען פון עולם מיט די שאַרפע צונגען, נאָר שטומפּיגע קעפּ; ליידער, האָט מען מיך באַמערקט און עס איז פּלוצלונג אַ געשריי געוואָרען: ער אַנט־לויפט. מסר'ן געהט ער! מסר'ן! און די ווערטער זענען געגאַנגען גע־ווען. איך וויל צוריק געהן, אַרויפשפּרינגען אויפ'ן ערשטען טיש און אָנהויבען רעדען. גלייך מיר וואָלט אויך עפּעס געפּעהלט אין קאָפּ און דאָס האַרץ וואָלט זיך מיר אויך צוזאַמענגעקסען אין דער לענג און אין דער ברייט.

זאָל איך אייך איבערגעבען מיינע נאַרישע רעד? נאָר וואָס? איך האָב נאָר געוואָלט די וועבער זאָלען זייער אייגען געשעפט פאַרשטעהן, זיי זאָלען איינזעהן, אַז ערשטענס מוז מען זיך פעסט

צוזאמענהאלטען, אז די „פועלי־צדק" דארפען אויפגעפרישט און געשטארקט ווערען, אז מען מוז זאמלען געלט, געלט פאר קראנקע, געלט פאר אלטע אהן כח, געלט פאר וועבער אהן ארבייט, געלט פאר אלע אויף דער שלעכטער צייט, ווען עס לוינט זיך נישט צו ארבייטען... און דער עיקר איז, אז קיינמאל דארפען וועבער צווישען זיך נישט קאנקורירען, נישט מיט'ן פרייז, נישט מיט פארלענגערען די צייט פון דער ארבייט... איך האב זיי דערצעהלט, אז ערגעץ אנדערש ארבייט מען נאר צוועלף, אין אויסלאנד נאר צעהן שעה. אויף א טייל ערטער נאר אכט. איך האב זיי געזאגט, אז א מענש איז קיין פערד נישט און, אז פערד ארבייטען דאך וועניגער פאר'ן פוילסטען וועבער... און נאך אזוינע זאכען, וואס א מענש מיט שכל האלט ביי זיך און רעדט נישט ארויס. דו ווערסט אפשר אנדערש זאגען, מרים־לעב? דו האסט דאך שטענדיג ליעב געהאט מיך אפצושפארען, צו זאגען פארקערט, נאר דערפון וועלען מיר שוין רעדען אין דערהיים! דערווייל האט מיר געשאדט.

די גאנצע צייט, וואס דו האסט פון מיר קיין בריף נישט ערהאלטען, בין איך געזעסען און גאט וויסט פארוואס? ערשט ווען מען איז אויף זיכער געווארען, דערנאך, אז איך האב אפגעהאלטען פון פאטשען און בייכער־שניידען, האט מען מיך אפגעלאזט, נאר געהייסען ארויספאהרען אויף א פאר יאהר פון שטאדט... א וועבער, זאגען זיי, דארף זיצען און ארבייטען, נישט שפרינגען אויף טישען און רעדען...

שלעכט, נאר צוויי זאכען טרייסטען מיך! ערשטענס, איך האב א זאמען געווארפען און איך בין זיכער, אז ער וועט וואקסען; פון דערווייטענס זעה איך שוין, ווי ער וואקסט! און ער וואקסט ווי עס באדארף צו זיין: אין דער טונקעל, שטיל און באשיידען, עס דארף קיין האן נישט קרעהען! און צווייטענס, וואס מרים־לעבס וואונש וועט ערפילט ווערען און מיר וועלען זיך זעהן... גיך און באלד זעהן... גרייט נאר אן אביסעל זאלץ, איינצורייבען מיר די פלייצעס, מען האט זיי מיר אביסעל צוהאקט...

דיין...

## איין איינציגער בריף פון שוסטער צום וועבער.

איך שרייב געשווינד און אין איין ציטערניש, האב גאט אין הארץ, פאהר וואו דו ווילסט, נאר קום נישט אהער, איך האב קוים, רייח גע'פיעל'ט ביי דער שוועסטער. זי זאל לאזען איינעם ארייג־גע־ין, א פיינעם בעל־מלאכה, אן אלמן... די ארעמע מרים האט זיך גענוג די הענט געבראכען, און די אויגען אויסגעוויינט, איידער זי איז באשטאנען, אצינד וועסט דו קומען און די גאנצע זאך וועט צורודערט ווערען! און זאג אליין, חתונה האבען ווילסט דו נישט און, ווי דער אמת איז, אצינד קאנסט דו נישט, נאך וואס זאלסט דו איהר שטערען אין וועג? דו אליין פארדינסט ווייניג, — איך אסור אויב איך בין בכח זי אויסצוהאלטען, איך האב מיינע אייגענע גענוג. אויב דו ביסט אן עהרליכער מאן, פאהר ערגעץ אנדערש אוועק... געדענק אז גאט! —

# נעילה

א הינקעדיגער „ערל“ איז געקומען אין שול אריין און אנגע־צונדען נייע ליכט אין די הענג־לייכטער און אין די רעהרלעך אויף די שטענדער.

דער ווייסער עולם האט אנגעהויבען אויפ׳ס־נייע צו קרעכצען; די, וואס האבען גערוהט, קומען צוריק פון פאליש; מען הויבט זיך פון די בענק. —

— יתגדל!

ציהט דער הייזעריגער חזן.

דער עולם בארעקט זיך מיט די טליתים, די ווייבערשע שול לאזט פלוצים ארויס א געוויין... עס ווערט א נעקלאפעריי אויף די שטענדער, די ווייבער זאלען שווייגען. זיי הערען דאך נישט אויף, און א קאמישער כעס באוויזט זיך אויף די פארוויינטע, בלייכע פנימ׳ער פון די מענער.

— שמיה רבא! — האט זיך ארויסגעריסען דעם חזנ׳ס קול.

די ווייבער זענען אביסעל שטילער געווארען, די מענער האבען זיך צושאקעלט און אונטערגעהאלפען, מיט די זינגער צוזאמען, מיט א וויינענדיגען: איי־איי־איי...

נעילה!

דער הימעל וועט זיך שפאלטען און באלד זיך צוריק פאר־שליסען; פארמאכט וועלען ווערען די טויערען פון געבעט... און דער עולם איילט זיך!

יעדער פיהלט, אז אויב נישט היינט, וועט ער שוין א גאנץ געהענדיג יאהר אזא געלעגענהייט צוצוקומען צום הימעל נישט האבען. הושענא־רבה איז אויך א טאג, עפעס א צולאג צו ימים־נוראים, נאר שלעכט איז שוין דעם, ווענעמס משפט מען לעגט אפ... גלייכער באלד, באלד!

און די ווייבערישע שול שלעפט־מיט די מאנישע... די נעילה־דיגע שמונה עשרה ווערט דערטרונקען אין הייסע, ברענענדיגע טרע־רען. עס רוישען וויגטען, טייכען ברומען, אלטע וועלדער ברוי־זען... עס רוישט און זעצט דאס אלץ צוזאמען —

— ובכן תן פחדך !... — וויינט איינער פריהער, איינער שפע־טער, נישט דוקא מיט דער אמת'ער כונה... זעהסט דו שוין, עס געהט אסך אן דעם ציהאנקאווער בעדער, אז פאראל, וואס בינדט איהם די בעזעמלעך, האט פאר עפעס אנדערש פחד; זיין דאגה... און גאר שלמה זעץ, דער שעהנער בעל־הבית, וואס אפילו אינמי־טען דער שמונה עשרה מוז ער זיך אלעמאל ארייגשטעקען די האנט אין דער ווייסער בארד און צוטיילען זי אויף צוויי —

אויך זיין עסק, באשר — אסך קריסטען זענען עס דא אין ציהאנאווקע! דער וואיט מיט'ן שרייבער איז גלייכער, וואס זיי זענען קריסטען, גאט זאל היטען פאר א אידישען טשינאווניק. די הויט וואלט ער אפגעריסען. בלייבט דער הרובע־הייצער, דער ערוב־שומר, — ווער דען וועט הייצען אין הרובע? אויף דער פאר־שטאדט וואוינען אפילו קריסטען אין אסך קליינע הייזלעך, אפילו ריינע, אויסגעפוצטע, מיט פארהענגלעך און וואזאנען אין די פענס־טער, נאר ווער רעדט פון פויערים... זיי מעגען בלייבען ביים טעות!... נאר, רבונו של עולם... „ובכן תן פחדך" — זאל זיך זיין שנור נישט וועלען גט'ען מיט'ן זוהן צוליעב דעם חולי נופל, זי מעג זיך צוגעוועהנען... „ואימתך" — איז ער שטארק ממתיק און האט אין זין, אז עס איז בארט א שאד, וואס ווייץ איז דאס יאהר ראפ־טום גיפאלען — רבונו של עולם, טראכט ער, „ויעשו כלם אגדה אחת" — מען זאל זיך מאכען טאקע איין האנט און האלטען דעם מקח... „לעשות רצונך בלבב שלם!"...

— אוי וועה, טאטע! — שרייט ער אויס אינמיטען... „שמחה לארצך וששון לעירך"... און איהם אין מוח ברענט: נאך א יאהר אזוינס ביסט דו קאפוט!...

— אתה בחרתנו, — שרייט מיט א קול בענדעט דער חייט... און חזר'ט זיך איבער: אתה בחרתנו! דאס ווייב איז איהם, נע־בעך, קראנק שוין א פאר יאהר, זי שפייט, נעבעך, מיט בלוט, און מען וואוינט אין איין שטוב... עס וויל קיין קונה די שוועל נישט איבערטרעטען! — טאטע זיסער, אתה בחרתנו! עס איז דאך מיין

זונג געוועז... אהבת אותנו... איך האב זי דען שלעכט באהאנ־דעלט, ורצית בנו, האב איך דאס געמיינט, דאס געוואלט? וקרבתנו מלכנו לעבודתך... וואס פאר א טעם האט מיין ארבייט? אזוי קלאגט ער אפ ביז „אין קץ לאשי חובותינו"... דא האט ער זיך צולאזט אויף א קול — חובות האט ער מעהר ווי האר אויפ'ן קאפ.

דער עולם איז שוין אויסגעגאנגען שמונה עשרה; מען ווארט נאר אויף חיים בער'ן. דער שמש האט שוין שטארק חשק געהאט צו געבען א קלאפ אין שלחן, נאר חיים בער'ס א קרוב, יונה וואלף דער סאדאווניק, דער גבר אלים אין שול, האט איהם פארהאלטען... זאל ער זיך אויסוויינען, אויסכליפען... חיים בער איז א איד מיט אכט קינדער און ממש אהן א שטיקעל ברויט.

— ואין אתה חפץ במיתתם — כליפעט נאך חיים בער... במיתתם! פאר הונגער, טראכט ער, פראסט פאר הונגער, מיינע ווערים, רחל...

— ולמה תמותו? פאר וועז, פארוואס וואס האבען זיי גע־זינדיגט, די ארעמע שעפעלעך...

— יסורים וחלאים רעים! דערביי זענען זיי נאך קראנק, — שקארלאטינע, מאזלען, ווערים, ציין — רבונו של עולם!...

---

דער חזן האט אנגעהויבען, דער עולם האט זיך צוזעצט פאר די שטענדער און אונטערגעהאלפען צו דער הויכער שמונה־עשרה. טייל זענען געבליבען שטעהן, אנגעשפארט אן דער קיהלער וואנט מיט די ברענענדיגע שלייפען און שטילערהייט געכליפעט...

איינער פון זיי איז טאקע חיים בער.

נעילה, באלד ווערט פארמאכט דער טויער, עס איז טייער יעדע מינוט, יעדע רגע... ער גיסט און גיסט מיט טרערען.

ווי לאנג איז דען גאר, אז חיים בער איז געווארען א יונגערמאן, א בעל־הבית'ל?...

פאר א יאהר נייז—צעהן האט ער נאך ברייט געזונגען „חמול על מעשיך ותשמח במעשיך" גאר מיט א ברייטען, לוסטיגען קאפ... ער דערמאנט זיך אפילו א חטא... עס ווערט איהם חיים אין

אלע אברים... ער גערענקט, אז ער האט זיך דאמאלט אומישנע הויך צוזונגען, הויך, לעבעדיג און לוסטיג, רחל זאל הערען אין דער ווייבערשער שול.

זאגענדיג, האט ער דאמאלט געקוקט אויפ'ן פארהענגעל פון פענסטער, וואו זי פלעגט שטעהן, און עס האט זיך איהם געדאכט, אז עס ווערט קיילעכדיג־בולט צווישען די גראטען... זי מוז אודאי ארופקוקען...

א, דאמאלט האט ער גאר אנדערש אויסגעזעהן יום־כפור.

א פרישער יונגערמאן, א נייער טלית, א שפאגעל בייער, ברייטער קיטעל — צוויי עטרות... דער גארטעל, די יארמולקע האבען געגלאנצט מיט גאלד און זילבער! שווארצע לאקען, א שווארץ בערדעל, ווארעמע שקארפעטקעס...

פראנק און פריי האט ער זיך ארומגעקוקט; עס איז איהם לייכט געוועזען אויפ'ן הארץ! ערשטענס, האט ער נישט שטארק געגלויבט אין הטאים. אט, זעהסט דו שוין, ער מאכט זיך אסך דארויס... יונה וואלף האט איהם אמאל געגעבען א פאטש אומזיסט, און דוקא אין בית־המדרש, שבת הגדול ביי דעם רבי'ס דרשה... נו, האט ער איהם דען נישט מוחל געווען?

מוחל געוועזען א פאטש... זאל דער רבונו של עולם נישט מוחל זיין א מוקצה'לע, א ריין אין דער קווארט צום וואשען? — ווייטער, וואס זינדיגט ער? אחטא ואשוב, האט ער נישט געזאגט. יום־כפור איז מכפר, דער תענית איז מכפר, די רעשט וועט אויך, מיט גאטס הילף, אפגעווישט ווערען...

און ער פלעגט גאנץ הערצליך צוזינגען; אז עס איז איהם היים געווארען, פלעגט ער ארויסגעהן אין פאליש זיך אפקיהלען. אז דער מאגען האט איהם דערמאנט אין אכילה, האט ער איהם געזאגט מיט גאוה: שטיל, קישקע! איך מעג האבען א טאג קרעדיט ביי דיר! איך וועל דיר באצאהלען מיט פראצענט, וועניג כפרות האט רחל'ע געשאכטען?

היינט קומט זיין פום נישט ארויס איבער דער שוועל פון שול, פון כל־נדרי ביז נאך נעילה... איבער דער גאנצער צייט שטעהט ער. ער זינגט נישט. נאר וויינט און בעט זיך... ער הויבט שוין א גלויבען אין זיינע הטאים... ער מוז דאך האבען חטאים, און שטארקע, שרעקליכע... כאטש ער ווייסט נישט פון זיי...

אנדערש, איז נישט מעגליך, עס זאל א מענש אזוי יאגען און אומגליק!

„ובכן" — האט אנגעהויבען דער חזן צו דרעהען ווי אן עגבער. דער עולם איז נאך רוהיגער געווארען, זעלטען האט איינער שוין אויסגעכאפט ביים חזן אווארט פון מויל...

דער חזן זאגט די שמונה עשרה, און חיים בער שטעהט נאך אלץ, אנגעשפארט מיט'ן קאפ אן דער וואנט. עס דאכט זיך, אז ער דאווענט, אין קאפ דאך ליגט נישט די כונה פונ'ם דאווענען.

„כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ" — איז דער דין מטעים. אודאי וואלט אונזער חיים בער געוואלט, אז דער וואיט מיט'ן שרייבער זאלען אביסעל בעסער ווערען... דער וואיט — ווי דינער וואיט, מיט א טרונק־בראנפען קויפט מען איהם איבער... נאר דער שרייבער! מען הערט נישט מעהר, נאר ניעדאאימקעס... פון וואנען, פון וואס?... פון א קורצע צייט הערט ער איהם אפילו ווי די קאץ: שוין א פאר יאהר האט ער קיין כלי און קיין בעט־געוואנט נישט. דאס הייזעל איז שוין לאנג פארקויפט... שריי חי־וקים: ניעדאאימקי, — נעם, אויב דו קאנסט! און וואס הייסט ניעדאאימקי? באשר, טשאכנאווקע איז אמאל א שטאדט געווען, מיט א מאגיסטראט, מיט פאליציי, מיט קאנסענסען, מיט... זאל ער הייגט, — הייגט, ווען טשאכנאווקע איז א גמינע, און ער שטארבט פאר הונגער, אפצאהלען חובות!... אודאי, ווען חיים בער זאל נאך דארפען אויסלייזען דאס קישען, מורא האבען, מען זאל איהם נישט פארקויפען דאס הייזעל, וואלט ער נאכגעזאגט דעם חזן מיט גרויס כונה „כי תעביר"... אבער הייגט, לאכט ער אויס'ן וואיט, טייטעלט מיט די פינגער אויפ'ן שרייבער...

ער האט אנגעשפארט דעם קאפ אויף דער האנט און הוידעט זיך, און די ליפען זאגען נאך „יעלה ויבוא"...

„זכרוננו ופקדוננו וזכרון אבותינו"...

ער האט זיך דערמאנט, אז זיין טאטע איז געוועזען א כשר'ער איד, זיין שווער איז געוועזען א סופר, און ער טראכט, אז עס וואלט א יושר געווען, זיי זאלען זיך דארטען מיהען פאר איהם...

פאר דאס זאגט ער שוין נאך אהן כונה: „וזכרון משיח בן דוד עבדך, וזכרון ירושלים עיר קדשיך..."

מיינט נישט, חלילה, אז חיים בער איז א געגנער פון ארץ־

ישראל, אז ער לייענט, חס ושלום, דעם „וואָסכאָד" און האַלט נישט פון קאַלאַניעס. אָדער, אז ער איז, חס ושלום, אן אפיקורס און גלויבט נישט, אז משיח וועט קומען. אז ער מוז קומען און קאָן יעדען טאָג קומען; חיים בער איז א קלוגער יונג, א בעל־המציאה'ניק, דאָך — א פשוט'ער איד, א איד, ווי אלע אידען. ער גלויבט אין דעם אלעם באמונה שלמה... זאָל משיח כאָטש מאָרגען קומען!

אויף דער פאַפּירענער בריק צו געהן איז ביי איהם א קליי־ניגקייט, ער וואָלט געלאָפען גאָר אָהן א ישוב. אין ירושלים וואוינען — מהיכא תיתי, עס איז שוין אפילו צייט, עס איז שוין לאַנג „כלה פרוטה מן הכיס"... נאָר — איידער עס וועט זיין מלחמת גוג ומגוג, איידער דער טערק וועט מנצח זיין אלע שבעים אומות, איידער אליהו און משיח בן יוסף וועלען קומען, איידער נאָך משיח בן יוסף וועט גע'הרג'עט ווערען, קאָן ער זיך נאָך געגוג אָנשטאַר־בען פאַר הונגער... ער און רחל, מיט אלע זיבען קראַנקע און גע־זונטע קינדער! רבונו של עולם, וואו איז דיין רחמנות?!

ער פיהלט דאָך, אז שולדיג איז ער זיך פאַרט אליין. פריהער ער, דערנאָך אפילו דער רבונו של עולם אויך... צי האָט ער נישט געקאָנט האנדלען? א געוועלב, א שענק עפענען, אויפ'ן טאָרג שטעהן, א מעקלער ווערען, גלייך ווי אלע אידען?! ער איז אָבער געווען א בעל־המצאה... די המצאות האָבען איהם געקוילעט. אינ־געלוייז האָט ער אויסגעצייכענט געגאָסען דורעהדלעך, געשניצט לאָמטערען, אָס שענסטען געשוואוכען, אָס געשיקסטען זיך גע־גליטשט. ער האָט געהאָט א טאַלענט צו די אלע זאַכען. א טשי־קאַווער יונג, ער האָט געוואָלט אלץ וויסען, אלץ קאָנען, ער האָט געפונען א המצאה צו פלעכטען אויף א שטעקען הוילע הבדלות, און פלעגט אין דעם זכות באקומען ביים שמש דאָס גרעבסטע ליכ־טעל יעדע ווינטער־נאַכט צום לערנען; היינט מאַכט מען שוין די הבדלות אין אלע שטעדט, דאַמאָלט האָט קיינער נישט געוואוסט פונ'ם סוד; עס האָט געהייסען „חיים־בערס־הבדלות"! א סוכה־מאַכער פלעגט ער זיין גאָר א וואוילער; א מייסטער אויפצושטע־לען א כשר'ע סוכה פון עטליכע ברעטער, במעט אָהן נעגעל און גאָר אָהן כלים, היינט — זיינע רויזעלעך שבועות, זיינע מייסטערשע מזרח'ס...

נאר, ווי אויבען איז געשטאנען, — די המצאות האבען איהם איבערגעפיהרט.

האנדלען נאך דער חתונה, גלייך ווי אלע אידען, האט ער נישט געוואלט. עס האט איהם געצויגען צו עפעס א פאבריקעל מיט אן המצאה'לע. — פריהער האט ער אפגעקויפט ביי א שנארער א סוד צו מאכען זייף אויף ארויסנעמען פלעקען; דער שנארער האט ביי איהם אויסגענארט א הונדערטער, און חיים בער האט זיך אוועקגעלאזט אויף דער וועלט זייף פארקויפען. דאס ווייב האט געוויינט. עס איז איהר א שאד געוועזן באלד נאך דער חתונה אליין צו בלייבען, און באזונדער האט זי נישט געגלויבט אינ'ם גאנצען משא־מתן... זייף איז ביי איהר גאר קיין סחורה נישט געוועזן, — ווער דארף זייף? מען זאגט כאטש גרינעם זייף. דאס דארף מען צו קינדערשע קעפלעך, פראסטע זייף דארף מען צו דער וועש... אבער פלעקען ארויסצונעמען? ווייבערשע זאכען וואשען זיך, מאנישע— מאכט נישט אויס: א חתונה, א מלוה־מלכה אפילו, איז שוין נאכ'ן בגד... חיים־בער האט אבער געוואוסט, וואס אויף דער וועלט טוט זיך, אז מיט טשאכנאוועקע עקט זיך נאך נישט די וועלט, אז נישט אומעטום איז א מנהג פון פלעקען. — ער האט זיך געשוואוירען מיט כל השבועות, אז קוים מאכט ער די ערשטע צוויי טויזענט רובל, קומט ער אהיים, קויפט זיך א נחלה, און היידא! זיין פוס וועט שוין נישט איבער די שוועל ארויסטרעטען... ער וועט זיך מאכען א שענק, א געוועלבעל, אפלעבען שוין זיינע יאהרען בשלום...

דאס ווייבעל, נעבעך, האט געמוזט באשטעהן, און ער איז אין א האלב יאהר ארום געקומען אהן א דרייער, דער זייף איז אריינגעגאנגען אין בלויזע הוצאות, כאטש געגעסען האט ער ווייניג, און געקומען איז ער קרוע בלוא...

רחל'ע האט זיך, נעבעך, צוואויינט מיט ביטערע טרערען און געשיקט דעם מאן צום רבי'ן...

ער איז געפאהרען. ביים געזעגענען מאכט ער צו איהר: ווייסט דו, רחל, דו האסט איין מיר אנגעוואוירען עולם הבא... איך האב געמיינט, איך וועל קומען אהיים, ווייס איך, א אידענע, וועט זי שרייען, וועט זי שילטען, אפשר נאך א צופ טון ביי דער בארד, ביי א פאה... און — דו גארנישט! אביסעל געוויינט, און מעהר נישט. דאס האט מיר טאקע געשניטען ביים הארץ...

רחל האָט געשמייכעלט מיט טרערען אין די אויגען. זי פאַר־האָפט, אַז פריהער גאָט און דערנאָך דער רבי וועט אַן עצה געבען...

פון מיטען וועג האָט ער איהר געשריבען אַ בריף, ראשית — האָט ער איהר מודיע געווען, אַז ער איז בקו הבריאה, און פאַר־לאַנגט פון איהר דאָס אייגענע צו הערען; שנית — אַז ער פאָהרט נישט צום רבי'ן, ווי ער האָט געמיינט, נאָר צוריק אין דער וועלט אַריין! עס האָט איהם אַ גליק געטראָפען: ער האָט אָפּגעקויפט אַ נייע המצאה, אַ מין וואַקס, וואָס מען קאָן דערמיט צונויפקלעפּען טעלער און גלעזער; דאָס, שרייבט ער, איז שוין אַ דבר השוה לכל נפש; דער אָרעמסטער איד האָט צווייערליי געפּעס און קינדער־לעך, וואָס צוברעכען עס; אַ פּאָר גלעזער וואַלגערען זיך אויך ביי יעדען איד אָרום.. ער פאַרהאָפט צו גאָט אַ. ז. וו....

רחל האָט ווייטער אָוועקגעווײנט אַ האַלב יאָהר, און חיים־בער איז ווייטער אַהיים געקומען קרוע בלוא, נאָר מיט אַן המצאה אויף אַ היימיש געשעפט פון „אָוואַצאָווע וואַסער" — אַ זאַפט פון פּרוכטען.

פאַר דער המצאה האָט ער באַצאָהלט דעם לעצטען גילדען, און עטליכע יאָהר שוין קוועלט ער זיך מיט דעם געשעפט. דעם ערש־טען זומער, ווען אויבס איז געראָטען, אַלע בוימער אין די גערט־נער אַרום טשעכאַנאָוויקע זענען באַהאַנגען געווען מיט עפּעל, באַרען און פלוימען, אַז מען האָט זיי געמוזט אונטערשפּאַרען, — האָט חיים־בער אויפגעלעבט! — ער האָט רחל'ען באַרעכענט, וואָס פאַר אַן עשרות ער וועט מאַכען: דאָס מאַטעריאַל וועט גאָר כמעט נישט קאָסטען. פּרוכטען — בחצי חנם... ער האָט אָבער, נעבעך, געהאַט אַ גרויסען טעות. פּרוכטען איז געווען בחצי חנם, האָט טאַקע דער עולם געגעסען אויבס, און האָט נישט געדאַרפט טרינקען קיין וואַ־סער... און אַזוי איז געגאַנגען אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר... אויבס איז גע־ראָטען, ער האָט געלייזט פאַר אַביסעל וואַסער אין אַ יומא דפּגרא, אין אַ יום־טוב: סכות, שמחת תורה; אין דער וואָכען — נישט! דערנאָך געהט ווינטער — אויס געשעפט...

— רבונו של עולם, — שרייט חיים בער אין האַרץ, — רבונו של עולם, זאָל דאָס אויבס כאָטש איין מאָל נישט געראָטען, זאָל עס איין מאָל דער ווינט אַראָפּיאָגען פון'ם בוים, זאָלען עס איין מאָל די ווערים אויפעסען! רבונו של עולם!

די שווערע געדאנקען האט איבערגעריסען דער חזן מיט: „פתח לנו שער"...

---

גאר אנדערש האט נעילה געדאווענט חיים־בער'ס קרוב, דער, וואס האט פארהאלטען דעם שמש, ער זאל נישט קלאפען, ביז חיים־בער וועט אויסגעהן שמונה עשרה, — יונה וואלף דער סאַ־ דאוניק.

ער שטעהט אויך גאנץ יום־כפור אויף די פיס, ער ברענט אויך אונטער'ן טלית; ער האפעט און קאפעט, ער שרייט אויך און האקט אין דער וואנט אריין — נאר, ווען חייב־בער וויינט, און בעט זיך, ווי א קינד ביים טאטען, כאטש א שטיקעל דאר ברויט, טאנצט מעהרסטענטיילס יונה־וואלף פאר דעם אויבערשטען, מלא שמחה, און דאנקט איהם פאר זיינע וואונדער. שוין זעקס יאהר האלט ער א סאך פון פרוכטען און יאהר ביי יאהר געהט עס בעסער. ער גיט א קרעכץ נאר ביי „זכרנו", „כתבנו" צו „חתמנו לחיים" — געזונט איז דער עיקר! בשעת ער דאנקט זיין ליעבען נאמען פאר זיך און זיין ווייבס געזונט, בעט ער אויף געזונט פאר זיינע קינדער... עפעס איינס איז גאר קיין לייט נישט, אלע מאל גיסט זיך עס עפעס אויס דאס קעפעל, שטענדיג איז איהם רויט אונטער'ן נעזעל, און מאנ־ כעס מאל וואקסען איהם „גולעס" ארום דעם העלזעל.

כל־זמן דאס קינד האט געציינדעלט, איז מען זיכער געווען, אז עס איז ציין. דערנאך האט מען גערעכענט אויף ווערים. דאס קינד האט אבער אויסגענומען „ווערים־קרויט" ווי האלץ, און עס האט נישט געהאלפען. — האט מען געשיקט א קוויטעל; איינ־ מאל איז מען מיט איהם אליין געפאהרען צום רבי'ן. עס איז אפילו בעסער געווארען, נאר דערנאך ווייטער ערגער.

דער רופא זאגט, עס איז שקראפעל. מען דארף איהם באַ־ דען אין זאלץ־וואסער אדער שיקען אין א באד אריין. אויף שיקען אין א באד סטארטשעט נישט דאס עשרות, מען זאל אפילו דעם גאנצען דלות פארזעצען און דעם ווייב די אוירינגלעך אויסטון... חיי־ מישע זאלץ־בעדער איז נישט דא וואו צו מאכען: אין סאד, וואו מען וואוינט א גאנצען זומער, איז קיין וואסער נישטא צום טרינ־

סעו, און צום קאכעו פיהרט מען אנדערטהאלבען וויארסט א קעבּ־
דעל וואסער...

דאס אינגעלע וואקסט מיט דעם פארבעל, מיט די גולעס, מיט
דעם נעשוואלענעם נעזעל, לערענט א גאנצען ווינטער אין חדר און
איז א וואויל אינגעל.

„חתמנו לחיים", — ווינט דעריבער יונה וואלף — מיין קינד,
מיין עלוי, מיין נחת, מיין טרייסט זאל מיר לעבען!

אחוץ ביים „זכרנו לחיים" האבען יונה וואלפ'ס געדאנקען נישט
קיין שייכות מיט דעם דאווגען. א גאנצען טאג לויבט ער און לויבט
דעם אויבערשטען. נאר וויל ער איז נעבעך, א גראבער יונג, קומט
אמאל אויס, אז ער הענגט זיך אן אויף א ווארט און צוואוויינט זיך
אדער צולאכט זיך גאר בחנם... דער אמת איז, אז ווען יונה וואלף
זאל נישט זיין שטומפּיג אויף דער עברי, וואלט קיין בריאה נישט
געקאנט איינשטעהן און אויסהאלטען אין שול; אז עס קומט צו די
באקאנטע תפלות, רייסט ער דעם חזן אלץ פון מויל ארויס און צור־
לאזט זיך אויף א קול, אז ווען נישט, וואס די שול איז געמויערט,
און פארצייטענס — וואלטען די ווענט געציטערט און אפשר איינ־
געפאלען. דאס גליק איז, וואס ביי קרבנות, ביי ובא לציון, פון
„ומקבלין דין מן דין" אן, ביי יעדען פיוט מיט „גרודעס" בלייבט
ער, נעבעך, שטיל, ער האקט אפּ...

אט, ביי דעם שטיל־בלייבען און אפּהאקען, הויבט ער זיך אן
פארקרימען, איינציהען דעם שטערן, אמאל נאך צודריקען די אוי־
גען און אריבערווארפען דעם טלית איבער'ן קאפּ, דער עולם זאל
מיינען, אז ער האט אצינד כונות... און דאמאלט האט ער טאקע
מחשבות... מיט'ן שרייען פארדולט ער זיך אליין די געדאנקען,
שטילערהייט, אונטער'ן טלית, קומען פאר אלע הוריות... דאמאלט
דאנקט ער און לויבט דעם אויבערשטען שוין מיט זיינע אייגענע
ווערטער... עס געהט איהם גאנץ גוט... קיין עשירות מאכט ער
נישט, דאך האט ער שוין ארויסגעטריבען דעם דלות, געקויפט דעם
ווייב א פּאר „טשוועקעס", צום ליכט־בענשען א פאר זילבערנע
לייכטערלעך, און עס איז דא צו „פופלען"... דאס קינד, נעבעך...
מילא... גאט וועט העלפען. ער אליין האט אויך אמאל, נישט היינט
געדאכט, געהאט דעם פערד, עס שיינט איהם נאך יעצט אויך די
לבנה אויף דעם קאפּ...

נו !...

ער דערמאָנט זיך, ווי די יונגען האָבען איהם געיאָגט אין חדר... איין חיים־בער — נישט. ערשטענס, אלס קרוב האָט ער איהם נאָך פאַרטיידיגט, צווייטענס, איז ער טאַקע געווען א מזג טוב, דער חיים בער! און פונדעסטוועגען האָט ער אלע צרות גע־ליטען דורך דעם חיים־בער'ן. חיים־בער האָט געקאָנט דעם שיעור — ער נישט; חיים־בער איז שעהן, ער — נמאס ומאוס און ברודיג; חיים־בער האָט געטויגט צו אַלעם, ער — אויף כפרות... אלץ נאָר חיים־בער... דער מלמד האָט איהם געפּאַטשט: „לערען דיך אָפּ פון חיים־בער'ן!“ די מאַמע האָט געריסען פון איהם פּאַסען און געשטעלט איהם פאַר א שפּיגעל חיים־בער'ן, דער טאַטע האָט אויך איהם געפּייניגט מיט חיים־בער'ן!...

כאָטש חיים־בער פלעגט מיט איהם האַלטען, מציל זיין פון די חברים'ס הענט, פונדעסטוועגען פלעגט ער דאָך אין האַרץ איהם פיינט האָבען, אמת פיינט... פאַרוואָס? פאַר ווען?

„פאַר קנאה“, — שטויסט זיך יונה־וואָלף — און האָט שטאַרק חרטה אויף דער קנאה. נאָר, עס איז דאָך אלץ קינדערשע זאַכען, מעשה נערות... היינט האָט ער שוין קיין קנאה נישט אויף איהם, ער בעט פאַר זיין לעבען...

און באמת האָט ער איצינד חיים־בער'ן שטאַרק ליעב. מיט'ן גאַנצען האַרצען איז ער זיך אויף איהם מרחם; מיט דריי־פיערטעל קרעכץ ביים דאַווענען האָט ער איהם געמיינט.—

— דער איבערשטער זאָל איהם, נעבעך, העלפען. ווי דער ווינטער וועט, נעבעך, זיין, ווי ער וועט זיך דורכשטופּען, זאָל ער, נעבעך, כאָטש א גוטען זומער האָבען, כאָטש לעזען... אבי מען לעזט נאָר, איז שוין דאָ א באַרער גראָשען, קאָן מען זיך די הענט צור פיהרען...

ביי „מרובים צרכי עמך“ איז ער שטיל געבליבען, עס איז שוין געווען פאַר איהם א „שלעכטער וועג“, א גרעבליע... ער האָט אראָפּגעלאָזט די אויגען אויף דעם גרויסען מחזור און געטראַכט:

„רבונו של עולם, אויב איך, צי מיין ווייב, צי מיינע קינדער האָבען א חסד ביי דיר, אדער זכות אמת, רבונו של עולם — זאָל מיר מיין קינד האָבען א רפואה שלמה... אין סאַד זאָל וואַקסען עפּעל ווי האַלץ... די זאַפטיגע, פולע פּאַפּיראָווקעס, וואָס צוגעהן

אין מויל... רבונו של עולם, זאלען זיך דיינע אידעלער אנטרינקען מיט מיינע עפעל, עס זאל זיי אנגיסען פולע מיילער מיט זאפט! אויך פארגעס נישט, רבונו של עולם, אין חיים־בער'ן, ער זאל לייזען פאר אוואצאווע וואסער אויך...

אינמיטען האט ער זיך אויפגעכאפט. עס געהט „זכור ברית אברהם ועקדת יצחק"! ווייטער א שאס — א גלייך שטיקעל וועג! גאלאפ! עס טרעפט זיך אפילו אמאל א גריבעל, א שטיינדעל, א „טבועות וגנוזות", ניש־קשה, עס שלינגט זיך שוין איין מיט'ן נגון. דערפאר „אנקת מסלדיך" געהט שוין מיט דער הויט, ער איז שוין ביז דעם סוף ווי אין דערהיים, ער האט שוין גארנישט אין זין, — ער שרייט, ער ליארעמט, ער זינגט, גלייך ער איז איינער אין שול!

ארויסגעהענדיג פון שול, האט ער זיך געטראפען מיט חיים־בער'ן —

— זאלסט דיר האבען פיעל גוטס אויסגעבעטען —

— גם אתם! — האט איהם חיים־בער געענטפערט.

— וואס די ווילסט נאר אליין, זאל ער דיר געבען —

— דיר אויך, יונה־וואלף, — גאט זאל אונז ביידע געבען א גוט יאהר...

— מיר ביידע זאלען לייזען!...

און זיי זענען זיך צוגאנגען...

זיי האבען זיך גאנץ ערנסט געבענשט, — דאך, נאכ'ן צוגעהן, האבען זיי נאך אמאל אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל:

— אויבס זאל זיין ווי גאלד! — האט געבעטען יונה־וואלף.

— פוילען זאל עס! — האט געבעטען חיים־בער...

דערנאך האט יונה־וואלף געשיקט חיים־בער'ן א „כפרה", א גרויסען, פעטען, אויסגעזאטענעם האן, און חיים־בער יונה־וואלף'ן — דריי פלאשען אוואצאווע. ביידע האבען זיך געלעגט שלאפען מיט בטחון —

יונה־וואלף — אז עפעל וועט זיין ווי גאלד, און חיים־בער— אז דאס אויבס וועט פוילען, און ער וועט לייזען פאר וואסער...

זייערע ביידע ווייבער זענען דאך נישט געשלאפען. חיים־בער'ס ווייב האט געקלערט, וואו נעמט מען אויף סוכות? און יונה־וואלף'ס — וואו נעמט מען סוכות כאטש נאך א האלב טוץ זיל־בערנע לעפעל צום יום־טוב'דיגען טיש.

# דער נייער נגון.

מען האט געגעבען א בלאז. דער עולם האט אנגעהויבען רעש'ן: „לשנה הבאה בירושלים!" ווייסע חברה האט זיך שוין צוגעכאפט צום וואקס פונ'ם שלחן, ביים עמוד איז שוין געשטא־נען א וואכענדיגער חזן, מען האט געדאווענט שוין דעם וואכענ־דיגען מעריב מיט'ן וואכענדיגען נגון.

פייל פון בויגען האט זיך געדאווענט, פייל פון בויגען אפגע־לעגט קיטעל און טלית און אנגעהויבען אנטון די שטיוועל — ווער האט צייט?

קיינער האט קיין צייט נישט געהאט צו באמערקען דעם בלא־סען יונגעגמאן, וואס האט געדרעהט זיך ארום עולם און נאכגע־שלעפט א שוואך און נאך א בלאסער קינד. דאס דריטע מאל געהט ער שוין ארום די שטעדט; קיינער זעהט איהם נישט. דער ליגט אונטער א באנק און זוכט א שטיוועל, יענער איז פארנומען. מען האט איהם א קאלאש פארטוישט, א היטעל פארשמירט מיט חלב און — אלע זענען הונגעריג...

אומזיסט קוקט ער יעדען אין פנים, ער קאן קיינעמס בליק נישט כאפען.

— טאטע, קום שוין אהיים! — בעט זיך דאס קינד.

— נאך איינמאל וועלען מיר ארומגעהן, — האט ער געענט־פערט, — איך וויל נאך דורכגעהן פאר'ן פעטער...

דערווייל אבער האט זיך דער עולם א ריהר געטאן. דער לעצ־טער קדיש, דער לעצטער „אמן"!

דער עולם יאגט און שלעפט מיט דעם יונגענמאן מיט'ן קינד.

אויפ'ן שול־הויף שטעלען זיך די מענער מקדש זיין די לבנה.

די ווייבער ציהען זיך איןביידע זייטען פון שול־גאס, ווי צוויי ווייסע שניר.

אהיים געהענדיג, האט מען צייט אויסצורעכענען, וויפיעל ווייבער עס האבען גע׳חלש׳ט, וויפיעל שיער נישט גע׳חלש׳ט; צו רעדען אביסעל מכח דעם חזן, וואס איז היינט געוועזען הייזעריג מעהר ווי אלע יאהר.

ביי יעדען הויז געזעגענען זיך צוויי־דריי און פארשווינדען... בשעת ווען אויפ׳ן שול־הויף שטעהט נאך דער גרויסער עולם און טאנצט געגען דער לבנה. צווישען עולם דרעהט זיך ווייטער ארום דער בלאסער יונגערמאן מיט׳ן בלאסען קינד. דער עולם הויבט אן ווערען קלענער און דין פנים — פינסטערער; אפגעזאגט, דער לעצ־טער פארשווינדט ערגעץ אין אן עק. דער יונגערמאן שטעהט נאך:

— קיינער... נו מילא, מוז מען זיך באנעהן... איך וועל נישט בעטלען אויפ׳ן נייעם יאהר; באלד מוצאי יום־כפור... האבען זיינע ליפען געציטערט.

דאס קינד האט געמיינט, אז ער איז מקדש די לבנה.

— נענוג שוין, טאטע! — האט ער איהם געשלעפט ביי דער באלע, — קום שוין אהיים! — זיין קול איז געוועזען אנגעזאפט מיט טרערען.

— נאריש קינד, וואס יאגסט דו דיך אהיים?

— עסען! איך בין הונגעריג.

— פשיטא! אודאי ביסט דו הונגעריג... שוטה איינער! מאי קא משמע לן? וואס דערצעהלסט דו מיר, אז דו ביסט הונגעריג... אנישט, וואס וואלט איך געמיינט, אז דו פאסט אפ א יום־כפור און דו ביסט נישט הונגעריג?

— קום שוין אהיים. — האט זיך ווייטער געבעטען דאס קינד.

— הער, דוד׳ל, אין דערהיים איז אויך נישטא וואס צו עסען...

— כאטש א שטיקעל ברויט!

— קיין ברעקעל ברויט!

דאס קינד איז געבליבען שטעהן דערשראקען.

— דוד׳ל, — מאכט צו איהם דער פאטער, — דו ווייסט, וואס היינט איז געוועזען?

דאס קינד וויינט און בליבעט שטיל.

— היינט, דוד׳ל, איז געווען יום־כפור... יום הקדוש.

— יא, — האט קוים דאס קינד געשאקעלט מיט׳ן קאפ.

— נו, זאג, דוד'ל, וואס האבען מיר געמאן?
— געדאוונט, — ווײנט דאס קינד.
— גוט! און השם יתברך וואס האט געמאן?
— מוחל געווען, — האט קוים דאס קינד ארויסגעבליפעט.
— ווייסט דו וואס, דוד'ל, אז גאט, ברוך הוא, האט מוחל געווען אונזערע זינד, דארפען מיר, דאכט זיך, זיין פרעהליך! וואס?

דאס קינד ענטפערט נישט.

— דו געדענקסט, דוד'ל, פאר א יאהרען, ווען די מאמע האט נאך געלעבט, האבען מיר געזונגען, נאך דער וועטשערע א נייעם נגון, געדענקסט דעם נגון?
— ניין!
— איך וועל מיך דערמאנען, נאך העלף מיר אונטער!

און דער יונגערמאן האט אנגעהויבען זינגען מיט א הייזעריג שוואכער שטימע א נגון; נישט קיין סיני, נישט קיין וואלעד, נאר עפעס א פרעהליכען נגון, וואס האט געשניטען אין הארץ.

דאס קינד האט ווײנענדיג צוגעהאלפען.

# דער תענית.

א ווינטער־נאַכט! שרה זיצט ביים „קאַנאַנעק" און שטאָפּט אַן אַלטען זאַק. די ארבייט מיט געפרוירענע הענט געהט נישט זעהר געשווינד; פאר קעלט זענען איהר אויך ברויז און בלוי געווארען די ליפּען. אָפט לעגט זי אוועק די ארבייט און צולויפט זיך איבער דער שטוב, צו דערווארעמען די געפרוירענע פיס.

אין א בעט אויף א גאַלען שטרוי־זאַק שלאָפען פיער קינדער: אין יעדער זייט צו צוויי קעפּ, איבערגעדעקט אין דער מיט מיט עטליכע אַלטע קליידער.

וואָס אמאָל כאַפּט זיך אויף אַן אַנדער קינד, עס הויבט זיך אויף אַן אַנדער קעפּעל און רופט: עסען!

— ווארט, ווארט, קינדערלעך, — טרייסט זיי שרה, — אָט. באלד וועט קומען דער טאַטע, ברענגען וועטשערע; איך וועל אייך אַלע אויפוועקען!

— און ווארעמעס? — פרעגען די קינדער וויינענדיג — מיר האָבען דאָך נאָך קיין ווארעמעס נישט געגעסען!

— ווארעמעס אויך!

זי גלויבט דאָך אַליין נישט אין דעם, וואָס זי זאָגט; זי זוכט מיט די אויגען אין אַלע זייטען. טאָמער וועט זי נאָך עפּעס געפינען צו פאַרזעצען... נישטאָ!

לעדיגע, נאַסע פיער ווענט! א צושפּאַלטענער אויווען! אַלץ איז נאַס און קאַלט!... אויפ'ן קוימען שטעהען א פּאָר צובראָכענע טעפּ, אויפ'ן אויווען — אַן אַלט, אויסגעבויגען, בלעכען חנוכה־לעמפּעל; אין דער הויך אין באַלקען שטעקט א נאָגעל — א זכר פון א הענגעל־לייכטער, צוויי לעדיגע בעטען אהן א קישען... גאָר־נישט, גאָרנישט מעהר!

עס האָט לאַנג געדויערט איידער די קינדער זענען רעכט איינ־

געשלאפען. שרה קוקט אויף זיי מיט הארץ־וועהטאג, מיט רחמנות, און טראגט איבער די פארוויינטע אויגען צו דער טיר. זי האט דערהערט טריט; שווערע טריט אויף די טרעפ אין דער סוטערינגע אריין; קאנען קלאפען, דא אין דער רעכטער, דא אין דער לינקער זייט וואנט. א שטראל פון האפנונג באלייכט איהר איינגעשרומפען פנים. זי קלאפט א פאר מאל א פוס אן א פוס, הויבט זיך שווער אויף און געהט צו צו דער טיר. זי עפענט, עס קומט אריין א בלאסער, איינגעבויגענער איד מיט לעדיגע קאנען.

— נו? — פרעגט שרה שטיל.

ער שטעלט אוועק די קאנען, לעגט אפ די יאך, זיפצט אפ און ענטפערט נאך שטילער:

— גארנישט! גארנישט! מ'האט אין ערגעץ נישט באצאהלט... מארגען, זאגט מען... יעדער זאגט אלץ — מארגען... איבער־מארגען... ראש־חודש...

— די קינדער האבען כמעט אין מויל נישט געהאט, — מאכט שרה — כאטש גוט — זיי שלאפען... בידנע קינדער מיינע! זי קאן זיך נישט איינהאלטען און הויבט אן שטיל צו וויינען.

— וואס וויינסט דו, נאר!? — פרעגט דער מאן.

— אך, מענדעל, מענדעל... די קינדער זענען אזוי הונגעריג!...

מיט געוואלד וויל זי איינהאלטען די טרערען.

— און וואס וועט זיין אונזער סוף? — קלאגט זי זיך, — מיט יעדען טאג ווערט ערגער!

— ערגער? ניין, שרה! זינדיג נישט מיט די רעד! פאר־אַיאהרען איז ערגער געווען, ערגער! אויך אהן ברויט און דערצו נאך אהן א דירה! די קינדער האבען זיך בייטאג געוואלגערט אין גאס, ביינאכט — אין די הויפען... היינט כאטש אויף א שטרוי־זאק, כאטש אונטער א דאך!

שרה האט זיך שטארקער צוּוויינט.

זי האט זיך דערמאנט, אז דאמאלט איז איהר טאכטער אינמיטען גאס א קינד אוועקגעקומען. עס האט זיך פארקיהלט, הייזעריג געווארען און געשטארבען.

— געשטארבען ווי אין וואלד... (זיי צו לענגערע יאהר!) נישט געוועזען מיט וואס צו ראטעווען... מישטיינס געזאגט, נישט אפילו

די שול איינגעריסען, נישט דאָס פעלד געמאָסטען, קיין עין־הרע נישט אָפּגעשפּראָכען... אַזוי, אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט!

און ער טרייסט זי.

— וויין נישט, שרה, וויין נישט... זינדיג נישט פאַר גאָט!

— אַך! ווען וועט ער שוין אויף אונז רחמנות האָבען!

— האָב אויף דיר אַליין רחמנות, לאָז דיר נישט צו אַזוי צום האַרץ! זעה, ווי דו זעהסט אויס! היינט צעהן יאָהר איז געוועזען אונזער חופּה... קוק אַן דיין פּנים... וועה און ווינד! דו ביסט דאָך געוועזען די שענסטע אין שטאָדט!

— און דו? ! דו האָסט דאָך געהייסען, געדענקסט, מענדעל גבור... היינט ביסט דו געבויגען אין דרייען, קראַנק... כאָטש דו האָלסט פאַר מיר בסוד? !

— אַך, נאָט! גאָט! — רייסט זיך איהר אַרויס אַ געשריי.

די קינדער כאַפּען זיך אויף און בעטען: עסען, ברויט!

— חלילה! ווער עסט היינט? — האָט זיך מענדעל פּלוצלונג אַנגערופען.

די קינדער זעצען זיך אויף דערשראָקען.

— היינט איז אַ תענית, — זאָגט מענדעל מיט אַ פינסטער פּנים.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, איידער די קינדער האָבען פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו זיי.

— וואָס פאַר אַ תענית? וואָס פאַר אַ תענית? — פרעגען זיי, וויינענדיג.

און מענדעל דערצעהלט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען, אַז היינט, נאָך ביי שחרית, צו קריאת־התורה, איז אַראָפּגעפאַלען די ספר־תורה פון שלחן.

— דעריבער — זאָגט ער — האָט מען אויף מאָרגען אַרויס־גערופען אַ תענית, אפילו פאַר זייגענדיגע קינדער!

די קינדער שווייגען און ער פיהרט ווייטער.

„אַזאַ תענית ווי יום־כפור, ווי תשעה־באב; פון היינט פאַר־נאַכט אָן!“

די פיער קינדער שפּרינגען פלינק אַרויס פון בעט און ה:יבען אָן באָרוועס, אין די צוריסענע העמדלעך, צו טאַנצען איבער דער שטוב און צו רופען:

— מיר װעלען פאסטען! פאסטען!

מענדעל פארשטעלט מיט די פלייצעם דעם קאנאנעק, זיי זא־לען נישט זעהן, װי די מוטער גיסט מיט טרערען.

— נו. גענוג! — בארוהיגט ער די קינדער — גענוג! אין א תענית טאר מען נישט טאנצען... אם ירצה השם, — שמחת־תורה!...

די קינדער זענען צוריק אין בעט אריין.

פארגעסען דעם הונגער!

א מיידעלע הויבט אן זינגען „אבינו מלך”. „אויפ׳ן הויכען בארג...” א קעלט לויפט מענדלען דורך אלע גלידער...

— זינגען טאר מען אויך נישט, — מאכט ער מיט א פאר־שטיקטער שטימע —

די קינדער װערען שטיל און שלאפען איין, מיד פון טאנצען און זינגען. איינער דאך, דער עלטערער, װאגט זיך נאך און פרעגט:

— טאטע, װען װער איך בר־מצוה?

— נאך װייט, חיים׳ל, נאך װייט... נאך פיער יאהר, זאלסט מיר לעבען און געזונט זיין...

— דאמאלט װעסט דו מיר קויפען א פאר תפלין?

— װי דען?

— א תפלין־זעקעלע?

— מן הסתם!

— און א סדור׳ל?... א קליינס מיט א גאלדענעם שנים?

— מיט גאטס הילף... בעט גאט, חיים׳ל!

— דאמאלט, װעל איך פאסטען אלע תעניתים.

— יא, יא, חיים׳ל... אלע תעניתים...

שטיל האט ער צוגעגעבען:

— רבונו של עולם, נאר נישט אזוינע, װי היינט!...

# דאָס אָרעמע אינגעל.

(אַ מעשה, דערצעהלט דורך א „מענש“ פון אַ „קאָמיטעט“).

— ניט מיר אכט גראָשען אויף א נאָצלעג*).

„ניין!“ — ענטפער איך הארט און געה אוועק.

ער לויפט מיר נאָך מיט א הינמיישער בקשה אין די ברענענדיגע אויגלעך. ער קושט מיר דעם אָרבעל. — עס העלפט נישט! „מיינע הכנסות טראָגען נישט אויף אזוינע נדבות יעדען טאָג!“

---

„אָרימע לייט — טראַכט איך, ארויסגעהענדיג פון דער „אָרעמער קיך,“ וואו איך בין מיך אזוי הארט באַגאַנגען מיט'ן בעטלעריישען אינגעל. — אָרעמע לייט עסען זיך געשווינד צו.“

דאָס ערשטע מאָל, אז איך האָב דערזעהן דאָס אויסגעדארט־ברודיגע, יונגע פנים'ל, מיט די טיף־איינגעפאַלענע, שווארץ־ברענענדיג־טרויעריגע נאר קלוגע אויגעלעך, האָט עס מיך אָנגעכאַפּט ביים הארץ. איידער איך האָב זיין בקשה אויסגעהערט, האָט עס מיר שוין נעגעבען א ב ר י ה, און א צעהנערל איז „ארויסגעפלוינען“ פון מיין טאַש אין זיינע דארע הענטלעד אריין.

איך געדענק גאנץ גוט, אז די האנט מיינע האָט עס א ל י י ן געטאָן. זי האָט נישט געפרעגט דאָס הארץ, צי עס האָט רחמנות, נישט דעם רואה־חשבון — דעם מוח, — צי ביי אַ פּענסיע פון איין און פיערציג רובל מיט זעקס און זעכציג קאָפּיקעס א חודש, קאָן מען געבען פינף קאָפּיקעס צדקה.

---

*) אַ חויז פאַר אָרעמע לייט צום איבערנעכטיגען.

זיין בקשה איז געווען אז עלעקטרישער פונק. ער האט ער־שיטערט יעדעם אבר אין מיר, יעדעם קעמערל אין יעדען אבר, און מיין רואה־חשבון, דער מוח, האט ערשט שפעטער געקריגען א „ידיעה“ פון דער נייער הוצאה; ערשט שפעטער, ווען דאס אינגעל איז שוין, אונטערשפרינגענדיג פאר שמחה, ארוים פון „טאניאק*).

פאריאגט אין אייגענע און אין פרעמדע געשעפטען, האב איך באלד אינ׳ם אינגעל פארגעסען. נאר, אפנים, נישט אינגאנצען. נישט וויסענדיג דערפון, האט דאך אין מיר ערגעץ נעמוזט זיין א! „אספה“ פון פראקטישע מחשבות. ווארים באלד דעם צווייטען אווענט, אז דאס אינגעל האט מיך ווייטער אפגעשטעלט, אז דאס אייגענע אינגעל, מיט׳ן ציטערדיג־אפגעריסענעם קול, האט מיר ווייטער געבעטען אויף א „גאצלעג“ — זענען מיר שוין ארויסגע־שוואומען, פון ערגעץ אין מיר, גרייטע מחשבות: א זיבען— אכט יאהריג אינגעל דארף נישט בעטלען... נישט האלטען זיך אין קיך... דאס עסען אין קיך פאר׳ן צוזאמענעמען די כלים, מאמט איהם נאר פאר א לעדיג־געהער, פאר א בעטלער; אזויערנאך וועט פון איהם קיינמאל קיין לייט נישט זיין...

די האנט מיינע האט זיך ווייטער גערוקט אין קעשענע אריין. נאר א י ך האב זי דארט דערטאפט און פארהאלטען. וואלט איך פרום געוועזען, וואלט איך אפשר אזוי געקלערט: צי די מצוה איז ווערט די אכט גראשען? צי וואלט איך נישט יוצא געוועזען אויף דעם ארט מיט מנחה־דאווענען? אדער מיט א הייסערען קרעכץ ביים דאווענען? נישט פרום, האב איך נאך דעם אינגעלס טובה געהאט אין זינען; מיט מיינע אכט גראשען וועל איך איהם נאך א רעה טון! אז אייביגער בעטלער פונ׳עם מאכען!

און דאך האב איך איהם דאמאלט געגעבען! די האנט האט זיך געריסען פון קעשענע ארוים און איך האב זי לענגער נישט פארהאלטען; עפעס האט מיר ארום הארץ וועה געטאן, די אויגען זענען מיר פייכט געווארען. ער איז ווייטער ארוים פון קיך מיט א שמחה, און איך האב געפיהלט, אז מיר איז גרינגער און לייכטער געווארען אויפ׳ן הארץ, איך האב דערפיהלט א שמייכעל אויף מיין פנים.

---

*) א קיך פאר ארעמע לייט.

דאָס דריטע מאָל האָט ישוין לענגער, אסך לענגער געדויערט. איך האָב שוין באַרעכנעט, אַז מיין פּענסיע ערלויבט מיר נישט אויסצוגעבען אכט גראָשען אַ טאָג; עס איז טאַקע אַ פאַרגעניגען צו זעהן דאָס פּאַראווייִנטע, נישט־דרייסטע איינגעל אונטערטאַנצען פאַר שמחה, צו זעהן, ווי עס צינדען זיך די ליכטלעך אין זיינע יונגע אויגען אַן, צו ו ו י ס ע ן, אַז פאַר דיינע אכט גראָשען וועט ער נישט נעכטיגען אין גאַס, נאָר אין „נאַצלעג", וואו עס וועט איהם וואַרעם זיין און ער וועט נאָך אין דערפריה קריגען אַ גלאָז טיי מיט אַ זעמעל — דאָס אַלעס איז אַ פאַרגעניגען, נאָר איך, ביי מיינע הכנסות, טאָר מיר נישט ערלויבען אזוינע „שמחות!" — קיינעסווענס!

נאַטירליך האָב איך דאָס אַלעס דעם איינגעל נישט געזאָגט! איך האָב איהם בעסער גע'מוסר'ט, ווי דען!

איך האָב איהם געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז מיט'ן בעטלען פיהרט ער זיך איבער... אַז יעדער מענש, און פון איהם דאַרף אויך אַרויסוואַקסען אַ מענש, דאַרף, איז מחויב צו אַרבייטען... אַרבייט איז אַ הייליגע זאַך! און — אַז מען ז ו כ ט אַרבייט, געפינט מען זי! און דערגלייכען געלעזענע גוטע זאַכען, וואָס האָבען דעם איינגעל נישט געקאָנט פאַרטרעטען דעם „נאַצלעג", נישט דינגען אפילו פאַר אַ געליהענעם שירם, געשיצט צו זיין איבער נאַכט פאַר'ן רעגען אָדער שניי...

ער איז אַלץ געשטאַנען און געקושט מיר דעם אַרבעל... און אַלץ אויפגעהויבען די אויגען צו מיינע צו זעהן, אויב עס ווייזט זיך נישט איז זיי אַ פונק רחמנות, אויב זיינע ווערטער פאַלען נישט ווי אַרבעס אויף דער וואַנט! און איך האָב געפיהלט, אַז ער האָפט נישט אומזיסט, אַז מיינע קאַלטע מחשבות ווערען וואַרעם, אַז זיינע הינטיש־בעטענדיגע אויגען האָבען אויף מיר אַ פּעולה, אַז איך מיט מיין גאַנצער באַטערעע פון מחשבות און מוסר וועל מיך אין קורצען אונטערגעבען... און איך האָב אַ ישוב געהאַט: איך וועל איהם געבען, נאָר אָנזאָגען איינמאָל פאַר אַלעמאָל, ער זאָל שוין מעהר נישט בעטלען. אָנזאָגען האַרט און שאַרף, ער זאָל געדענקען! איך האָב קלענער געלט פאַר אַ פינף־קאָפּעקען־שטיק נישט געהאַט, איך האָב אַ מטבע אויסגעטוישט און געגעבען איהם אכט גראָשען.

— נא! נאר מעהר, הערסט דו, זאלסט דו ביי מיר נישט בעטלען!

פון וואנען האט זיך דער „ביי מיר" גענומען? איך האב איהם, דאכט זיך, נישט אין זינען געהאט; על כל פנים, האב איך די צוויי ווערטער נישט געוואלט זאגען; איך וואלט זיי נערנוויליג פאר וועלכע קאפיקע צוריק איינגעשלונגען? עס איז מיר אביסעל קיהל געווארען אויף דער נשמה, עס האט זיך מיר געדאכט, אז איך האב איהר פון ערגעץ אן ארט א לאפען אפגעריסען, און דער ארט איז נאקעט געבליבען! נאר דאס איז דורך א בליץ; מיין שטרענג פנים, מיין שארף־בעטאלען קול, מיין אויסגעשטרעקטע רעכטע האנט און ארויסגעשטעלטער לינקער פוס, האבען זייערס געטאן! איך האב א שטארקע פעולה געהאט אויפ'ן איינגעל! שטעהענדיג, ווי אויף ברענענדיגע קוילען, ווילענדיג זיך אויסרייסען פון קיך, כדי פריה צו קומען צום „גאצלעג", איז ער דאך פון מיינע ווערטער בלאס און בלאסער געווארען, א טרער האט אנגעהויבען ציטערען אין דער יונגער ברעם...

— נאר נישט מעהר בעטלען, — האב איך מיין מוסר געענ־דיגט, — הערסט! דאס לעצטע מאל!

דאס איינגעל האט אפגעאטעמט און אנטלאפען!

היינט — היינט האב איך איהם שוין טאקע נ י ש ט גע־געבען! מ י י ן  ו ו א ר ט  וועל איך נישט ברעכען; ביי מיר איז נישטא קיין „בלי נדר ובלי מסקנא" — איך לעג פאר מיינע ווער־טער קיין „עירוב" נישט, איך זאל קאנען ווייטער אריבערגעהן, א ווארט — איז טייער! מען דארף זיך האלטען פעסט, אגיט, ועט קיינמאל אין קיין זאך קיין „ארדנונג" נישט זיין!

איך בארעכען נאך אמאל, וואס איך האב געטאן און געזאגט, און בין זעהר צופרידען פון זיך.

איך קאן נישט יעדען טאג געבען אכט גראשען צדקה, און דאך איז נישט דאס געוועזען דער עיקר; דער עיקר האב איך זיין טובה געמיינט, טובת הכלל אויך! ווארים, וואס איז ווערט צדקה א ה ן  א סדר, און ווי קאן זיין א סדר אהן א פעסטער דעה?

מיט'ן איינגעל האב איך פראסט אידיש גערעדט, מיט מיר אליין רעד איך אביסעל געלעהרטער; ארויסגעהענדיג פון קיך, טראכט

איך. „דער ערגסטער מיקראָב אין דער חברה׳ס גוף איז בעטלע־ריי. דער, וואָס ארבייט נישט, האָט נישט קיין רעכט אויפ׳ן לעבען, א. ז. וו.“

---

קוים האָב איך די טיר פון „טאַניאַק“ הינטער מיר פאַרמאַכט בין איך אריין מיט די פיס אין בלאָטע, מיט׳ן פּנים אין ווינט און מיט „לייב און לעבען“ אין דער פינסטערער נאַכט!

עס איז א שרעקליכער ווינט, עס ציטערען די פלאַמען אין די גאַסען־לאַמפּען ווי פאַר קעלט, און זייער ציטערדיגער שיין שלאָגט זיך טויזענט־מאָל אָפּ אין די נאַסע בלאָטע־גריבלעך אין גאַס, אז עס שווינדעלט פאַר די אויגען.

עס פּייפט מיט א יעמערליכען קול, גלייך טויזענטער נשמות בעטען זיך „תקון“, אדער טויזענט אינגלעך — צו אכט גראשען אויף „נאַצלעג“.

פוי! ווייטער דאָס אינגעל...

עס איז אַ עבירה אַ הונט ארויסצוטרייבען אין גאַס אריין!... און דאָך וועט דאָס אינגעל נעכטיגען אין גאַס!... נאַר וואָס זאָל איך טון? וועניג פאַר מיר דריי מאָל? זאָל צינד אַן אַנדערער גע־בען! עס איז גענוג פון מיין זייט, אַז איך האָב מיט׳ן קראַנקען האַלז און הוסטענדיג אין אַזא וועטער דעם טאַניאַק באַזוכט. איך בין טאַקע א „קאָמיטעט־מענש“, נאָר קיינער האָט פון מיר נישט פאַר־לאַנגט, איך זאָל אכטונג געבען, בפרט אין אַזאַ וועטער, אַהן א פעלין... וואָלט איך פרום געווען, וואָלט עס פון מיין זייט איי־גענליך געווע׳ען; איך וואָלט געמיינט באַטש מיין טובה דערביי: איך וואָלט געשווינד אַהיים געלאָפען, אריינגעוואָרפען זיך אין בעט און אייינגעשלאָפען, די נשמה זאָל געשווינד אַרויפפליהען אין הי־מעל אריין און פאַרשרייבען אויף איהר קאָנטאָ א מצוה׳לע... דאָס מצוה׳לע איז „קרעדיט“, דער „דעבעט“ וועט זיין א פעט שטיקעל לויתן... איך — האָב געהענדיג אין „טאַניאַק“ אריין לויתן איז זינען געהאַט... מיין גוט הארץ האָט מיך געפיהרט...

מיך אליין לויבענדיג, איז מיר עפּעס וואַרעמער געוואָרען אין דער געגענד פון הארץ; וואָו איינער לויבט מיך, וואָלט איך מיר

געמוזט פארשעמען און אוועקמאכען מיט דער האנט... מיר אליין קאן איך הערען אהן בושה... און איך וואלט מיר אפשר לענגער נאך געלויבט, נאך מעלות טובות אין זיך געפונען, נאר, ליידער, בין איך מיט מיינע „האלבע פארדעשוועס" — איין גאט ווייסט, אז די אנדערע צוויי העלפטען האב איך אויסגעריבען אויפ'ן וועג צום „טאניאק"! — בין איך מיט מיינע האלבע פארדעשוועס אריין אין א בלאטע...

„שליחי מצוה אינן ניזוקין" — נאר דאס איז, אפנים, נאר אהין־צו־וועגס; צוריק־צו־וועגס, בשעת ווען דער ניי־באשאפענער מלאך יאגט זיך שוין צוריק אין הימעל אריין, קאן מען אפילו האלז־און־לייב ברעכען.

עס ווערט מיר נאס אין די פיס און קאלט אין אלע אברים; איך פיהל פאזיטיוו, אז איך וועל מיך פארקיהלען, אז איך האב מיך שוין פארקיהלט; אט באלד וועל איך מיך צוהוסטען. עס וועט מיך אנהויבען שטעכען אין דער ברוסט! עס פאלט אויף מיר א שרעק... ערשט נישט לאנג פיער וואכען אפגעלעגען!

— מען טאר נישט אזוי! מאכט אין מיר עפעס געגען מיר אליין א מרידה, ניין! דיך מעגסט דו מקריב זיין! נאר דיין ווייב און קינד? ווי האסט דו א רעכט זייער שטיץ איינצושטעלען?

ווען דער זאץ זאל זיין א געשריבענער, איך זאל דעם פרעמדענס זאצ'ס לעזער זיין און האלטען דערביי א בליישטיפט אין דער האנט, וואלט איך שוין געוואוסט, וואס מיט איהם צו טון... נאר דער זאץ איז מיין אייגענער געוועזען...

און איך פיהל מיך פארט פארקיהלט, און אהיים איז נאך ווייט, און די קאמאשען זענען פול מיט וואסער, קאלט און שווער... געגענאיבער לייכטען עטליכע פענסטער פון א קאנדיטאריי... די ערגסטע אין גאנץווארשוי, שענדליכער טיי, נאר ביי „אין ברירה"!...

איך שפרינג אריבער די גאס און פאל אריין אין אווארעמען נעבעל.

---

איך האב באשטעלט א גלאז טיי און געכאפט א „פלוג־בלאט".

דער ערשטער אילוסטרירטער וויץ, וואס פאלט מיר אין די אויגען אריין, זעהט מיר אויס אלס א המשך פון דרויסען. דער

וויץ הייסט: „ווער איז וואס האט איבערפלום?“ אויפ'ן בילד איז א וועטער ווי איצט אין גאס. צוויי פערזאנען קומען זיך אקעגען אויפ'ן טראטואר: פון איין זייט א דיקע פרוי אין די מיטעלע יאה־רען, „אן אנגעגאסענע“, אין א זיידען קלייד, א סאמעטענעם מאנ־טעל און א ווייסען פעדער־הוט. זי איז, אפנים, ביים גוטען וועט־טער ארויסגעגאנגען שפאצירען, צרער מיט א וויזיט, און דאס אומוועטער האט זי אומגעריכט געטראפען; דאס פנים איהרס איז איבערגעשראקען: זי שרעקט זיך פאר רעגען און קעלט פאר זיך. און אפשר — נאר פאר'ן מאנטעל; זי איילט, עס קומען איהר עט־ליכע טראפען שוויים אויפ'ן ווייסען שטערן ארויף; זי איילט, נאר איהרע טריט זענען דאך נישט זיכער. זי האט ביידע הענט פאר־נומען. אין דער לינקער האנט, דורכגענומען דורך דער מופע, האלט זי די זיידענע שלעפ, שוין גוט מיט בלאטע פארברעמט; און אין דער רעכטער האנט — א קליינעם זיידענעם שירם, וואס פארדעקט איהר קוים דעם פעדער־הוט איבער'ן קאפ! דער דאמע פעהלט נ א ר א שטיק שירם! פאר דאס האט זי איבערפלום — איז אלעם אנדערען. עס איז א פנים אהן זארג, פון א זיבעטער זעט, פון אלדאס גוטס!

קעגענאיבער דער דאמע קומט אן א יונג מיידעלע — הויט און ביין! זי האט אפשר לאנגע און שעהנע האר, נאר זי האט געוויס ווענינ צייט צו זיי; זיי זענען צופלאסען, צושויבערט, און דער ווינט יאגט זיך ארום מיט גאנצע פענקעס האר און קלאפט זי מיט זיי אויף די דארע פלייצעס. זי טראגט א שטארק געלאטעט דין קליידעל, און דער ווינט האט זיך צו איהר צוגעטשעפעט און זוכט נאר א שפארע, זיך ארייגצו'גנב'ענען, זיך צו ציהען צום דארען לייב. אויף די פיס האט זי א פאר הויכע שיך — פון בלאטע! זי געהט אויך נישט זיכער אויפ'ן ווינט; ערשטענס, איז איהר דער ווינט גלייך אין פנים אריין; צווייטענס, האט זי אויך ביידע הענט פארנומען: אין דער לינקער האנט טראגט זי א פאר גרויסע מע־נישע — געוויס דעם פאטערס — שטיוועל, צו פארריכטען... די אויפגעשפאלטענע פאדעשוועס לאזען מיך זי נישט חושד זיין, אז זי טראגט זיי אין א שענק, פאר א פלאש בראנפען צו פארזעצען... געוויס איז דער פאטער אהיים געקומען מיד פון דער ארבייט, די מוטער קאכט וועטשערע, און זי, די עלטסטע טאכטער, האט מען

ארויסגעשיקט פארריכטעז די שטיוועל — אויף איז דערפריה מור־
זען זיי זיין פארטיג. זי איילט, זי ווייסט, אז אויב דער שוסטער
וועט אויף מארגען נישט פארטיג מאכען די שטיוועל, וועט א גאנ־
צען טאג קיין פייער אויפ'ן קוימען נישט זיין... זי סאפעט — די
גרויסע שטיוועל זענען צו א שווערע לאסט פאר דעם קליינעם
קינד. נאר נאך שווערער איז די משא אין דער לינקער האנט: זי
טראגט — אן אומגעהייערען וועגס־שירם איבער זיך! און זי טראגט
איהם מיט שטאלץ — דער פאטער האט איהר דעם שירם געטרויט!

דעם קינד פעהלט אסך זאכען: ווינטער — ווארעמקייט, זו־
מער און ווינטער — קליידונג, א גאנץ יאהר — עסען צו דער
זעט... דערפאר האט זי איבערפלוס אין ש י ר ם!

איך בין זיכער, אז אין דער רגע איז איהר די רייכע דאמע
מיט'ן ש י ר ם מקנא!

דאס קליינע דארע מיידעלע מיט די שעלמיש־לאכענדיגע אוי־
גען, כאטש זי קערט זיך יעדע מינוט שיער נישט איבער פון ווינט.
— שמייכעלט מיר אקעגען פון בלאט אראפ:
„נו, זעהסט, מיר האבען אויך אמאל נחת!"
„אט, לאך איך אויס יענער דאמע!"

---

נאר, באצאהלענדיג פאר דעם נישט־דערטרונקענעם טיי, דער־
מאן איך מיך ווייטער אן מיין בעטלערישען איגנעל.

ער האט נישט קיין ש י ר ם, אויף איהם ווארט נישט קיין
ה י י ם. זאל זיין מיט טרוקענע קארטאפעל, אהן פוטער! אויף
איהם ווארט נישט קיין פ י צ ע ל בעט, א טאטען אדער א מא־
מען צו־פוסענס... און אפילו די א ו מ ג ל י ק ל י כ ע ד א מ ע
וואלט איהם נישט געהאט מיט וואס מקנא צו זיין!

ווי אזוי האט ער זיך מיר דערמאנט? אהא! איך געדענק:
עס איז מיר דורכגעפלויגען א מחשבה, אז פאר דעם צעהנערל, וואס
איך האב באצאהלט פאר דעם כמעט נישט פארזוכטען טיי, וואלט
דאס ארעמע איגנעל געהאט: פאר א צווייער א האלבע פארציע
זופ אדער א שטיקעל ברויט און — אן ארט, וואו צו נעכטיגען...

פאַרוואָס האָב איך טיי באַשטעלט? אין דער היים קאָכט, וואַרטענדיג אויף מיר, דער סאַמאָוואַר, עס זיצט עמיצער מיט אַ גרייטען שמייכעל אויפ'ן פּנים, אויפ'ן טיש ליגט אָנגעגרייט עפּעס צו פאַרבייסען — איך האָב מיך אָבער געשעמט נ י ש ט צו באַשטעלען קיין טיי!

— נו, מיין בושה איז אויך עפּעס ווערט! — טרייסט איך מיך.

---

אין גאַס האָט אויף מיר געוואָרט נאָך אַ שטאַרקערער ווינט.

ער רייסט די דעכער מיט אַ כעס, גלייך ער וואָלט אַן אַנטי־סעמיט און זיי — אידען געוועזען; נאָר די דעכער זענען אייזען און בייגען זיך אין דערהיים. ער לאָזט זיך אַראָפּ מיט רציחה צו די לאַמטערען אין גאַס, זיי האַלטען זיך דאָך גלייך און לייכטען ווייטער, ווי געלעהרטע העלדען אין דער אינקוויזיציע־צייט! ער לאָזט זיך אַראָפּ נאָך טיפער און רייסט דעם ברוק פון גאַס, נאָר די שטיינער זיצען טיף איינגעגראָבען, און די ערד לאָזט איהרע שכנים נישט אַזוי לייכט אַרויס; ער הויבט זיך צוריק אויף מיט אַ כעס, אַרויף, אַרויף אין דער הויך, נאָר די הימלען זענען ווייט, און די שטערען קוקען אַראָפּ גלייכגילטיג אָדער מיט חוזק...

די מענשען אין גאַס בויגען זיך, נייגען זיך, ציהען זיך צו־זאַמען, וועניג אָרט צו פאַרנעמען, דרעהען זיך אַלעמאָל איבער, דעם אָטעם צו כאַפּען, און געהען דאָך ווייטער זייער זיכערען וועג...

— נאָר דאָס אָרעמע, שוואַכע אינגעל — קריג איך מורא — ווי וועט עס מיט איהם דערגעהן?!

מיין גאַנצע פילאָזאָפיע האָט מיך פאַרלאָזט, און מיין גאַנץ רחמנות האָט זיך דערוועקט...

ווען דאָס איז מ י י ן קינד? ווען איך זאָל קלערען, אַז דער ווינט קעהרט איבער מיין א י י ג ע ן פלייש און בלוט? ווען מ י י ן קינד דאַרף אין אַזאַ ווינט נעכטיגען אין גאַס... אָדער, ווען אפילו ער האָט שוין שפּעטער אויסגעבעטעלט אַכט גראָשען,

געהן אין אזא שטורעם קיין פראגע, איבער דער ווייקסעל, איבער דער בריק!...

צי ווייל ער איז נ י ש ט מיין, איז ער דעריבער ערגער? צי ווייל די, וואס ער איז זייער, ליגען ערגעץ אין א קבר אונטער א מצבה, פיהלט ער וועניגער דעם ווינט? ציטערט ער וועניגער פאר קעלט?

איך פארליר דעם חשק אהיים צו געהן; מיר דאכט זיך, אז איך האב נישט קיין רעכט נישט צו דער ווארעמער שטוב, נישט צום קאכענדיגען סאמאוואר, נישט צום ווארעמען בעט, און בפרט — צום שמייכעל פון די, וואס ווארטען אויף מיר אין דערהיים. מיר דאכט זיך, אז אויף מיין שטערן מוז שטעהן אויפגעשריבען אז עהנליך ווארט ווי „רוצח“, „קין“... מיר דאכט זיך, אז איך דארף מיך קיינעם אין די אויגען אריין נישט ווייזען...

און עס פאלט מיר ווייטער איין צו קלערען וועגען פרומקייט.

— א מיין וואלט איך, צו אלדי שווארצע יאהר, — שעלט איך מיך, — פרום געוועזען! וואס וואלט מיר געשאדט, איך זאל זי־כער זיין, אז דער, וואס וואוינט העכער איבער אלע שטערען, איבער אלע הימלען, קוקט קיין רגע נישט אוועק פון אונזער וועלט... אז ער וועט קיין רגע אנ׳ם אינגעל נישט פארגעסען?...

פארוואס זאל ער ליגען מ י ר אויפ׳ן הארץ, איך וואלט איהם בעסער פראנק און פריי אויפ׳ן ה א ר ץ פון דער גאנצער וועלט געווארפען; ער וואלט מיר קיין רגע פאר די אויגען נישט געשטאנען, ווען איך זאל וויסען, אז ער איז זיכער הינטער׳ן גרויסען קאסמאס־אויג, וואס, ווען עס זאל זיך, חלילה, אויף איין רגע צור־מאכען, וואלט גאנצע וועלטען דער טייוועל גענומען. אבער, כל־זמן עס איז אפען, וועט דאס קלענסטע ווערמעל אהן חשבון, אהן משפט, אהן יושר נישט פארלוירען ווערען...

צינד, מוז איך מיט׳ן קראנקען האלז, מיט נאסע פיס, ביי אזא וועטער צוריקגעהן אין „טאניאק“ אריין זוכען דעם פרעמדען יתום... עס איז א חרפה און א בושה!...

וואס די „חרפה“ און די „בושה“ זענען געוועזען, מיט וואס און פאר וועמען איך האב מיך געשעמט — ווייס איך נישט עד היום. און דאך, דער חרפה און דער בושה צוליעב, בין איך געגאנ־

גען צום „טאניאק“ נישט אין גלייכען וועג; איך האב ארומגעקאַ־לעוועט עטליכע גאסען און ענדליך — געקומען.

די ערשטע שטוב, די שפייז־זאל, איז לער, דער „גיהנום“ פון א גאנצען טאג הויבט זיך אן אפקיהלען. און די פארע הויבט זיך העכער און העכער פון איבער דער נאסער פארלאגע און בילדעט א נייעם „הימעל“, א נייע „אויסשפרייטונג“ צווישען די אונטערש־טע וואסערען פון די ארעמע לייטס פיס, און די אויבערשטע — פון דער געטריפטער פארע. ערטערווייז רעגענען די טראפען אראפ, דורכ׳ן אפענעם פענסטערל אין קיך אריין. זעה איך די פארשלאפענע קעכין מיט׳ן פארדרוקטען שייטעל שטעהען אנגע־שפארט מיט דער לינקער האנט אויפ׳ן גרויסען קעסעל, פיהרענ־דיג מיט דער רעכטער האנט גאנץ פויל דעם גרויסען קאך־לעפעל צו די ליפען. די צווייטע, די „אונטער־קעכין“, בראקט לאקשען אויף מארגען, אויך פארשלאפען. דער „ממונה“ צעהלט די קוויט־לעך אויף מיטאגען אויפ׳ן קאמיטעטס חשבון... מעהר איז קיינער נישטא. איך ווארף אן אויג אונטער די טישען — עס איז פון איינ־געל קיין זכר נישטא!

איך בין צו שפעט געקומען!

— כאטש גוט, — טראכט איך, ארויסגעהענדיג פון קיך — וואס קיינער האט מיך נישט באמערקט...

---

ראפטום דערמאן איך מיך, אז איך בלאנדזשע שוין עטליכע שטונדען אין גאס.

— וואס איז פאר א טייוועל מיט מיר? — ווער איך בייז, און הויב אן צו שפרייזען אהיים.

איך בין צופרידען, וואס אלע שלאפען שוין, איך ווארף אראפ די קאמאשען אין פעדערהויז, גנב׳ע מיך אין שטוב און אין בעט אריין — נאר איך האב א שלעכטע נאכט געהאט.

מיך, פארקיהלט און דורכגענעצט, האט לאנג געדויערט איי־דער איך האב מיך אויסגעהוסט און דערווארעמט. צווישען די ביי־נער האט מיר ארומגעבלאנדזשעט א מין שוידער... רעכט איינגע־

שלאפען בין איך גאנץ שפעט און דאן ערשט האבען מיך שלעכטע חלומות געמוטשעט.

---

איך האב מיך אויפגעכאפט, בארענדיג זיך אין קאלטען שוויים און בין ארויסגעשפרונגען פון בעט גלייך צום פענסטער צו.

איך קוק ארוים — דער הימעל איז אויסגעשטערענט... די שטערען זעהען אוים, ווי ברילויאנטען אין אן אייזערנעם הימעל געפאסט... זיי בלאנדזשען אזוי שטאלץ, אזוי רוהיג און אזוי ה ו י ך !

אונטען רייסט דער ווינט; עס ציטערט דאס גאנצע הויז.

איך בין צוריק אין בעט אריין, געשלאפען בין איך שוין נישט מעהר, נאר געדרימעלט. איך האב שוין נאר האלבע חלומות געזעהן, און אלץ מיט'ן איינגעל אין דער מיט...

וואס אמאל האב איך איהם געזעהן אויף אן אנדער ארט. דא שלעפט ער זיך ערגעץ אין גאס, דא זיצט ער איינגעהויקערט אויף עטליכע טרעפלעך הינטער א דעבעל פון א געוועלב, אמאל שפילען גאר מיט איהם טייוולאנים אין באל... ער פליהט אין דער לופט פון איין האנט אין דער צווייטער אריין... שפעטער טרעף איך איהם שוין געפרוירען, פארשטארט אין ערגעץ א מיסט־קאסטען...

איך האב קוים דעם מארגען דערלעבט און גלייך געלאפען אין טאניאק אריין.

---

ער איז דא !

איך זאל מיך נישט געוועזען שעמען, וואלט איך איהם די בלאטע פון פנים מיט דאנקבארע טרערען אפגעוואשען; איך זאל נישט מורא האבען פאר'ן ווייב, וואלט איך איהם אלס אייגען קינד אהיים געפיהרט...

ער איז דא, איך בין נישט זיין רוצח !

— נא !

און איך האב איהם א צעהנערעל דערלאנגט.

ער נעמט עס פארוואונדערט; ער ווייסט גארנישט, וואס פאר א טובה ער האט מיר געטאן...

לעבען זאל ער!

---

און דעם צווייטען טאג, אז ער האט ווייטער ביי מיר געבעטעלט אויף א נאצלעג, האב איך איהם נ י ש ט געגעבען, אבער שוין קיין ווארט מוסר נישט געזאגט. נאר מעהר -- איך בין אוועקגעגאנגען פארשעמט, נישט צופרידען פון זיך אליין.

געבען קאן איך באמת נ י ש ט, נאר דאס הארץ טוט דאך וועה: פארוואס ק א ן איך נישט?

נישט אומזיסט פלעגט מיין זיידע, עליו השלום, זאגען:

„ווער עס איז נישט פרום, לעבט מיט הארץ־וועהטאג און שטארבט אהן טרייסט.“

# קליינע בילדער

## וועלכע

### 1.

דאָס שענסטע פון אַלע שטיינבילדער אין גאָרטען איז ווע־נוס — די גריכישע געטין פון שעהנהייט. פון ווייסען מאַר־מאָר, אויף אַ גרינליך־בלאַנקען פּעדעסטאַל, שטעהט די שעהנע געטין און קוקט מיט איהרע פריי־אָפענע אויגען אויף אַ טעראַסע מיט פרישע רויזען און ליליען.

אין דער אַלליי באַווייזט זיך אַ נײַנצעהן־יעהריגע מיידעל. איהר געזיכט שטראַלט מיט פרייד, די אויגען שפּריצען מיט פריי־שען געזונטען לעבען. זי געהט צו צו ווענוס.

מוטוויליג שפּרינגט זי אַרויף אויפ'ן פּעדעסטאַל — זי איז איין גרויס מיט דער געטין.

דאָס פרעהט זי. זי נעמט אַרום מיט דער אַלבאַסטער־האַנט דעם מאַרמאָרענעם געטליכען האַלז, לעגט צו איהרע פרישע, קרע־לענע ליפּען צו די געטליכע.

אַזוי שטעהט זי אַ ווײַלע, און ווער עס געהט דורך, פרעגט זיך:

— וועלכע איז שענער? צי די פון שטיין, צי די פון פלייש?

### 2.

הינטער אַ דיקער, בלאַנקער שויב, אין אויסשטעלונג פון אַ מאָ־דע־מאַגאַזין, שטעהט אַ שעהנהייט, באַהאַנגען מיט מאָדע זאַכען, נאָר אויסגעקלעפּט פון וואַקס.

די ליפּען זענען אומנאַטירליך רויט, ווי ערשט פריש און צו־פּיעל געפאַרבט; דאָס געזיכט איז געלבליך־מאַט; די ברייט־גע־עפענטע אויגען — שטאַר, אָהן א בליק; אָם שרעקליכסטען זענען דאָך די ברעמען; א רייהע פון שטייפע האָר, וואָס שטעהען איינס וויים פון צווייטען...

אינעווייניג, אין האַלב־פאַרדונקעלטען לאַדען קויפען דאַמען אַלערליי בענדער.

— פרייליין, — מאַכט די דיקע מאַדאַם צום לאַדען־מיידעל, — נעמען זי נאָך אַרויס די קאַרמין־בענדער פון דער אויסשטעלונג. דאָס מיידעל פאָלגט.

איהר גאַנג איז מיד און וואַקעלדיג; מיט אנשטרענגונג עפענט זי ברייט די רויטליכע אויגען, אום נישט איינצושלאָפען אין גאַנג. דאָס געזיכט איז שעהן, נאָר מאַט, געלב און אפּגעלעבט; די ליפּען רויט, נאָר, קענטליך, פריש געפאַרבט.

זי עפענט דאָס פענסטער, בויגט זיך איבער דאָס וואַקסענע בילד און זוכט די בענדער. זוכענדיג, פאַרטראַכט זי זיך, און פאַר־קוקט זיך אין דער לופט אריין, אויף גאַרנישט...

אזוי שטעהט זי א ווייל׳ע. און ווער עס געהט דורך אין גאַס פרעגט זיך:

— וועלכע איז שרעקליכער? די פון וואַקס, צי די פון פלייש?

## פאָדליעץ

### 1.

א רייכער מאַן פאָהרט דורך און באַמערקט א בעטלער, וואָס שטעהט אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. עס איז קאַלט און פייכט. גאָט וויים, ווי לאַנג דער בעטלער שטעהט שוין און וואַרט אויף א נדבה.

דער רייכער מאַן קריגט רחמנות, כאַפּט אַרויס און וואַרפט דעם בעטלער א זילבערען צעהן־קאָפּעקען שטיק.

דער בעטלער קוקט אויפ'ן ארט, וואו די מאנעטע איז געפאלען און ריהרט זיך נישט פון ארט. דער רייכער מאן באמערקט עס. — עס איז איהם ווייניג — טראכט ער.

— פארליערע !...

## 2.

די דראשקע איז פארביי. דער בעטלער זעצט זיך קרעכצענדיג אויפ'ן טראטואר.

עס איז פייכט און קאלט, און עס ברעכען איהם די ביינער; די פיס זענען ווי פארשטארט... גאט וויים, ווי אזוי ער וועט היינט אהיים קומען; זיי פאלגען נישט, די הילצערנע פיס. זיצענדיג, קאן ער אויך צו דער מאנעטע נישט דערלאנגען, ער ציהט זיך איינגאנצען אוים און שטרעקט אוים די האנט... קוים, קוים! ער האט זי!

ער נעמט זי צו די אויגען צו, זי איז פאלש! און ער שרייט אויך אוים:

— פארליערע!

## שוויין

אויף א גאלד־געשטיקטער סאפע ליגט א בלאסע דאמע אין א העל זיידען קלייד.

דורך די שווערע גארדינען פאלט א מאטער שיין אויף איהרע קליינע שמאלע ליפען, וואס קרימען זיך אויף א שווערען זיפץ. אין די טיפע בלויע אויגען באוויזען זיך טרערען...

עס איז איהר נישט גוט... נישט דאס האט זי געמיינט!

ליעבע האט זי געוואלט, אידעאלען האט זי געזוכט... און ער גיט איהר בריליאנטען און פאלאצען...

רעדט מיט איהר פון געלט־זאכען... פון פאדריאדען...

ק י י נ ע ר פארשטעהט זי נישט; נישט ער — דער מאן, נישט זיינע, נישט איהרע געסט...

און דאס הארץ איהרס בענקט! עס קלעמט, עס פיהלט זיך

פרעמד אין דער וועלט פון געלט, פון זילבער, גאלד און בריליאנ־טען... עס רייסט זיך צו אידעאלען צו... צו... צו...

עס איז איהר ווירקליך נישט גוט, באטש עס פעהלט איהר דער אויסדרוק.

זי שטרעקט אויס די ווייסע בלאנקע האנט, און ריהרט דאס גלעקעל אויפ'ן טיש צוקאפענס.

עס באווייזט זיך דאס שטובען־מיידעל.

— א טאסע קאפע! — באפעהלט די דאמע.

דאס מיידעל פארשווינדט און קומט צוריק מיט א כינעזיש פארצעלאנענער טאסע אויף א שווערער זילבערנער טאץ. דער פיינער גערוך פון פיינעם קאפע מישט זיך אויס מיט'ן לייכטען היאצינטען גערוך אין צימער.

געהענדיג צו דער סאפע, פארטשעפעט זיך דאס שטובען־מייַ־דעל אן א פארבויגענעם עק פון טירקישען דיוואן און — פאלט.

עס הערט זיך א טויבער קלאנג פון דער געפאלענער טאץ און פלאצענדער טאסע.

— שוויין! — שפרינגט אויף און שרייט די דאמע.

## עס איז דאך נישט קיין זאקען.

אין זאקען־פאבריק.

עס קומט אריין א מיידעל מיט א טוץ אויסגעארבייטע וואַ־לענע זאקען. זי געהט צו צום אלטען הער.

ער ווארפט א בליק אויף דער סחורה, ווייזט איהר מיט'ן פינ־גער צום י ו נ ג ע ן הער.

זי געהט, לויט מען ווייזט איהר.

דער יונגער הער נעמט די זאקען אין האנט אריין — גענוג ווייך. דערנאך לעגט ער זיי אויף דער וואג, — זיי האלטען אויס. דערנאך נעמט ער א מאס און מעסט די לענג, דעם ראנד, דעם פוסבאלען — — גוט.

דאס מיידעל אטעמט אפ; שטרעקט אויס די האנט נאך געלט.

— א ווײַלע! — מאכט דער „יונגער הער". ער נעמט פון

טיש א פארגרעסער־גלאז, ווישט עם אוים און באטראכט די אר־בייט.

נאך א לאנג באטראכטען, זאגט ער גלייכגילטיג, נאר פעסט:

— עטליכע פערים איבערגעהאקט — דריי אויגען נאכגע־לאזט... דריי פראצענט אראפ!

— אבער... — וויל זי זיך פארטיידיגען.

— קיין אבער! — האקט איבער דער יונגער הער. גיט איהר א קוויט צו דער קאסע. —

די טיר עפענט זיך ווייטער, און עס באוויזט זיך א לאבענדיג געל אידעל.

— גוט מארגען!

— גוט יאהר, — ענטפערט דער אלטער הער, — ביטע!

— דאס געלע אידעל נעהט צו צום אלטען, זעצט זיך ביים טיש.

— דאס איז מיין זוהן! — ווייזט ער אויפ'ן יונגען מיט שטאלץ.

— א סוחר! — גיט ער צו — און נאך ווי הייסט א סוחר!

— נו, איז גוט! — ענטפערט דאס געלע אידעל, — א סוחר דארף געלט!

— געלט! — ציהט דער אלטער מיט די אקסעל.

— פופצעהן טויזענט אין באר!

— נאר איין פוס אביסעל קירצער — מישט זיך דער יונגער הער אריין מיט אן אומעטיגען שמייכעל.

— מען זעהט קוים אן! — מאכט דער שדכן.

— אבער קירצער איז ער!

— נו, — מאכט דער אלטער, — א כלה איז דאך נישט קיין זאק! מען קוקט נישט אויף קיין פארגרעסער־גלאז!

# פורים־שפּילער.

איך וואָוין אין אַ שטילען הויז, ווייט פון רוישענדיגען גרזשי־באָוו, פון די זידענדיגע גאַלעווקעס. ווען נישט, וואָס טיילמאָל פאַרבלאָנדזשעט אַריין אַ „האַנדעל—האַנדעל!" וואָס טיילמאָל צופּט אַ וואַנדראָוונע סטאָליאַר ביים ציגנעל פון דער זעג, אַ שלייפער קלינגט מיט'ן העמערל אָן אָן אייזען, אָדער אַ צושויבערטע דינסט־מויד קלאַפּט אויס אַ דיוואָן אָדער בעטגעוואַנט, — וואָלט ביי מיר אין שטוב „שטיל געווען ווי אין רייוועץ." די מוזע וואָלט מיך אויף אַ רגע נישט פאַרלאָזט. איך וואָלט די וועלט פאַר־געסען מיט געזאַנג.

הערט זיך אָבער דאָס קלענסטע גערודער פון הויף, ווערט די מוזע פאַרשוואונדען!

די פעדער פאַלט אַרויס פון צווישען די פינגער, און איך בלייב זיצען לער, אָהן געדאַנקען, אָהן געפיהל, ווי „אַ שטייג אָהן עופות".

דאַמאָלס בלייבט מיר נישט מעהר, נאָר אויסצובויגען דעם קאָפּ מיט די אויגען און צו קוקען אין די פענסטער אַריין צו מיינע שכנים אַריבער.

קעגענאיבער, אויפ'ן צווייטען שטאָק, וואוינט אַ יונג, רייך פאָר־פאָלק. ביים אַריינציהען זיך, האָט מען געבראַכט אַ פאָרטע־פּיאָן, טערקיש, יאַפּאַניש און היימיש מעבעל, טויזענט קליינע מאַ־דע־זאַכען, און אַלץ — ניי פון דער נאָדעל.

דערנאָך זענען זיי אַליין געקומען.

ער — אין אַ צילינדער; זי — אין גאַזען מיט בלומען; אַלץ — שפּאָגעל־ניי, אויסער זיין פּנים, וואָס האָט אויסגעזעהן אַלט; געאַרמט זענען זיי געקומען.

אויף די טרעפּ (אויך מיט אַ פענסטער ווי־זאַ־ווי מיר) האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, געלאַכט אַביסעל, געקושט זיך...

וואס עס טוט זיך אין דער נעסט, ווייס איך נישט, — טאַ־פעלטע, זיידענע גאַרדינען...

איינמאָל האָט אַ קאַטאַרינאַרוש אַ פויערישען טאַנץ געשפּילט, און די קאַטאַרינקע איז אַ וואונדערליכע געוועזען, — זי האָט אַרויס־געגעבען טענער פון אַ האַרפע, ציטערדיגע, העלע נאַר טרויעריגע.

די גאַרדינען האָבען זיך צושפּרייט, אין פענסטער האָט זיך באַוויזען אַ יונג בלאָנד קעפּעל און האָט זיך איינגעהערט צו דער מוזיק.

דערנאָך האָט זיך צו איהר פון הינטען צוגערוקט אַ גאָלער קאָפּ, וואָס איז צוגעפאַלען מיט די ליפּען צום אויסגעבויגענעם פרישען נאַקען.

דער גאָלער קאָפּ מיט די ליפּען זענען זיינע, נאַר דאָס בלאָנדע קעפּעל האָט געהערט צו דער דינסט, צום שעהנעם דאָרפס־מיידעל, וואָס האָט דערהערט אין מוזיק אַ גרוס פון דאָרף, דערפיהלט אין איהר דעם ריח פון די לאָנקעס און פעלדער...

---

פאַר דאָס, אויפ'ן ערשטען שטאָק, זענען קיין גאַרדינען נישטאָ; איך זעה אַלץ, וואָס עס טוט זיך דאָרט.

אַ גאַנצע וואָך איז שטיל און לער; זי איז אין געוועלב; ער — אין גאָס. דאָס אַלט־פרענקישע, געבעטע מעבעל איז איבערגע־צויגען מיט ווייסע ציכלעך.

טיילמאָל לויפט אַריין די דינסט פון קיך. מיט אַ קוישעל אין דער האַנט און אַ שאַל אויפ'ן קאָפּ, וואַרפט אַן אויג אין אַלט־מאָ־דישען שפּיגעל אַריין, און האַלט זיך מיט איהם אַן עצה, צי קאָן מען אַזוי אַראָפּלויפען אין גאַס אַריין, אָדער מען מוז אָפּוואַשען דאָס פּנים?

און דאָס פּנים געפעלט איהר; אַ צופרידענער שמייכעל צו־גיסט זיך איבער די זומער־פלעקען; מיט די נישט־פאַרקעמטע האָר האָט זי דאָך צו טון; זיי ווילען זיך נישט האַלטען אונטער דער שאַל.

זי לויפט צוריק אין קיך אַריין, און קומט נאָך אַמאָל צוריק מיט גלאַנצענדיגע הענט און האָר, פון פּוטער אָדער שמאַלץ; די

אויסגעשמירטע האר לעגען זיך גלייך אונטער דער שאַל, און דאָס, וואָס מען זעהט אַרויס, גלאַנצט אַזוי חנ'עוודיג!

ענדליך, איז די דינסט אַוועק. אַ מייזעל באַווייזט זיך פון אונטער דער גרויסער, שווערער קליידער־שאַנק. עס קוקט זיך אום מיט גלאַנצענדיגע, אומרוהיגע אויגען אין אַלע זייטען...

די קאַנאַפּע, די שטולען שווייגען, דער טיש איז לער. די זילבערנע טאַץ מיט די גלעזער, וואָס קוקען אַרויס פון שויבען־שאַנק, ריהרען זיך נישט פון אָרט. דאָס בשמים־שקעטעלע מיט'ן חנוכה־לעמפּעל אין צווייטען פאַך זענען אויך נישט שרעקליך; מען הערט קיין גערויש, קיין שאָרך.

דאָס מייזעל שפּרינגט אַריבער און ווערט פאַרשוואונדען אין קיך־טיר.

עס ווערט ווייטער שטיל... ביז פאַרנאַכט.

דאַמאָלט קומט דאָס פּאָר־פאָלק אַהיים, עסט אָפּ און ווערט פאַרשוואונדען אין טיר פון שלאָפצימער...

אויף דער וואַנט הענגט אַ „מזרח“ מיט שרעקליכע לייבען. רעכטס—אַ לוח; אויף דער גרויסער קליידער־שאַנק ליגען עטליכע ספרים. קיין באַזונדערע ספרים־שאַנק איז נישטאָ. —

די ספרים דערקען איך.

אין אַ ווייס־ביינערנער בונד ליגט איהר דרשה־געשאַנק — אַ סדור מיט עברי־טייטש. דיקער און ברייטער איז דער „צאינה וראינה“ מיט די צושויבערטע שפּיצען... אין דער צווייטער זייט דערקען איך זיין דיקען „אורח־חיים“, דערנעבען ליגען עטליכע דינע ספרים: אַ תקון שבועות'ל, אַ הגדה'לע, אַ מגילה... אין דערמיט, מיט די זילבערנע רוקען אויף'ן פראָנט, שטעהען חמשה חומשי תורה, צוויי מחזורים... אויסער דעם, וואַלגערען זיך אַרום עטליכע שמות, קענטיג — איהרע תחינות, און שוין!

דאָס איז די גאַנצע ביבליאָטעק פון „פּראָסטען איד“...

און אַ גאַנצע וואָך איז שטיל און ציכטיג, אויסער פרייטאָג.

איך ווער נערוועז פון פיש־ און קלאָפּס־האַקען.

פאַר פסח בין איך שיער נישט אוים דער הויט געשפּרונגען פון שאַרען, רייבען און קראַצען.

די בעל־הבית'טע מיט דער דינסט צוזאַמען האָבען זיך עטליכע טעג געוואַלגערט אויף די פּאָדלאָגעס און מעשים געטאָן!

שבועות האב איך מיר איבערצייגט, אז „ריחא מילתא“. איך האב געהאט א פולע שטוב מיט פריש געבאקענעם קעז, ראזשינקעס און נישט פרישער פוטער...

סוכות האט ער אזוי לאנג אויסגעלעגט דעם סכך, עס זאל נישט זיין נישט צופיעל זון און נישט צופיעל שאטען, ביז ער איז אראפגעפאלען פון לייטער, און ווען נישט, וואס „שלוחי מצוה אינן ניזוקין“, וואלט ער זיכער געהאט א לאך אין קאפ.

דערנאך ערשט האט ער, זינגענדיג א מארש אונטער דער נאז, ארויפגעטראגען א לולב מיט אן אתרוג...

שבת און יום־טוב שלאפט מען, אדער מען נעמט אויף געסט מיט איינגעמאכטס און פרוכטען...

דאמאלט זעה איך דאס מעבעל אהן אן איינהיל: געלע פיינעל און גרינע בלעטער —

און דעם פראסטען איד מיינעם ביז איך א גאנץ יאהר מקנא!

„מעשה־בראשית“, „מעשה־מרכבה“, ווי להבדיל — פאליטיק און אנדערע „קוועיטשען“ זענען נישט זיין דאגה...

פרנסה גיט גאט, ער אליין מוז זיך צוריהרען, אויך די האנט טון אין קאלט וואסער אריין, נישט מעהר!...

קיין קינדער נישט דא, אדער שוין פארזארגט... לעבט זיך רוהיג, ווארטענדיג אויף משיח'ן!

ער האט נישט קיין ווייטע האריזאנטען, פאר דאס אבער — א זיכערען, גלייכען וועג פון וויג ביז אין קבר אריין...

קיין מסופק'ער יתוש מיט'ן קופערען פיסקעל דרעהט איהם נישט אין מח... ער האט קיינמאל קיין שאלה נישט אהן א גרייטען תירוץ פאראויס.

די פריהעריגע דורות, האבען איהם אויף אלעם פארזארגט מיט בפירוש אויפגעשריבענע תשובות.

מען האט איהם איבערגעלאזט א צואה, ווי אזוי ער זאל זיך פיהרען; ווען ער זאל שלאפען, ווען וואכען, ווען לאזען וואשען די פארלאגע, ווען און וואס צו קאכען... ווען איינגעמאכטס צו פרעגלען, ווען אביסעל וויין צו טרינקען, ווען ברייט און ווען שמאל צו זיצען...

און מען האט איהם פארשריבען: וואס ביי גאט צו בעטען, וואס לייט צו ווינשען; אויף'ן גאנצען לעבען א גרייטען רעצעפט...

אויף יעדען פעסטערען קלאפ פון הארץ — א גרייטע **אשה**, ביז הונדערט און צוואנציג יאהר.

מאכט זיך איהם עפעס א שאלה, קוקט ער אריין אין לוח, אין סידור „אורח־חיים“! לויפט אריבער די דינסט צום דין, וואס וואוינט אין דער צווייטער גאס, פרעגט ער א שכן...

זיין ערד רוקט זיך איהם קיינמאל נישט אפיר פון אונטער די פיס; זיין הימעל וויל נישט איינפאלען, זיין וועלט שטעהט שטאל און אייזען, און זי וועט אזוי שטעהן — ביז'ן אלף הששי...

וואס נאכ'ן אלף הששי וועט זיין — זאל גאט זארגען!

דערביי וועט איהר איהם קיינמאל ביי קיין ליגען נישט כאפען, ווייל ער זאגט אייך קיינמאל נישט צו אויף זיכער, — „אז גאט וועט שענקען דאס לעבען“, וועט ער „בלי נדר ומסקנא“ אפשר ריהרען זיך פון ארט...

אזא מענש, כל זמן ער איז געזונט און האט, ווי עס איז, פרנסה און א נישט איבעריג שלעכט ווייב, איז געוויס גליקליך!

ערשטענס, האט ער זיך נישט מיט וואס צו שעמען.

דאס פענסטער איז זומער אפען, ווינטער און זומער מיט גאר־נישט פארהאנגען... הימעל און ערד מעגען אריינקוקען. איך בין זי־כער, אז ער האט קיין גלאק און קיין קלאפ־שלאס נישט ביי דער טיר... ער פארמאכט זיך נישט, הייסט צו זיך פריהער נישט קלינ־גען, ער זאל צייט האבען עפעס צו באהאלטען... פון עפעס אפצור־שפרינגען...

איך קוק טאקע פראנק און פריי אין דער איינפאכער, אלט־מאדישער נעסט אריין, וואו דאס שטילע גליק האדעוועט זיך — אויף נעלע פייגעל און גרינע בלעטער...

היינט אבער איז דארט לוסטיג. פורים איז היינט...

וואס מאכט איהם אזוי פרעהליך, אזוי לאכענדיג? וואס בויגט איהם אזוי איבער די ליפען, אז עס ווייזען זיך איהם ארויס אין איין זייט די שפּיצינע ציין? וואס איבערנעהמען איהם די אויגען? זיין לעבען איז אזוי איינפאך, אזוי פראסט, אז קוים קומט עמיץ און פארשטעלט זיך ווי עס איז, קנאקט ער שוין פאר לאכען!

א פורים־שפּיל!

דעם פורים־שפּיל געדענק איך פון דער היים, פון די קינדער־יאהרען.

עס קומט אריינצושפרינגען א יונגער קונדאס מיט צונעזעצטע באָרד און פאות און א גאַליציאַנעם קאַפעליוש אויפ'ן קאָפּ.

ער שפילט אַן אָרענדאַר, רעדט סאַמע לשון־קודש ווערטער און נישט צו דער זאַך...

עס שפרינגט אריין א חסיד'ל (נאַטירליך — א פאַרשטעלטס) מיט משוגע'נע תנועות: פּאַטשט אין טיש, איז די ווענט אריין, שפרינגט ווי א ציג, שלינגט איין די פאות און שפּייט זיי אויס, פאַרגלייסט א פּאָר קעלבערנע אויגען צום באַלקען, און טאַנצט מיט התלהבות, אַז די האָר ברענען.

און אַלע פּורים־שפּילער זאָגען אָדער מיינען דאָסזעלבע:

היינט איז פּורים,
מאָרגען איז אויס;
גיט מיר א קרעפּעל
און וואַרפט מיך אַרויס!

---

איך דרעה אויס דעם קאָפּ און קוק צום שכן פון צווייטען שטאָק...

פון פענסטער רייסט זיך אויך אַרויס מוזיק. נאָר דאָס זענען נישט קיין פּורים־שפּילער, קיין פּורים כלי־זמר...

עס איז א באַל אויף אָרעמע לייט!

איך האָב אויך א בילעט באַקומען.

עס רימפּעלט א פּאַרטעפּיאַנאָ, און אַרום דער קונציגער מעלאַ־דיע טשעפּען און וויקלען זיך, ווי „נאַכוועהען", די דעמפּיגע בויך־טענער פון דער פּיאַנע. עס דערמאַנט מיך אַן שבת'דיג צושויבערטע האָר אַרום נעכטיגען קונציג געפּלאַכטענעם קרענצעל...

די טאַנצענדיגע פיס וואָלטען קיינמאָל אין דעם ווירוואַר פון רוישען און מענער די מעלאָדיע נישט געכאַפּט, ווען נישט דער סמיטשעק, וואָס האַקט זיי פון א הייזעריגער פידעל די טאַקטען, ווי איינציגע פּאַרפּעל...

די פידעל קען איך אויך...

איך קען די מאָגערע פאַר'חלש'טע האַנט, וואָס דריקט זי צו

צו דער פייפענדיגער ברוסט — איך האָב נאָר איהרע אויגען נישט געזעהן, ווייל גאָט האָט זיי איהר פאַרגעסען צו עפענען.

פאַרשלאָפען קומט זי אריין און לאָזט זיך צופיהרען צו דער פּיאַנע. פאַרשלאָפען שפּילט זי, פאַרשלאָפען פיהרט מען זי שפּעטער ערגעץ צו אַ פינסטער ווינקעלע צו, און מען גיט איהר עסען; איהר איז דאָך אַלץ איינס, און ביי די גרויסע, ווייס־געדעקטע טישען אין ליכטיגען סאַלאָן איז ענג...

דערנאָך טרעפט זי אליין צוריק צום פּאָרטעפּיאַן... פאַרטאָג וואַקעלט זי זיך, צוריקגעהענדיג, איבער דער גאַס, און טרעפט ארויף צו איהר שטיבעל אויף'ן פיערטען שטאָק...

---

און וואָס פעהלט אונזערע אָרעמע לייט?

אויפ'ן ערשטען שטאָק טיילט מען קליין־געלט; טיילמאָל קריגט מען נאָך אַ טרונק בראַנפען מיט אַ שטיק פּורים־קוכען...

אויפ'ן צווייטען שטאָק טאַנצט מען אויף זייער חשבון...

דאָס אומרוהיגע בעל־הבית'שע געוויסען טוט וואָס עס קאָן!

פרומע און נישט פרומע ווילען פאַרשיטען מיט מצוות און מעשים טובים דעם אָפּגרונט, וואָס דער שווינדעל האָט אויסגעגראָבען צווישען אָרעם און רייך...

די אַלטע צדקה איז, ווענינגסטענס, עקאָנאָמישער...

מיין פראַסטער שכן עסט אַ מאָלצייט פאַר אַ רובל און צוטיילט פינף—זעקס; אָבער דאָ קאָסט אַ קלייד אויפ'ן באַל פינף און צוואַנציג רובל, און דערפון פאַלט אויפ'ן אָרעמאַן פינף און צוואַנציג קאָפּיקעס...

נאָר דאָס איז שוין „לוקסוס", און דעם לוקסוס וואַרפען מיר אויך אין אָפּגרונט אריין! ביים קלייד אַרבייטען דאָך אָרעמע נעהטאָרינס! און נאָך צוויי־דריי בעלער, קומען עס דאָך אָפּ אָרעמע כלות...

אויסער דעם, ווערען אויף אַזאַ באַל יונגעלייט באַקאַנט מיט יונגע מיידלעך און אַזויערנאָך קאָן מען זיך באַגעהן אָהן שדכנים; אויך אַן איינגעברענגטעס!

נאָר ווער עס וויל, זאָל זיך אַנטציקען דערמיט — איך נישט.

אין גריכענלאנד האט מען אויך מיט מענשען געהאנדעלט!

דער סוחר האט ארויסגעפיהרט אויפ'ן מארק א שאק נקבות, אין לייכטע הילען, אין גן־עדן־קליידער.

איז געקומען א קונה, האט מען איהם די סחורה געוויזען און געלויבט; מען האט זי פאר איהם געדרעהט אויף אלע זייטען, געוויזען אלע מעלות און קונציג פארשטעלט אלע חסרונות...

די פארקויפטע נשמה האט געשוויגען.

אונטער דער ערשטער בייטש ערשט, האט זי גערעדט.

אונטער דער צווייטער — געזונגען.

אונטער דער דריטער — געטאנצט.

דער קונה מוז דאך וויסען, אז אויסער קליינע פיסלעך און הארטע בריסטען, וועט ער נאך האבען א היבשע פארציע רוחניות!...

היינט טוט עס די שקלאפין אליין...

זי אליין רוקט ארויס קונציג איהרע פיסלעך פון אונטער'ן קלייד; זי אליין בלאזט זיך אויף, וויפיעל מען דארף, מען זאל זעהן ווייניג, נאר שטויסען זיך—מעהר, ווי עס איז—... זי אליין רעדט ווי אן אפגעבונדענע, זינגט ווי א פרייער פויגעל, טאנצט ווי אויף א טאקעניש, און טוט אלץ, אלץ, אבי זיך צו פארקויפען...

אין גריכישען לעבען איז, ווייניגסטענס, קיין וואטע נישט געווען...

---

דער שדכן איז נאך א ליגנער, און, ווייל ער נארט ביידע צדדים, האט ער סוף כל סוף קיינעם נישט אויף דעם געוויסען. — נאר עפעס אויף דעם געוויסען דארף האבען די מאמע, וואס פיהרט ארויס די טאכטער „אין דער וועלט אריין," זי פטור צו ווערען. און די טאכטער, וואס לאזט זיך פארקויפען...

וועגען „חופה־קליידער" פארצעהלט מען אזא מעשה:

איינמאל האט א „באל אויף ארעמע לייט" חתונה געמאכט אן אלט נעהטארין־מיידעל, וואס איז שיער נישט בלינד געווארען ביי דער נאדעל.

די אלע הייזער, וואו מען האט זי בלינד געמאכט, האבען זיך

צוזאַמענגעלעגט, אויסגעזוכט און אויסגעטאַנצט איהר אַז אַלטע אַלמן פאַר אַ רובל פינף און פיערציג.

אַ חתונה־קלייד האָט מען איהר געקויפט.

דורך דער גאַנצער צייט האָט די געהטאַרין זיך נישט געמישט, גלייך מען מיינט נישט זי.

די גאַנצע צייט, ביז צו דער חופה, איז זי געלעגען אויפ'ן בעט און צוגעלעגט זיך ניקס־וואסער.

זי האָט דעם חתן נישט געדאַרפט, נישט געוואָלט און אפשר נישט געקאָנט זעהן...

„אַ שטיק האָלץ, רחמנא לצלן, אַ שטיין.“ — האָבען איהרע חבר'טאַרינס געזאָגט.

„דאָס פאַרשטעהט דען צו דאַנקען?“ — האָבען די בעלי־טובות געזיפצט, און געשיקט די מצוה אויסצוטווישען אויף לויתן אין הימעל אַריין, אָדער אויף כבוד צום „קוריער וואַרשאַווסקי“...

נאָר ערשט, אַז מען האָט אַריינגעבראַכט דאָס אָפּגעקויפטע חופה־קלייד, האָט זי אויף דער פאַרגעלטער ווייס־אַטלעסענער שמאַטע געוואָרפען אַן אויג, און — שדים זענען אין איהר אַריין — זי רייסט זיך ביי דער ברוסט, זי רייסט זיך אויס די האָר, און ברעכט אויס אין אַ קראַמפּפהאַפטע געוויין...

עס האָט לאַנגזאַם געדויערט, ביז מען האָט זי באַרוהיגט, איי־דער מען האָט פון איהר צוריק גענומען אַ שטיק האָלץ אָדער אַ שטיין, און געפיהרט צו דער חופה. —

נאָר דאָס קלייד האָט זי דערקענט... זי האָט עס אַליין גענעהט. זי געדענקט פאַר וועמען... זי איז דערנאָך אין סינאַגאָגע אַריינ־געגאַנגען זעהן, ווי דער בלאָנדער מלאך וועט אויסזעהן אין נעבעל פון העל־בלויע גאַזען און ווייסע שפּיצען...

און — זי האָט אין איינוועגס דעם חתן דערקענט.

נאָר די וועלט פיהרט זיך שוין אַזוי! רייכע כלות באַנייען די חופה־קליידער פאַר אָרעמע נייטאַרינס, און אָרעמע נייטאַרינס באַ־נייען די חתנים פאַר רייכע כלות.

# אלטוואַרג*)

## דערצעהלט פון א פורים־רב.

### מיט א קליינער הקדמה.

### 1.

איהר האָט מיך געמאַכט פאַר א פורים־רב*), — בין איך! וואָלט איהר מיך אויסגעקליבען אלס שתדלן אין וואָס עס איז פאַר אַן עסק, אלס גבאי אין א חברה של צדקה, אלס רעדעל־פיהרער אָדער קאָד־לעפעל פון א פאַרטיי, וואָלט איך אלץ געקאָנט זיין! אפילו, ווען איהר מאַכט מיך פאַר א גוטען איד פאַר אַן עולם חסידים, וואָלט איך אויך געווען! איך בין קיינמאָל נישט געגען קהל, געגען חברה, געגען פאַרטיי און, וואָס מען וויל, בין איך. איהר מיינט, מען דאַרף זיין פעהיג דערצו? אַז אסור! וואָרים, נישט אינ׳ם אויסגעוועהלטען שטעקט די קראַפט! ווען מען וואַרפט „הורראַ!“, דער פליהט; ווען מען שטעלט זיך אויפ׳ן קאָפּ, דער איז הויך; ווער עס טראָגט דאָס שטריימעל, דער איז רב! צו ווע־מען מען פאָהרט, ווען מען גיט פדיונות, פיהרט דאָס רעדעל! און — נישט גענאַרט — יעדער איינציגער פון דער חברה האָט א קליין ביסעל אמונה, א קליין פיצעל בטחון, א שטיקעלע ווילען. און, אַז מען לעגט אלץ דאָס צוזאַמען אין איין בוזעם־טאַש אריין, ווערט דער בעל־הבית פון בוזעם־טאַש א גרויסער מאַן, א פייער־

---

*) אין פוילען און אין ליטא איז אין די חסידים־שטיבלעך א מנהג אויסצוקלייבען אויף פורים א פורים־רב, וועלכער איז מחויב אלע־מען פרעהליך און לוסטיג צו מאַכען.

דיגע זייל; א זון, וואס שטראַלט ארויס אמונה און בטחון... און אַז אייזערנע קראַפּט קריגט מען מויערען צו ברעכען... א והא ראיה: צופאַלט זיך די חברה, ווערט דער גרויסער צוריק קליין, נישט אַנ־זעהעוודיג; ער ווערט אינגאַנצען פאַרלוירען.

דאָס זעלבע איז מיט א פורים־רב. מיינט נישט, אַז ער דאַרף זיין בטבע א לץ, אַז ער מוז שיטען מיט גלייך־ווערטלעך און ווי־צען! אויב דער עולם וויל און קאָן, איז גענוג, אַז דער פורים־רב זאָל טייטען מיט א פינגער, דער עולם זאָל פאַלען אונטער די בענק פאַר געלעכטער; ווילען זיי נישט און קאָנען נישט, העלפט קיין חכמות און קיין קונצען. דאָס איז אמת, אָבער, מודה מוז איך זיין, אַז איהר האָט גוט געטראָפען מיט מיר! דעם אמת זאָגענ־דיג, אַביסעל ליצנות שטעקט אין מיר פון געבוירענהייט אַן: אפילו אַז איך ווער גאָר ערנסט, אַז איך רייט שוין גאָר מיט גרויס גדלות אויפ'ן בעזעם, אַז איך בלאָז מיך שוין גאָר אָן, ווי ממש עפּעס רעכטעס, — זיצט אויך עפּעס אין מיר אינעווייניג און לאַכט... און ווער איך אַמאָל אין כעס, שיט מיט פייער, שריי: מערדער! הינט־שלעגער! א. ד. ג. זיצט עפּעס אין מיר און לאַכט! און עס לאַכט. אפילו ווען איך וויין; ווען דאָס הארץ, דאַכט זיך, וויל זיך צוברע־כען ווי א שאַרבען... עס איז א ביטער געלעכטער, אָבער עס לאַכט: „עס איז דאָך נאָר א פורים־שפּיל!" לאַכט עס א גאַנץ יאָהר! און די הויפּטזאַך: ביי מיר ווערט איהר ווירקליך נישט וויסען, בין ארור המן לברוך מרדכי, וואָרים — וואָרים איך אליין וויים נישט! כל־זמן איך קוק מיט מיינע אייגענע אויגען אין מגילה אריין, זעה איך; כל־זמן דער קורא לייענט, זינגענדיג־שנאַרכענדיג, הער איך; לעג איך אָבער אוועק די מגילה, בלייבט דער קורא שטיל, — פאַרגעס איך. און הויב נישט אָן צו וויסען! דאָס קומט דערפון, וואָס מען האָט. — גרויס זענען אונזערע זינד — אָפּגעשטעלט די זון, געהייסען זיך דרעהען — דער ערד. דרעהט זיך מיר פון דאַמאָלט אָן דער קאָפּ!... אַז א מענש פיהלט נישט קיין פעסטען באָדען אונטער די פיס! דער בעל־הבית פון קלענסטען שטעדטעל זיצט שוין נישט אויפ'ן אָרט, איז נישט אַזוי פעסט פאַרגליווערט ווי אַמאָל... דער וועג פון וויג ביז'ן קבר איז שוין נישט אַזוי גראַד; קרום, נישט איבערצוזעהן: א מענש ווערט געבוירען אין מערב, גט זיך מיט'ן ווייב אין צפון, באַנקראָטירט אין דרום, מאַכט גלגול מחילות קיין

מזרח און אזוי ווייטער! און געה וויס אויפ׳ן כף הקלע, ווער המן, ווער אחשורוש און ווער, להבדיל, מרדכי איז? אן אויסגעמישטע וועלט! — ווי גלעזערנע פערעל אין א קאלעידאסקאפ, מישען זיך איבער די פארשידענ־פארביגע, פארשידענ־פארמיגע אידעען; די ליניען ברעכען זיך, די רעדער וויקלען און פלאנטערען זיך און געה וויים, וואס גוט און וואס שלעכט איז...

עה, ברידער! איינשלאפען טאר מען נישט! די הקדמה איז געענדיגט, נעמט א קאפ...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אבער וואס דערצעהלט מען אייך?

איך פלעג אייך דערצעהלען וויינענדיגס, הארצרייסענדיגס, האט איהר געלאכט; מיר האט אין די געהירען געברענט, דער טייוועל מיט אלע זיינע משרתים האבען דאס הארץ געריסען, און איהר פלעגט פלאצען פאר געלעכטער. וואס נעמט מען פורים געשיקטען פאר אייך?

איך קוק ארויס דורך די פענסטער און זעה גאנצע לאנקעס, באוואקסען מיט בלומען און דערנער. די בלומען זענען די גוטע, הארציגע מעשה׳לעך, און די דערנער זענען מעשה׳לעך, וואס שטעכען און ברענען! וואס זאל איך אויסרייסען פאר אייך? א בלימעלע? געוויס! ווי הייסט עס אינ׳ם באקאנטען ליעד? — דער רבי האט געהייסען לוסטיג זיין! איך שטרעק אויס די האנט — צי וועל איך ריכטיג טרעפען? עס איז דאך פורים! איך זאל כאטש, ווי עס וועט זיין, קיין טעות נישט האבען...

## 2.

איך שטרעק אויס די האנט, די לאנגע האנט פון א פורים־רב, אין דער פורים־וועלט אריין און טרעף קיין כינא, און רייס אויס א בלימעלע — א מעשה׳לע. הערט!

אמאל איז געוועזען א כינעזישער חכם; ער האט דורכגעמאכט אלע עקזאמענס, דורכגעלעזען און אויסווענינ געקאנט אלע ספרים, געדרוקטע און געשריבענע, הייליגע און „וואכענדיגע“, מיט איין

ווארט — אלץ, וואס א כינעזער האט אמאל אריינגענארט אין א טרוקען כינעזיש ווארט און פארקלאפט און פארהאמערט אויף טויט! ער האט נאר געדארפט עפענען דאס מויל, עס זאלען זיך ארויסקאלערען גאנצע מגילות, גאנצע ספרים; מיט׳ן שער, מיט׳ן „תם ונשלם“, מיט אלע ציטאטען און אלע באמערקונגען פון בחור הזעצער, וואס זענען נאך אין כינא אין דער מאדע, ווי ביי אונז מיט א יאהר פופציג צוריק... הערען האט ער שוין נישט געקאנט. עס איז שוין פאר איהם קיין נייעס נישט געווען: זעהן האט ער שוין נישט געהאט וואס — אין כינא זענען זיך „מארגען“, „נעכ־טען“ און „היינט“ עהנליך ווי צווילינגס־ברידער — האט ער זיך טאקע געלעגט שלאפען! ער האט זיך מיט׳ן גרויס־געלעהרטען מונ־דיר, ווי דער שטייגער איז אין כינא, געווארפען אין בעט אריין, גענומען די שלאפמיץ איבער די אויערען און אויגען און שלאפט... פון צייט צו צייט שנארכט ער. עס טרעפט, אז ער רעדט חכמות פון שלאף, נאר עטליכע מאל אין טאג עפענט ער דאס מויל, מען זאל איהם אריינשיטען עטליכע קערנדלעך רייז, אריינגיסען עטלי־כע טראפען זופ פון פייגעל־נעסטס... און עפענט אפילו דערביי די אויגען נישט אויף...

ער איז אזוי געשלאפען א יאהר, צוויי צי דריי און אפשר הונדערט יאהר... אין א לאנד, וואס האט א געשיכטע פון הונדערט טויזענט יאהרען איז א יאהר און הונדערט יאהר כמעט אלץ איינס... נאר פלוצים איז ער, ווי א נעביסענער, ארויסגעשפרונגען פון בעט. א צוועלף־פונטיגע יאפאנישע הארמאט האט איהם אויפגעוועקט... אין דער צייט, וואס דער כינעזישער געלערנטער איז געשלאפען, האט יאפאן שטודירט! עס איז געגאנגען צו דער קלוגער מא־דאם אייראפא אין שולע אריין און — האט זיך אויסגעלערענט — שיסען! און עס שיסט... פיף־פאף־טראך! פיף־פאף־טראך! דאס האט ער נישט פארגעזעהן; דאס האבען איהם הייליגע און וואכע־דיגע ספרים פריהער נישט געזאגט, און קיינער האט איהם, ביי דער גאנצער צייט, וואס ער איז געשלאפען, אין חלום נישט אנט־פלעקט... ער רייסט אראפ די שלאפמיץ: בים־באם־טראך; די האר־מאטען קלינגען נאך העכער, נאך ש[illegible]עקליכער: ער קוקט זיך אום — אין שטוב איז קיין נפש נישט... דאס הויז־געזינט מיט דער גאנצער דינערשאפט זענען אנטלאפען ווי פון א שרפה און האבען

דעם שענסטען און בעסטען, דעם גרויס־געלערענטען — גאר פאר־געסען... ער לויפט צום פענסטער, קוקט אין גאס אריין: זאל גאט שומר ומציל זיין! צי איז ער שכור? צי איז ערד־ציטערניש? הייזער, שטארקע, פעסטע הייזער און פאלאצען, וואס מען האט געבויט אויף אייביג, — אויף כינעזישען אייביג — הוידען זיך, וויגען זיך, ציטערען, פלאצען און פאלען... ער פאלט אויך אום פאר שרעק... ער ליגט און קלערט, אפשר דאס ערשטע מאל אין לעבען. ווארים זייט ער לעבט, האבען איהם קאנפוציוס מיט זיינע מפרשים געגעבען יעדע רפואה פאר דער מכה, יעדען ענטפער פאר דער פראגע; מען האט נאר געדארפט אריינקוקען און זעהן, און וויסען! יורשט היינט קלערט ער; היינט, ווען די יאפאנער באמבארדירען דאס הארץ פון כינא! — גאט, גאט! — וויינען די אלטע אויגען פארצווייפעלט, — א נייע חכמה, א שים־חכמה... ווי קאן מען רע־טען זיך און גאנץ כינא צוזאמען! נאר לאנג קלערען איז דעם גע־לערענטענס מח נישט אימשטאנד, און דער כינעזישער חכם בלייבט ליגען אויף דער ערד פאר'חלש'ט, פארשמאכט...

ער ליגט און איך זעה, אז דאס מעשה'לע געפעלט אייך נישט!... ווי הייסט, היינטיגע צייטען און א מעשה'לע פון דער פרעמד, נישט פון אונזער וועלט!

ווארט, הערט ווייטער, עס וועט זיין א איד אויך!

איהר הערט ווי עס קלינגט: — האנדעל! האנדעל! פרנסה דארף דאס אידעלע, זאל זיין איירצפא, זאל זיין כינא, זאל זיין וואו עס איז; א וועלט־שטאדט אדער א קרעהי־ווינקעל: האנדעל! האנדעל! אונטער דונער און בליץ, אונטער יאפאנישע קוילען, זאל זיין דערבייי ערד־ציטערניש — האנדעל — האנדעל. מען מוז עסען און חדר־געלט צאהלען! אלטווארג קויפט א איד, דאס, וואס אלע ווארפען שוין אויפ'ן מיסט ארויס, דאס, וואס מען מאוס'ט זיך שוין אין האנט אריין צו נעמען; דאס פארשמוצטע, צוריסענע, צופליקטע, דאס קויפט ערשט א איד און פארקויפט! אבי געהאנ־דעלט!

נאר אין כינא, וואו דאס אלטווארג איז אזוי הייליג, שטעהט דאס געשעפט נישט גוט; מען פארקויפט זעלטען, פאר פקוח נפש. אבער ווייטער נישט! אייניקלעך טראגען דאס, וואס די באבע און

דער זיידע האָבען שוין בירושה באַקומען; זעלטען עס טרעפט זיך א שטיקעל סחורה!

דער איד דאַך טוט זיך זיינס און פאַרלאָזט זיך מיט דער רעשט אויף דעם. וואָס שפּייזט דעם וואָרעם אויפ'ן פעלד און דעם האָז אין וואַלד, און שרייט אין אַלע גאַסען: — האַנדעל! האַנ־דעל! און דער הייזעריג, דין אויסגעפּייפּטער „האַנדעל", שניידט זיך דורך די גראָבע באַסען פון די צוועלף־פונטיגע האַרמאַ־טען און פאַרדרעהט זיך ביז צום אויער פון פאַר'חלש'טען כינע־זישען חכם.

דער שפּרינגט אויף: א איד רופט! א איד איז דאָ! א איד. וואָס איז נישט קיין פראַנצויזישער, דייטשער, יאַפּאַנישער אָדער כינעזישער חכם, נאָר א וועלט־הכּבּ! א איד, וואָס האָט שוין פון יעדען אייוועז ברויט געגעסען און איז אויף יעדער באַנק געשמי־סען געוואָרען... ד ע ר וועט אן עצה געבען! מיט אַלעמי האַנ־דעלט ער, אַלץ ווייסט ער!

— איד! שרייט דער כינעזער, צושפּרינגענדיג צום פענסטער פון שטוב.

— איך בין דאָ, כינעזישער חכם! — ענטפערט דער איד. צושפּרינגענדיג צום פענסטער פון דער צווייטער זייט, פון גאַס; און ווען נישט די שויב אין דער מיט, וואָלטען זיך, וועניגסטענס, ביידע גענ געקושט!

— האָסט אַלטוואַרג? — פרעגט דער איד.

— אסך, אסך...

— ווערסט פאַרקויפען...

— ניין, נישט פאַרקויפען, נישט פאַר געלט, חלילה! נאָר אוועקגעבען, אויסטוישען.

— אויף אַנדער אַלטוואַרג? — טויש איז אויך א מסחר, טראַכט דער איד.

— ניין, נאָר אויף א חכמה! אויף א חכמה, פון וועלכער די יאַפּאַנישע תּלמידים און אייראָפּעאישע מלמדים ווייסען נישט. כי־נא מוז מען רעטען, מיט חכמה רעטען.

— חכמה אויפ'ן לאַגער, — ענטפערט דער איד, — האָב איך נישט.

— נאָר וואו באַקומט מען זי? וואו? — שרייט דער כינעזער.

— דעם אדרעס ווייס איך! — מעקלעריי, טראכט דער איד, איז אויך א געשעפט!

— זאג!

— און וואס וועל איך באקומען דערפאר?

— וואס דו ווילסט, מיין גאנץ אלטווארג.

— מאכסט חוזק?

— האסט מיין ווארט, א כינעזיש ווארט!

נאר דער איד גלויבט נישט אויפ'ן ווארט; פריהער וויל ער דאס אלטווארג, דערנאך ערשט וועט ער געבען דעם אדרעס.

— און וועסט מיך נישט נארען? — האט ווייטער דער כינעזער מורא.

— איך שווער ביי גאט!

— ווייניג.

— ביי דער תורה!

— עם!

— ביים פאלק ישראל! — דער כינעזער פארקרימט זיך.

— ביי בארד און פאות.

די שבועה נעמט אן דער כינעזער פאר וויכטיג און — דער איד איז שוין אין שטוב, דער זאק זיינער איז שוין אפען און דאס כלי־בית מיט'ן ביסעל קליידער, וואס די הויז־לייט און דינערשאפט האבען איבערגעלאזט זענען שוין פארשוואונדען אין זאק.

— אצינד זאג! — שרייט דער כינעזער.

— נאך נישט, — ענטפערט דער איד.

ער וויל נאך די שלאפמיץ, זי איז אלט! ער וויל נאך דעם מונדיר פון לייב, ער איז נאך עלטער! ער איז מיט עטליכע דורות עלטער פאר דער שלאפמיץ.

נאכ'ן אויסטון דעם מונדיר, באווייזט זיך ערשט, אז די וועש פון לייב איז אויך אלטווארג! ער איז אזוי לאנג געשלאפען און די וועש נישט געטוישט!

און דער כינעזער גיט אוועק די שלאפמיץ, טוט אויס דעם מונדיר די וועש קריכט איהם אליין אראפ פון לייב.

— שוין? — פרעגט ער נאקעט און פארצווייפעלט.

— נאך נישט, — ענטפערט קאלטבלוטיג דער איד.

אהן שטערן, און פאר מיר געהט מיט קליינע טריט דער אלטער ווייבערישער שד, מיט'ן שווארצליכען זאק אויף די אקסעל... שטיל, איך הער מיינע אייגענע טריט נישט אין קוילערדיגען זאמד. ציי־טענווייז דאכט זיך מיר דאך, אז דער ווייבערישער שד קוקט אויף מיר פון הינטען, אז ער לאכט שטיל, שטיל, פון צווישען די ברוינע־בלויע, פארברענטע ליפען, פון אפענעם מויל אהן ציין!

איך געה איהר נאך, און געה, און פיהל מיך זעהר שלעכט: מיר דאכט זיך, אז איך געה נישט, נאר זי שלעפט מיך! זי ציהט מיך, כאטש איך זעה נישט דעם שטריק...

פלוצלונג ווערט מיר די אלטע כשוף־מאכעריו פארשוואונדען. אין דער ערד פארפאלען... וואס איז דאס? איך מאך עטליכע טריט ווייטער און באמערק ערשט א הייל, אין וועלכער זי האט זיך אראפּ־געלאזט. פאר אין ברירה, וויל אליין בלייבען אין דער גרוי־ווייסטער נאכט וויל איך נישט, שפּרינג איך איהר נאך אין דער הייל אריין. אין הייל איז פינסטער, און שרעקליך לייכט אין דער פינסטערניש דער אלטערס געזיכט. עס לייכט געל, און אינ'ם געלען, ליכטיגען פלעק ציטערען ארום עטליכע העלערע שטראלען, און ביי זייער שיין זעה איך, וואס די אלטע טוט: זי וואשט די שמאטעס, וואס זי האט צוזאמענגעקליבען אויפ'ן מיסט, אין צוויי עמער — איך קוק מיך שטארקער צו און דערזעה, אז איין עמער איז פול מיט א רויטער און דער צווייטער מיט א דורכזיכטיגער פליסיגקייט...

— נאך וואס וואשסט דו די שמאטעס? — פרעג איך.

— וועסט זוכה זיין, וועסט דו זעהן! — ענטפערט די אלטע.

— וואס האסט דו אין דעם עמער? — פרעג איך, אנווייזענדיג אויפ'ן עמער מיט דער דורכזיכטיגער פליסיגקייט.

— טרערען! — ענטפערט די אלטע, — טרערען, פון דיינס גלייבען, מענשליכע טרערען!

און האלב זינגענדיג גיט זי צו:

— טרערען געפאלענע, טרערען געגאסענע, טרערען פארשלונ־גענע, דערשטיקטע און דערווארגענע.

— א ל ע טרערען?

— א, ניין! עס וואלטען ימים געווען... דאס זענען נאר ריינע טרערען, נאר ריינע טרערען... טרערען פון ארעמע לייט, טרע־

עס איז אונטערגעגאנגען די זון. און דער שווארץ־גרויער ברעג, די קויטיג־געלע ווייקסעל מיט'ן ברוין־און־בלוי־פארוויינטען הימעל האבען זיך צוזאמענגעגאסען אויף א וואונדערליך חלשות'דיגען פאן, אויף וועלכען עס האבען זיך ארומגעדרעהט איינגעבויגענע, ביינעריגע ווייבער—שדים און געגרגבען אין דעם מיסט מיט שטיק־לער אייזען; מאנכע — מיט די בלויזע פינגער.

פאר יעדען ווייבערישען שד איז געלעגען אן אפענער זאק, וואו דאס אלטווארג איז פארשוואונדען געווארען...

עס פאלט צו די נאכט, איין שד נאכ'ן צווייטען נעמט דעם זאק אויף די אקסעל און געהט אין דער באלויכטענער שטאדט אריין. איינע נאר בלייבט, איינע — די מאוס'טע, די שרעקליכסטע...

עס שווימט ארויס א פאר'חושכ'טע לבנה, עס צינדען זיך אן צוויי שורות ליכט, וואס קוקען מיט ציטערניש אין דער ווייקסעל אריין — און זי שטעהט, און קלייבט, און קלייבט...

איך באמערק ערשט, אז זי קלייבט נ י ש ט ווי אלע פרויען; אז נישט אלץ, וואס קומט איהר אין דער האנט אריין, לעגט זי אריין אין זאק. זי קלייבט נישט קיין מעטאל, קיין קוילען, נאר שטיקלעך שמאטעס, שטיקלעך קאלירטע שמאטעס.

איך געה צו און פרעג:

— אלט־ווייב, וואס טויגען דיר די קאלירטע שמאטעס?

— אז דו וועסט זוכה זיין, וועסט דו זעהן! — ענטפערט זי מיט א וואונדערליכען הארטען קול, און אין די אלטע, פארטיפטע אויגען באווייזט זיך ווי א בליץ פון צארן און חוזק צוזאמען.

זי האט געענדיגט; פארבינדט דעם זאק אוןווארפט איהם ארויף אויף די אקסעל.

— וואו אהין געהסט דו, אלטע?

— אז דו וועסט זוכה זיין, — ענטפערט זי, — וועסט דו זעהן!

איך געה איהר נאך...

נאך וואס? גאנץ איינפאך: ווייל איך האב דאמאלט נישט געהאט ערגעץ אנדערש וואו צו געהן...

איך געה איהר נאך, און פלוצים ענדערט זיך אלץ ארום... אוים ווארשוי, אוים ווייקסעל, — א זאמד, א זאמד אהן א קאליר, א מדבר... און איבער דעם מדבר — א וויסטער הימעל, אהן לבנה,

אהן שטערן, און פּאר מיר געהט מיט קליינע טריט דער אלטער ווייבערישער שד, מיט'ן שווארצליכען זאק אויף די אקסעל... שטיל, איך הער מיינע אייגענע טריט נישט אין קוילערדיגען זאמד. ציי־טענוויין דאכט זיך מיר דאך, אז דער ווייבערישער שד קוקט אויף מיר פון הינטען, אז ער לאכט שטיל, שטיל, פון צווישען די ברוינע־בלויע, פארברענטע ליפּען, פון אפענעם מויל אהן ציין!

איך געה איהר נאך, און געה, און פיהל מיך זעהר שלעכט; מיר דאכט זיך, אז איך געה נישט, נאר זי שלעפּט מיך! זי ציהט מיך, כאטש איך זעה נישט דעם שטריק...

פּלוצלונג ווערט מיך די אלטע כישוף־מאכערין פארשוואונדען. אין דער ערד פארפאלען... וואס איז דאס? איך מאך עטליכע טריט ווייטער און באמערק ערשט א הייל, אין וועלכער זי האט זיך אראפּ־געלאזט. פאר אין ברירה, וויל אליין בלייבען אין דער גרוי־וויסטער נאכט וויל איך נישט, שפּרינג איך איהר נאך אין דער הייל אריין. אין הייל איז פינסטער, און שרעקליך לייכט אין דער פינסטערניש דער אלטערס געזיכט. עס לייכט געל, און אינ'ם געלען, ליכטיגען פלעק ציטערען ארום עטליכע העלערע שטראלען, און ביי זייער שיין זעה איך, וואס די אלטע טוט: זי וואשט די שמאטעס, וואס זי האט צוזאמענגעקליבען אויפ'ן מיסט, אין צוויי עמער — איך קוק מיך שטארקער צו און דערזעה, אז איין עמער איז פול מיט א רויטער און דער צווייטער מיט א דורכזיכטיגער פליסיגקייט...

— נאך וואס וואשסט דו די שמאטעס? — פרעג איך.

— ווען זוכה זיין, וועסט דו זעהן! — ענטפערט די אלטע.

— וואס האסט דו אין דעם עמער? — פרעג איך, אנווייזענדיג אויפ'ן עמער מיט דער דורכזיכטיגער פליסיגקייט.

— טרערען! — ענטפערט די אלטע, — טרערען, פון דיינס גלייכען, מענשליכע טרערען!

און האלב זינגענדיג גיט זי צו:

— טרערען געפאלענע, טרערען געגאסענע, טרערען פארשלונ־גענע, דערשטיקטע און דערווארגענע.

— א ל ע טרערען?

— א, ניין! עס וואלטען ימים געוועזען... דאס זענען נאר דיינע טרערען, נאר ריינע טרערען... טרערען פון ארעמע לייט, טרע־

רעז אויף גלות השכינה, טרערען אויף אלעם, וואס איז לעבעדיגער־הייט פארשטארט, פארגליווערט און שטומפיג געווארען...

— און אינ׳ם צווייטען?

— בלוט... רויט, ריין מענשען־בלוט... מענשען־בלוט, פאר־גאסען פאר דער צייט, פארגאסען אומזיסט... אזא בלוט, וואס די ערד וויל דערוויל נישט איינזאפען, וויל זי קאן נאך דערפון נישט פרוכטבאר ווערען!... ריין בלוט, הייליג בלוט, יונג בלוט...

— און אין דעם אלעם וואשסט דו?...

— די אלטע שמאטעס, ווי דו זעהסט!...

און ווייטער ענדערט זיך אלץ אין מיינע אויגען... די שמאטעס, געוואשען אין טרערען און אין בלוט, ווערען וואס א רגע רייגער, בלאנקענדיגער, ליכטיגער... ליכטיגער אויך ווערט אין דער הייל... ליכטיגער און יונגער דער אלטערס פנים... עס איז שוין נישט אזוי שארף־ביינעריג ווי פריהער... די רויטקייט ארום די אויגען פאר־שווינדט, א ליטזעליגער שמייכעל באווייזט זיך איהר אויפ׳ן פנים און צושפרייט זיך פון אויער צו אויער, און די אויגען אליין, די אלטע אויגען, הויבען אן לייכטען מיט א ווייך סאמעטענעם בליק... און וואס רייגער עס ווערען די שמאטעס, העלער ווערט אין דער הייל; ליכטיגער דאס פנים, ווייכער און שטראלענדיגער די אוי־גען! און יונגער ווערט זי אינגאנצען, יונגער און שלאנקער... פון קערפער פאלען אראפ די אלטע שמאטעס... עס באווייזט זיך א וואונדערליך געטליכע שעהנהייט אהן אן איינהיל —

— גאט! — שריי איך אויס, — ווער ביסט דו?

— אז דו וועסט זוכה זיין, וועסט דו וויסען...

געענדיגט די וועש... די אלטע שמאטעס זענען אינגאנצען רייז, זיי שיינען, בלאנקען און לייכטען מיט טויזענטער קאלירען... און די געוועזענע מכשפה איז יונג!... יונג... גלייך זי געהט ערשט אקעגען דעם יונגען, זאפטיגען לעבען... און די יונגע געטליכע שעהנהייט נעמט די קאלירטע שטיקלעך און מאכט פון זיי, מיט דער הילף פון קליינע העלצלעך, גאר קונציגע, פיינע פעהנדלעך... צעהן, צוואנציג, פיערציג קליינע פעהנדלעך! און זי ארבייט אלץ ווייטער און ווייטער. — אט האט זי שוין גאנצע בינד פעהנדלעך אין דער האנט און געהט מיט זיי ארויס פון דער הייל! איך געה איהר נאך... און געהן געה איך שוין נישט ווי פריהער, ווי א קאלב

צו דער שחיטה, ווי געצווינגען אויף א שטריק; אצינד געה איך, ווי מען געהט אין א מדבר נאך א ליכטיגער זייל; ווי מען געהט נאך א גאלדענעם שטערן, ווי מען געהט נאך א גליקליכען מזל...

און ווייטער א נײַ בילד:

די זאמדיגע סטעפּ ווערט וואס אמאל העלער, נאר טונ־קעלע שאטען וואַרפען און וויקלען זיך איבער'ן זאמד אין אלערליי וואונדערליכע, העסליכע געשטאלטען!

אז אויסגעשטערענטער בלויער הימעל, נאר אין דער הויך, אין דער מיט צווישען הימעל און ערד, ציטערען און ווארפען זיך מיליארדען דינגע, שנייענע בלעטלעך...

און די געטליכע שעהנהייט מיט די טויזענטער בינטלעך פּעהנדלעך אין האנט, שטעהט און קוקט צום הימעל ארויף...

— וואס איז דארט אויבען, — פרעג איך, — צווישען הימעל און ערד?

— דאס זענען, — ענטפערט זי, — נשמה'לעך!

— פארוואס פליהען זיי נישט אין הימעל אריין?

— ווייל גאט שיקט זיי אראפ אויף די ערד?

— פארוואס פאלען זיי נישט אראפ?

— ווייל זיי ווילען נישט פאלען... עס שרעקען זיי די שאטען, וואס קאלערען און וואלגערען זיך אויפ'ן זאמד, און ווארטען אויף זיי...

— נאך וואס?

— זיך מיט זיי צו פאראייניגען!... א נשמה, מוזט דו ווי־סען, איז א ריינער שטראל פון הימעל, און ערשט פון א שטראל מיט א שאטען צוזאמען, ווערט א מענש...

— און זיי ווילען נישט אראפ?

— זיי מוזען!

אין איהרע אויגען באווייזט זיך א שטאלערנער בליק...

און אזוי רעדענדיג, ווארפט זי אין דער הויך ארויף א פעהנ־דעל... דאס פעהנדעל פליהט ארויף און איינע, א נשמה'לע, כאפּט עס אונטער און שיסט דערמיט אראפ צו דער ערד... זי ווארפט א צווייט, א דריט פעהנדעל און יעדעס ווערט אויפגעכאפט! און וואס מעהר פעהנדלעך עס פליהען ארויף, מעהר נשמות כאפען זיי אויף און שיסען אראפ צו דער ערד.

און ארום יעדער נשמה מיט א פעהנדעל פליהען צוזאמען און שיסען אראפ צעהנדליגע און הונדערטע קלענערע נשמה'לעך... און יעדעס נשמה'לע, וואס קומט אראפ, ציהט אין זיך אריין א שאטען!

און עס ווערט וואס אמאל ווענינער שניי־בלעטלעך אין דער הויך און וואס אמאל ווענינער שאטען אויף דער ערד... די נשמות מיט די פעהנדלעך און די נשמה'לעך, וואס פליהען ארום זיי, שלינגען איין יעדערע א שאטען פון דער ערד און צופליהען זיך אויף אלע זייטען פון דער וועלט אלס פארטייען...

און זי בלייבט מיט לערע הענד אונטער א ריין אויסגעשטערנטען הימעל, אויף דער געל־זאמדיגער סטעפ. א פיין דינער שמייכעל לעגט זיך איהר איבער די פיינע דינע ליפען, און פארשפרייט זיך סעקונדענווייז איבער'ן גאנצען געזיכט; אין די אויגען באווייזט זיך א בייזער בליק.

— ווער זשע ביסט דו? — פרעג איך דערשראקען.

— דאס לעבען! — ענטפערט זי.

— וואס איז דיין טון?

— איך טרייב מיין טעגליך פורים־שפיל... — ענטפערט זי הארט און פארשווינדט אין דער לופט.

צום ווידערזעהן, פארנאכט אויפ'ן מיסט!... שיקט זי מיר צו פון דער הויך!

— — — — — — — — — — — — — — — —

אזוי, אזוי, ליעבע פורים־לייט... דאס לעבען פיהרט אויך א פורים־שפיל.

דאס לעבען איז אן אלטע וועשין; זי וואשט טאג־טעגליך איבער דאס אלטווארג... דערפון מאכען זיך נייע פעהנדלעך, נייע פארטייען... איין נשמה כאפט, ווי אויבען איז געשטאנען, א פעהנדעל, א שטיקעל שמאטע, אויסגעוואשען אין טרערען און בלוט, שלינגט איין א שאטען, און ווערט א מענש, א רעדעל־פיהרער! אנדערע ווייטער שלינגען איין נאר שאטען; בלויז שאטען און ווערען פארטיי־לייט! און דאס פורים־שפיל דויערט אייביג, אייביג...

„עס איזט איינע אלטע געשיכטע, אונד בלייבט דאך אימער ניי..."

מיינט נאר נישט, אז שמאטעס אליין זענען אלטווארג, עס איז

פאראן אלטווארג פון שטיינער, אייביג אלטווארג, נישט איבערצו־וואשען... עס העלפען קיין טרערען, קיין בלוט...

4.

הערט נאר א מעשה! שוין די לעצטע!

אמאל איז געווען א שטעדטעל, א וואונדערליך שטעדטעל, אן אפענעס, אהן מויערען, אהן טויערען...

אביסעל קליינע ווייסע הייזלעך, צוואווארפען אויף א גרינער לאנקע, וואס האט זיך געבאדען אין גאלדענע שטראלען פון דער זון און ארויסגעגעבען דאס פיינסטע, גרינסטע גראז מיט די שענסטע, כאטש נישט געקינסטעלטע, בלומען...

יעדען פארנאכט פלעגט דאס יונגווארג נאך דער ארבייט ארויסגעהן אויף דער לאנקע, אויפ'ן גרין פארבלימטען מארק, צווישען די הייזלעך, און זינגען, און טאנצען, און פריי, און פרעהליך, און לוסטיג זיין.

די אלטע פלעגען זיך זעצען אויף די גראז־בענק פאר די הייזלעך און צוזעהן, ווי דאס יונגווארג לעבט, און אין זכרון נאך אמאל איבערלעבען די יונגע יאהרען...

אזוי האט זיך געפיהרט א צייט...

וויפיעל יאהר, צי וויפיעל הונדערטער יאהר, ווייס מען נישט; ווייל עס איז א פארווארפענער ווינקעל געווען; א ווינקעל אהן א געשיכטע. מען האט נאר געארבייט און געפרעהט זיך; געארבייט און דערנאך געזונגען און געטאנצט, און עס איז גארנישט געווען וואס צו פארשרייבען! עס איז איינגאנצען שטעדטעל קיין קא־לענדאר נישט געווען, און איך ווייס נישט, צי עמיץ האט גאר א זייגער געהאט...

איינמאל האט זיך געטראפען און אין דעם שטעדטעל איז גע־בוירען געווארען א געניע, אדער ווי מען זאגט אויף לשון קודש: א גאון! א מענש, וואס האט געהאט מעהר פון אלע א לויט הארץ און א קווינט מוח! און, אז ער איז אויפגעוואקסען, האט ער אי־בערגעמאכט דאס גאנצע לעבען אין שטעדטעל — ער האט געזעהן, אז מען גראבט קארטאפעל מיט דער האנט. האט ער ערפונדען א

גראַב־אייזען... צום הילצערנעם אַלטען פּלוג האָט ער צוגעמאַכט אַן אייזערן שנייד־מעסער... עס איז שווער געווען אויסצולערנען די קינדער אַלף־בית, האָט ער ערפונדען אַ נייע מעטאָדע אפילו צום טראַף! ער האָט אויך ערפונדען אַלערליי נײַ עסענוואַרג; נײַע זופּען צו די אַלטע מאכלים, און רעפאַרמירט אפילו די טענץ... צו דער פּאָעזיע האָט ער צוגעגעבען ריימען, צו דער מוזיק — דעם רעפרען... מיט איין וואָרט — ער האָט אַלץ פאַרבעסערט. פאַר־פיינערט; דאָס לעבען שענער און לייכטער געמאַכט! נישט אומ־זיסט איז ער דאָך אַ גאון געווען...

און אַז דער גאון איז גלייך מיט אַלע מענשען מיט דער צייט געשטאָרבען, האָט איהם דאָס דאַנקבאַרע שטעדטעל געוואָלט אַ דענקמאָל — אַ גרויסע מצבה — אַ מאָנומענט, הייסט עס — שטע־לען; אַ מאָנומענט אינמיטען גאַס, און אייביג געדעכעניש... זאָלען אייביגע דורות וויסען, אַז דאָ איז אַמאָל אַ גאון געווען; זאָלען טראַגעדיגע ווייבער פאַרקוקען זיך און האָבען גאונים! זאָלען לעה־רער און עלטערען טייטען מיט די פינגער אויפ'ן מאָנומענט און זאָגען שילער און קינדער: זעהט, גאונים זאָלט איהר זיין! ווען מען אייך אויך מאָנומענטען שטעלען! און הויך זאָל זיין דער מאָ־נומענט... זאָל די וועלט אַרום און אַרום זעהן, און נאָכפרעגען זיך, און וויסען...

און מען האָט געשטעלט...

מען האָט אויף אַ צייט מבטל געווען דאָס טאַנצען און זינ־גען יעדען פאַרנאַכט, און, נאָך דער אַרבייט, האָט מען זיך גענומען צום מאָנומענט...

און עס איז מיט דער צייט געוואָרען אַ מאָנומענט, וואָס האָט מיט'ן קאָפּ געערדט שטאָלץ מיט די שטערען פון הימעל, און האָט אויף דער ערד פאַרנומען אַ גרויס שטיק פּלאַץ אויף אַ פּיעדעס־טאַל...

און אַז מען האָט דעם מאָנומענט געענדיגט און געוואָלט צו־ריק איינפיהרען דעם מנהג פון זינגען און טאַנצען פאַרנאַכט, האָט מען דאָמאָלט ערשט באַמערקט, אַז מען קאָן שוין נישט פריי זיך אַרומיאָגען אויף אַלע זייטען, אַז מען קאָן נאָר טאַנצען אַ ראָד אַרום מאָנומענט!

די אלטע האבען פון זייער זייט באמערקט, אז דער מאנומענט פארשטעלט זיי די זון; אז נישט אויף אלע גראז־בענק קאן מען שוין זיצען; אז פון מאנומענט לעגט זיך א שאטען איבער דער שטאדט... אז אונטער׳ן מאנומענט איז קאלט פאר די אלטע ביינער...

דאך האבען אלע מיט׳ן מאנומענט שטאלצירט; מיט׳ן מאנומענט אליין בכלל און מיט דער לאנגיעהריגער ארבייט, וואס מען האט אין איהם פארשטיינערט, בפרט! און אבוואל עס האבען זיך, דורך פארקוקעניש פון טראגעדיגע ווייבער, ווי פון מוסר זאגען פון עלטערען און לעהרער, קיין גאונים נישט געמעהרט, האבען זיך דאך געמעהרט די מאנומענטען...

נישט מיט אמאל, נאר ביסלעכווייז; שוין נישט אזוינע גרויסע — קלענערע, קליינע און גאר קליינע, ביז צו איינפאכע מצבות. נאר אלץ אינמיטען מארק!...

עס איז מיט דער צייט א מאנומענטען־קרענק געווארען — און אונטערגאנג...

האט עמיץ ערפונדען א נייע ארט קארטאפעל־שיילען, האט עמיץ ערפונדען א נייע רעטעניש, ווער שמועסט, אז עמיץ האט עמיצען א גרעסערע טובה געטאן, א היבשע נדבה געגעבען, אדער אן אלט בעט פון פייער ארויסגעשלעפט, מיט א שטעקען א שלאנג געטויט, האט מען איהם שוין א מאנומענט געשטעלט...

רייכע לייט האבען פאר׳ן טויט אפגעשיידט א טייל פון דער ירושה פאר זיך אויף א מאנומענט; די, וואס האבען קיין גרויסען צוטרויען צו די יורשים נישט געהאט, האבען זיך אליין לעבעדיגערהייט מאנומענטען געשטעלט... מיטעלערע לייט האבען אויף מאנומענטען די הייזער פארקויפט, מצבות צו שטעלען... עס איז געקומען דערצו, אז אלע האבען געמוזט האבען מאנומענטען, און פאר גאר געמיינע לייט, וואס האבען אפילו קיין רייכע קרובים נישט געהאט, האט קהל געגעבען א מאנומענטעל...

אוים גראז, אוים בלומען, אוים געזאנג און טענץ — דורכאוים מאנומענטען, סאמע מצבות...

און די מענשען האבען מעהר פון טויט און מאנומענטען געטראכט ווי פון לעבען... לעבעדיגערהייט האט זיך יעדערער שוין

פארגעשטעלט אלס טויטער, און באמיהט זיך אויסצוזעהן שטייף און פעסט ביים לעבען, ווי דער מאנומענט נאך זיין טויט!

און אין די שטייפע, מאנומענטען־עהנליכע קערפער, זענען שטייף און פארשטיינערט געווארען די נשמות...

נישט פלאץ צום טאנצען און זינגען האט שוין געפעהלט; דער חשק דערצו איז שוין אויסגעטריקענט געווארען... געלעבט האט מען נאר אויף נאכ'ן טויט!... געהאפט האט מען נאר אויף מאנומענטען!...

און עס איז געקומען א צייט, ווען די גאנצע שטאדט איז פול געווארען מיט שטיינערנע מאנומענטען, ווי אויך מיט מאנומענטען פון פלייש און בלוט, וואס האבען גאר קינסטליך געמאכט די שטיינערנע, אז עס איז צווישען זיי נישט געווען צו דערקענען!

און מיט דער צייט האבען די גרויסארטיגע שטיינערנע מצבות ווי געלעבט, און לעבעדיגע מענשען זענען געווארען פארשטיינערט ווי טויטע מצבות...

שטארק איז דאך די לוסט צום לעבען אפילו אין הארץ פון פארשטיינערטע מענשען! עס וועקט זיך אלע מאל שטארקער די בענקשאפט צום פרייען לעבען! צום פרייען זינגען און טאנץ־לעבען!

פארבארגענערהייט האבען אלע געגלוסט און געבענקט נאך דער אלטער צייט, ווען דער פארבלומטער מארק האט זיך געבאדען אין דער ליכטיגער זון, ווען דאס יונגוואַרג האט געזונגען און געטאנצט אינמיטען מארק, און ווען דאס אלטוואַרג איז געזעסען ארום, אויף די גראז־בענק, און צוזעהענדיג, נאך אמאל דורכגעלעבט א לעבען...

און מען האט שטילערהייט אזוי לאנג געבענקט, ביז מען האט א שטיקעל עצה געפונען!

מען האט צונויפגעקליבען אלע פונקען פון לעבען און פרייד, וואס האבען זיך געוועקט איבער א גאנץ יאהר, און צוזאמענגעלעגט אויף איין טאג! דעם טאג האבען די לעבעדיגע מאנומענטען אראפגעווארפען פון זיך די שטייפקייט, די פארגליווערטקייט, און געפרואווט לעבען, ליעבען, זינגען און טאנצען...

דאס איז געווען — פורים! אלע ימים טובים זענען בטל געווארען, פורים — נישט!

נישט אלע דאך איז געראטען!

מאנכע האבען, ביים בעסטען ווילען, געטאַן עס אַזוי אומגע־לומפּערט, אַזוי אומנאַטירליך, אַז, קוקענדיג אויף זיי, האבען אַנ־דערע געפּלאַצט פאַר געלעכטער, און אַ פרעהליכען פּורים געהאַט...

איהר ווילט לאכען, ברידער? קוקט אין שפּיגעל אַריין; זעהט ווי איהר זעהט אויס, ווי אייער פּורים זעהט אויס און — פּלאַצט פאַר געלעכטער!

# דער מלאך.

אויפגעבליהט האט דער מזרח־שטרייף.
שווער אטעמט אויף דאס פעטע שטיק פעלד, מיט טוי באַ־דעקט.
אין שטאל בלעקט דער אקס, וואס וויל אויס׳ן פרייען פעלד ארויס.
און באלד עפענט זיך די טיר פון הויז; דער ערדמאַן באַ־וויזט זיך אויף דער שוועל.
אפען איז די שטארקע ברוסט; פארשארצט די ריזיגע הענט.
מיט א קלארען, ליעבען און דאנקבארען אויג בליקט ער — ארויף צום צושמייכעלטען הימעל, אראָפּ צו זיין פעטער שפּייזע־רין — ערד, און דערהערענדיג די שטים פון געטרייען אקס, צו־שמייכעלט ער זיך:
— איך געה, ליעבער, געטרייער אקס!
נישט לאנג האט געדויערט, און דער אקס איז שוין צום אקער געשפאנט.
הינטער׳ן אקער שטעהט דער ערדמאַן, דריקט דאס מעסער טיף אין דער ערד אריין, און דער אקס ציהט אויס האלז און קאפּ צום ערשטען שריט.
באַווייזט זיך פּלוצלונג א מלאך פון הימעל, ציהט אויס זיין פייערדיג שווערד איבער׳ן אקער, צווישען אקס און מענש...
און אין די אויגען פון מלאך זענען שמערץ און ליעבשאפט צוזאמענגעגליהט; בארמהערציגקייט און דראהונג.
און פייערליך ווענדט זיך צום מענש דער מלאך, און באַ־פעהלט, און שטאלערן קלינגט זיין שטים דערביי:
„פארלאז דיין אקס, דיין אקער, דיין פעלד און געה!"

און אז דער ערדמאַן וויינערט זיך דערשראָקען, קלינגט נאָך הארטער דעם מלאכ'ס שטים:

„און וועסט דו נישט ג ע ר נ ו ו י ל י ג גען, טרייבען וועל איך דיך!

„ווילסט דו דיין שפּייזערין־ערד נישט פאַרלאָזען, פאַרשלים איך איהר טראַכט, און זי וועט דיר איהר שפּראָצונג נישט געבען.

„ווי אייזען וועט זי ליגען אויסגעשפּרייט פאַר דיינע אויגען; און אָנזאָגען וועל איך די הימלען, און זיי וועלען איבער איהר קיין טראָפּען רעגען נישט לאָזען; קיין טראָפּען טוי.

„און וועסט דו מיט שרעק פון דיין ערד אַנטלויפען, און אין דיין שטוב פאַר מיר און פאַר מיין געבאָט זיך באַהאַלטען —

„שיק איך מיין בליץ און צינד אָן דאָס דאַך איבער דיין קאָפּ...

„רוף איך פון אַלע עקען וועלט ווינטען צוזאַמען, און זיי וואַרפען איבער דיר די ווענט פון דיין הויז...

„און וועסט דו נאָך ווידערשפּענסטיג זיין, און אַלץ נישט אָפּרייסען זיך פון דאָס דייניגע, און פון דיין האַב־און־גאָב, —

„ווינק איך צו די ווילדע אין סטעפּ, אין שטויביגען וואָלקען קומען זיי געפלויגען, און באַפאַלען דיין האַב־און־גאָב...

„אין אין דיינע אויגען קוילען זיי דיין אָקס און דיין שאָף און רינד, און פרעסען זייער פלייש!

„דו מיט ברענענדיגע אויגען וועסט עס צוזעהן, און פאַרהונגערט בלייבען!

„און דיינע זיהן און דיינע טעכטער וועלען זיי באַצווינגען; מיט פייכטע שטריק בינדען, און פאַר זיך טרייבען, אויף קנעכט און דינסטען צו פאַרקויפען — און קיינס וועט צו דיר שוין צוריק נישט קומען, — די אויגען וועלען דיר אויסגעהן, וואַרטענדיג אומזיסט!

„דו מוזט געהן!"

— וואו אהין? — פרעגט דער ערד־מאַן פאַרציטערט.

„גאָט האָט דיך אַלס זיין שליח אויסדערוועהלט, און דו וועסט געהן איבער דער וועלט שטעלען און רופען זיין נאָמען!

„איבער דער וועלט וועסט דו געהן!

„נע־ונד וועסט דו זיין.

„און אהן וועג און שטעג וועסט דו געהן; איבער דערנער שארפע און שטיינער שפּיציגע, בארוועס וועסט דו וואנדערען; אייביג בלוטיגען וועלען דיינע בארוועסע פיס..

„און אז דו וועסט מיד ווערען און זיך אפּשטעלען, דעם אטעם נאָר צו כאפּען, וועל איך אנצינדרען די ערד אונטער דיינע פיס, און זי וועט דיך טרייבען!

„וועל איך דיך פון הימעל פארפאלגען מיט דונער און בליץ.

„און בלוטיגע שונאים וועל איך אויפשטעלען הינטער דיר. און זיי וועלען דיך מיט זייערע פיילען יאגען... דאס ווילדע טיר וועל איך רופען אויף דיר פון וואלד, און עס וועט דיך טרייבען...

„און צו אן אפּרוה, צו א הערבערג וועסט דו לעכצען: און וואו א טיר, וועסט דו אנקלאפּען און בעטען זיך: „לאזט מיך איבער דער שוועל!" און וואו א פענסטער: „נאכטלעגער פאר א קראנקען וואנדערער" בעטלען —

„און טרייבען וועט מען דיך פון אומעטום! —

„מיט שאנד און שפּאט טרייבען, מיט קלעפּ און שלעג — ווי א קרעציגען פון ישוב ארויס! און משוגע פאר שרעק וועסט דו ווייטער לויפען...

„און אז דו וועסט פאר א וואסער־שפּיגעל פארביי, און דיך אליין דערזעהן, וועסט דו דיך פאר זיך אליין דערשרעקען! וועט דיך אנכאפּען א גרויל פאר זיך אליין! א שרעק פאר דיינע אפּענע וואונדען; און עקעל פאר דיין שמוץ אויף'ן צובלוטיגטען לייב... און וועסט דיך וועלען פון דיין שליחות, פון גאטס־נאמען־שאלען— באפרייען, און וועסט נישט קאנען!

„דעם טויט וועסט דו רופען און ער וועט נישט קומען!—

„די נעגעל וועסט דו ארייגשטעקען אין דיין אייגענעם לייב, דאָכ הארץ ארויסצורייסען, די נשמה פון גאטס ווארט פון דיר, — און וועסט נישט קאנען!

„און נאך א גרעסערע שרעק וועט דיך יאגען...

„און ווי הייסע טראפּען בלוי וועלען פאלען די טרערען פון דיינע אויגען איבער דיין פּנים; און פון דיינע אייביג אפּענע וואונדען וועט זיך גיסען אהן אויפהער דיין בלוט..."

— נאך וואס?

פול בארמהערציגקייט ווערט די שטים פון מלאך:

„פון יעדער טרער, וואס וועט פון דיינע אויגען פאלען — אזוי וויל גאט! — וועט אויסשפּראָצען פון דער זינדיגער ערד א ווייסע ליליע —

„און פון יעדען טראָפּען בלוט, וואס וועט טריפען פון דיין איטליכער וואונד — א רויטע רויז! אזוי האָט גאָט באשטימט!"

און צוריק שטאָלערן קלינגט די שטים:

„אבער דאס אלץ וועט זיין הינטער דיר; דאס אלץ וועלען דיינע אויגען נישט זעהן..."

„פאר דיר — דערנער; שטיינער אונטער די פיס; ווי ווייט די אויגען זעהן — א וויסטעניש —

„און וועסט, משוגע פאר שרעק און פיין, אלץ ווייטער און ווייטער לויפען... די וועלט הינטער דיר מיט בלומען פארזייהען, די ערד הינטער דיר אין א גן־עדן פארטווישען, און דו וועסט עס נישט זעהן — ביז — —"

— ביז וואנען, מלאך?!

„ביז דו וועסט צוריקקומען צום אָרט, פון וואנען דו געהסט ארוים — — אויב..."

— אויב וואס, מלאך? — פרעגט דער ערדמאן נאך מעהר פארציטערט.

„אויב גאָט וועט דיך אויף אנדערע פון זיינע וועלטען נישט שיקען...

„צו דעם ביסט דו געבענשט און פארשאָלטען...

„צו דעם — אויסדערוועהלט!" —

# מעשיות.

„היינט וועט זי קומען" — טראכט ער, שפאצירענדיג ביים ברעג פון ווייקסעל.

און אזוי טראכטענדיג, קומט איהם אלץ לעבעדיג פאר:

ער זיצט אויפ'ן בעט אין דער פינסטער און ווארט, ביי יעדער באוועגונג אויף די טרעפ הויבט איהם אן שטארקער צו קלאפען דאס הארץ און ער וואונדערט זיך: פארוואס? ער האט זי דען ליעב?

אט, דאס איז שוין זי. איהרע שוועבענדיג־לייכטע טריט. ער שטעהט אויף און צינדט אן דאס לעמפעל אויפ'ן טיש. זי האלט זיך דערווייל א ווייל׳ע אפ הינטער דער טיר. אטעמט אפ — שווערע טרעפ — פארריכט זיך די האר און כאפט נאך א בליק דורכ'ן לאך פון שלאס. קוים הערעוודיג, קלאפט זי אן מיט'ן פינגער אין טיר.

— „פראשע"*) און זי עפענט די טיר און רופט אויף דער שוועל:

— „בענדזשיע אפאוויאדאניע?"**).

אניט, געהט זי צוריק.

א י ה ם האט זי נישט ליעב, זאגט זי. פאר אידען איבער־הויפט שרעקט זי זיך. נאר זיינע מעשה'לעך האט זי ליעב.

דערקענט האט ער זיך מיט איהר צופעליג אין זאקסישען גאר־טען, אין א שלאגס־רעגען. זי איז געשטאנען אונטער א בוים, אהן קאלאשען און אין א ווייסער בלוזע. דער בוים האט זי שוין ווייניג געשיצט פון רעגען און זי האט געקוקט דורך זיינע לויזע צווייגען

*) ביטע, אריין.

**) וועט זיין א מעשה'לע?

אין הימעל אריין, דערשראקען און אהן האפנונג, עס זאל זיך גע־שווינד ענדיגען. ער איז צוגעגאנגען מיט'ן רעגען־שירם און האט איהר פארגעלעגט זיין הילף. זי האט זיך געוויגערט. ער דינט ערנסט און הארציג געבעטען; זי גיט נאך און לאזט זיך אפפיה־רען. זי פארענטפערט זיך: פאראן אזויפיעל שלעכטע מענשען! נאר זיין שטימע וועקט צוטרויען. אויף דעם צוטרויען געשטיצט האט ער איהר געבאטען זיין ארעם, זי האט צעגערענד ארייגגע־שטעקט די האנט אין זיינע און געזאגט איהר אדרעס.

אין גאנג איבער עטליכע גאסען — אויף קיין דראשקע האט ער נישט געהאט — איז ער געוואר געווארען, אז זי איז א נעהטא־רין (אמת — זי האט צושטאכענע פינגער), און זי, אז ער איז א שרייבער. שרייבט ליעדער? — ניין, מעשה'לעך. אך, מעשה'לעך האט זי זעהר ליעב. — ער קאן איהר דערצעהלען. מעג מען זי באזוכען? ניין. קיין פאטער האט זי נישט און די מוטער איז א בייזע. איהר שטימע האט לייכט דערביי געציטערט. זי וואלט מעהר נישט געדארפט, עס זאל קומען א פרעמדער און נאך דערצו — זיווארפט אויפ'ן א זייטיגען בליק, און ענדיגט שאלקהאפט און רויט ווערענדיג: א איד.

— פון וואנען ווייסט דו, אז איך בין א איד?

זי דערקענט: די אויגען, די האר, די אויסשפראכע און ענדליך — די נאז — הא־הא־הא. איהר שטימע קלינגט ריין קינדיש און דאך איז שוין דער שטערן געראנצעלט.

איבער'ן זומער פלעגען זיי זיך טרעפען אין זאקסישען גאר־טען. איבער'ן ווינטער פלעגט זי, אבוואל זעלטען, ארויפכאפען זיך צו איהם אויף א מעשה'לע. דערפון פלעגט זי איהם אין דער־פריה שרייבען דורכ'ן סטרוזש. היינט האט ער אויך אזא בריוועל דערהאלטען. זי שרייבט פויליש „נח מיט זיבען גרייזען", נאר אזוי קינדיש־הארציג.

— איך, גרייט אן א שעהן מעשה'לע, נאר א פרעהליכס, מיט א בת־מלכה. דאס לעבען איז אזוי טרויעריג. און אנריהרען זאלסט דו מיך נישט. נישט ד י ך מיין איך. דו ביסט אזוי העפליך. וועסט מיך אנריהרען, וועל איך שרייען און אנטלויפען. הערסט?

דאך ווייסט ער, ווי אזוי זי וויכער צו מאכען: דאס מעשה'לע ווערט טרויעריג. דער בן־מלך אדער די בת־מלכה פאלען אריין

אין א געפאהר... די ליעבהאבער צושיידען זיך דורך א שרעקליכער אינטריגע פון פאלשע מענשען... ווייל ער, ווארפט ער די בת־מלכה אריין אין געפעננגיש, אין א פרעמד לאנד און דעם בן־מלך פיהרט ער ערגעץ צו דער תליה. א בלבול. און דאמאלט פאלט זי פאר'ן אויף די קני, כאפט'ן אן ביי די הענט, גלעט'ן איבער'ן פנים און בעט בארמהערציגקייט פאר די אומגליקליכע. און פאר א קוש אויף די ליפען, לאזט ער פארשווינדען די געפאהר און פיהרט דעם בן־מלך מיט דער בת־מלכה מיט פאראד און מוזיק צו דער חופה.

נאך וואס טוט ער עס? וואס טויג איהם איהר קוש?

עס טוט איהם באנג, און דאך איז פאראן אזוינס, וואס פיהרט זיי צוזאמען: ביידע בענקען נאך גליק... ביידע האבען עס נישט און ווילען זיך ווענינגסטענס גענארען כאטש אויף א ווייל.

צוויי פארוואגעלטע נשמות. איינמאל פרעגט ער זי:

— די מאמע שלאגט דיך אמאל?

זי איז בלאס געווארען און די אויגען זענען איהר פארגאנגען.

— פרעג נישט, דערצעהל בעסער.

ער האט איהר געגלעט די ברוינע האר, און האט דערצעהלט.

נאר היינט וועט ער נישט האבען, וואס צו דערצעהלען. די געדאנקען אין קאפ זענען אומקלאר און צוואוויגט, ווי דאס אומע־דיגע וואסער, וואס שלאגט אויף און אפ פון ברעג, און רייסען זיך, ווי די לויזע נעבעל אין דער הויך.

וואס נאגט איהם אזוי ביים הארץ?

ער דערמאנט זיך, אז ער האט נאך היינט נישט געגעסען.

אין דער וואוינונג איז געווען עפעס א געפארעריי, א געטור־מעל, און א גאלדענע זון האט זיך פלוצלונג באוויזען און ער איז ארויס פון בעט אין גאס אריין אהן טיי. אין די גאסען איז אויך געווען אן אומגעוועהנליך גערודער. ווייסט דער טייוועל, וואס זיי לויפען אזוי. איינינע מאל האט ער באקומען אין דער זייט. ער איז קוים אראפ צו דער ווייקסעל, וואו ער שפאצירט געוועהנליך פארמיטאג. ציגד איז איהם דאס הארץ אוועק. ער טאפט זיך בייב ווענטעז־טאש. פאראן קליין־געלט און ער געהט צום רעס־טאראן, וואו ער עסט געוועהנליך נאכ'ן שפאציר, און זעצט זיך ביים פענסטער, וואס געהט ארויס צו דער ווייקסעל

דער רעסטאראן איז אין דער צייט לער. די „געלע" זיצט

ביים בופעט און דרימעלט. זיין ארייגקומען וועקט זי, פארשלאפען גריסט זי איהם; דערלאנגט איהם, וואס ער באשטעלט און זעצט זיך צוריק דרימלען. ער עסט און טראכט, אז א מעשה'לע מיט א בת־מלכה מוז זיין. ערגעץ אויף א בארג שלאפען מוז זי. א כשוף־מאכער אדער א כשוף־מאכערין איבערוואכען זי. היינט וועט ער איהר נאך לעגען א שלאנג צופוסענס. שלאפענדיגע בת־מלכה'ס האט זי שוין גענוג. די שלאנג וועט מאכען אן איינדרוק. ער קלערט נאך צו לעגען די בת־מלכה אויף גאר א הויכען בארג. ער האט נאך קיין גרויסען בארג נישט געזעהן. נאר ער וועט איהר זאגען: הויך, הויך... און זי וועט אויפהויבען די פאר'חלום'טע אויגען און נאכיאגען זיין פינגער אין דער לופט. נידעריגער, דער בת־מלכה צופוסענס, וועט ער ארומציהען דעם בארג מיט א וואלקען. פאר שעהנקייט וועגען וועט ער דעם וואלקען רויטליך ארומזוימען, א זומער־טאג. א ברענענדיגער ראנד וועט זיין. הינטען אין טאל זעהט מען קיינמאל נישט די בת־מלכה, דער וואלקען פארשטעלט זי. א גאנץ געהענדיג יאהר שטעהט ער, דער וואלקען. דאס מוז אויך זיין א כשוף. פאר דאס איז איבער דער בת־מלכה אן אייביג קלארער הימעל: צווישען וואלקען און הימעל ליגט זי. און די שלאנג היט!

ער האט אפגעגעסען. א בן־מלך וועט ער שוין געפינען צוריק־צו־וועגס. מען דארף צאהלען. די „געלע" שלאפט.

ער וויל זי וועקען — אויף זיין געוועהנליכען ארט: ער מאכט קיילעכלעך פון ברויט און צילט איהר אין דער לאנגער נאז אריין. איינמאל אויף צוואנציג טרעפט ער און זי וועקט זיך יעדעס מאל דערשראקען. „דער פאן טרייבט שטענדיג קאטאוועס," זאגט זי פארדראסען. „וואס האט ער געהאט?" ער שמייכעלט גיטיג. זאגט איהר און צאהלט.

היינט אבער געהט איהם נישט. ער ווארפט און ווארפט און טרעפט נישט. צילענדיג, זוכט ער דערוויל א בן־מלך.

ער קנייפט אויס א ניי שטיק ברויט און קנעט, מאכט קיילעכלעך, און פארגעסט צו צילען. דער בן־מלך געהט. וואלד אויס, וואלד איין געהט ער. א קראה, וואס ער האט אמאל געראטעוועט פון א זיכערען טויט, האט איהם אויסגעזאגט דעם סוד פון דער בת־מלכה... און זי פליהט פאר איהם, און ווייזט איהם דעם וועג. אבער

נישט אזוי געשווינד וועט ער איהם צולאזען צום ציל. באלד נאכ'ן מעשה'לע אנטלויפט זי, און ער בלייבט אליין, אליין מיט די צר־ וויגטע נערוועז און אפגעריסענע געדאנקען... ער וועט אויפ'ן אנ־ שיקען א וואלף — דעם וואלף וועט ער טויטען. דערנאך — א וואסער, וועט ער אויסרייסען א בוים, אריינווארפען און אריבער־ שווימען. דערנאך וועט זיך איהם שטעלען אויפ'ן וועג א בארג, וועט'ן די קראה נעמען אויף איהרע פליגעל... נייז, אן אדלער — דער קראה'ס א פעטער — וועט עס טון. דערנאך וועט ער פשוט הונגעריג ווערען. דאס באנאלע מוז שטענדיג אריינקומען אין דער מיט... א בן־מלך אויפ'ן וועג קאן זעהר לייכט פארהונגערען. די קראה פליהט פאר איהם נאך עסען. עס איז אבער זעהר ווייט צום נאהנטסטען ישוב. זי זאמט זיך. די זון ברענט; אויפ'ן פרייען פעלד איז עס. ער פארשמאכט. וואלט וועניגסטענס ווייץ אדער קארן געוואקסען, וואלט ער זיך, אבוואל א בן־מלך, אפגעריסען עט־ ליכע זאנגען. וואקסען אבער דורכאוים ביטערע קרייטעכצער, און אנגעזאגט האט איהם פאר'ן אוועקפליהען די קראה: ריהר נישט די קרייטעכצער זענען סם. די כשוף־מאכער האבען עקסטרא פאר־ זייהט דעם סם, כדי די, וואס ווילען זוכען דא די בת־מלכה — וואר־ רים דער בארג, וואו זי ליגט, איז נישט ווייט — זאלען זיך אפ־ סמ'ען, וואס עס האט שוין כמה וכמה געטראפען...

און שווער, זעהר שווער איז איהם צו ווארטען אויף דער קראה. ער פארגעהט פאר הונגער. די אויגען ברענען. דערווייל געהט דורך א פויערטע מיט א לעבעל ברויט אין דער האנט. פריש ברויט, דער געשמאק שלאגט דעם בן־מלך אין דער נאז אריין...

— פויערטע — רופט ער מיט א שוואכער שטימע — גיב מיר א שטיקעל ברויט.

— באצאהל! — ענטפערט די פויערטע קורץ.

— איך האב נישט מיט וואס...

— אז מען האט נישט, עסט מען נישט.

— איך בין א בן־מלך, אז איך וועל אהיים קומען, וועל איך דיך אפגילטען!

— זוך דעם ווינט אויפ'ן פעלד... א חוב פארשריבען אויפ'ן וואסער.

— איך שטארב פאר הונגער!

— א נייעס! בעסערע פאר דיר טרעפט עס!

זי געהט אפ עטליכע טריט און קומט צוריק.

— ווייסט דו וואס! געפעלסט מיר! האב מיט מיר חתונה, וועל איך געבען ברויט!

— איך קאן נישט. איך בין שוין פארליעבט אין דער בת־מלכה!

— און ווילסט עסען?

— איך ביז הונגעריג!

— האב חתונה מיט מיר, וועסט דו זיין זאט!

די פויערטע האט זיך איינגעשפארט, דער הונגער מאטערט און ער האט געמוזט נאכגעבען. ער האט איהר צוגעשוואוירען אייביגע טרייע. דורכגעלאפען א האז, האט ער'ן גענומען פאר אן עדות. געכאפט א שטיק ברויט און איז איהר נאכגעגאנגען אין דארף אריין.

די „געלע" עפענט אויף אן אויג און מאכט עס צוריק צו, און דאס מעשה'לע וועבט זיך ווייטער:

אז די קראה איז צוריקגעקומען האט זי שוין דעם בן־מלך נישט געטראפען. דאס פרישע ברויט האט איהם געשאדט און ער ליגט קראנק אין דארף. דערנאך איז ער געזונט געווארען און חתונה געהאט מיט דער פויערטע. און וויל ער האט נישט געקאנט נישט אקערען, נישט זייהען, נישט שניידען, נאר פאר דאס לעזען און שרייבען, איז ער געווארען דארפס־לעהרער. שלום־בית איז געוועזן... די פויערטע פלעגט'ן רופען מיט ליעבשאפט: „שוטה מייד נער" און ער פלעגט נאריש שמייכלען. דאך די בת־מלכה האט ער באהאלטען אין הארץ. א קשיא אויף א מעשה, די פויערטע אר־בייט ביים פריצ'ס שנייד־מאשין, עס קאן זיך איהר אן אומגליק טרעפען... וועט ער געהן זוכען... נאטירליך, איבער די ליפען ברענגט ער עס נישט... און פיליכט האט ער גארנישט געוואוסט פון גע־דאנק. שטילערהייט ערגעץ אין א פינסטערען ווינקעלע פון הארץ איז דאך געלעגען די האפנונג און ער האט באהאלטען דעם סוד פאר זיך.

דער פויערטע האט אבער קיין אומגליק נישט געטראפען. פארקערט: מיט יעדען טאג איז זי געזונטער און שטארקער גע־ווארען; ער אבער—נישט. פון שלעכטער פויערשער קעסט, צי פון

בענקעניש האט ער זיך פריה געעלטערט. און אז ער האט באמערקט, אז די בארד איז איהם גרוי געווארען און די אויגען לעשען זיך, און דער שטערן רונצעלט זיך, האט ער מיט א וויינענדיגער שטימע אי־בערגעגעבען די שילער דעם סוד פון דער בת־מלכה. זיי האבען זיך צולאכט: דער לעהרער איז פון זינען אראפ! אויסער — — — —

ער באמערקט אז ענדערונג אין דער באלייכטונג: עס איז טונ־קעל געווארען. ערווארפט א בליק אין פענסטער אריין: דאס וועט־טער האט זיך דערווייל גענצליך געטוישט. א נאסער שניי פאלט. עס גיט א נאג ביים הארץ. געשווינד כאפט ער נאך א קיילעכבעל ברויט, צילט און טרעפט. די „געלע" כאפט זיך אויף.

— קום אהער, געלע, איך וועל דיר א מעשה'לע דערצעהלען...

— מניע פאצא?*)

— א שעהן מעשה'לע — מיט פויערשע אינגלער, וואס זוכען א בת־מלכה...

— גלופסטווא!**)

— עס איז נישט קיין נארישקייט. די בת־מלכה שלאפט אויף א בלומען־בייט אויף א שפיץ־בארג. דער דארפס־לעהרער האט זיי געהייסען זוכען...

—ווארטא!*)

— אודאי כדאי. די בת־מלכה איז א שעהנע, א גוטע, א קלוגע.

— גענוג געשפעט, צאהלט בעסער און געהט!

— געווים, געווים... נאר די קינדער האבען זיך געמאכט היל־צערנע שווערדען, מיט הילצערנע שפיזען —

די געלע גענעצט.

— ביסט מיד, געלע?

— אזא וועטער!

און בייז גיט זי צו:

— ווען עס פאלט א אידישער יום־טוב, מוז זיין א שלעכט וועטער.

— וואס פאר א יום־טוב איז היינט?

---

*) צו וואס דארף איך עס?

**) נאריש.

*) כדאי.

— ז י י ע ר  וויעלקאָנאָץ...*)

דאָס איז געווען דאָס גערודער אין דער וואוינונג, דאָס גע־לויפעריי אין גאַס?!

ער צאָהלט און לויפט אַרויס.

---

אין גאַס צולאַכט ער זיך.

אין דער נשמה ליגט ערגעץ ביי איהם א גלגול פון א זיידען, צי אַן עלטער־זיידען! דאָס בענקעניש, וואָס האָט'ן אָנגעכאַפּט! יעדער מענש געהט אַרום מיט גלגולים אין האַרץ.

דאָס ערשטע יאָהר, אַז ער איז נאָר אַוועק פון דער היים, איז ער צום „סדר" שיער נישט פון זינען אַראָפּ פאַר בענקשאַפט. די פאַמיליע, ביי וועלכער ער האָט געוואוינט, איז אויף יום־טוב ער־געץ אַוועקגעפאָהרען צו גאַסט, און ער איז געבליבען איינער אַליין אין אַלע צימערען. ער האָט זיך פריה געלעגט, נישט האַבענדיג וואו אַהין צו געהן. נאָר ער האָט פאַרגעסען אַראָפּצולאָזען די רולעטען און די לבנה האָט'ן געוועקט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט האַרץ־קלאַפּען. לאַנג איז ער געלעגען און נישט געוואוסט פאַרוואָס. דער־נאָך האָט ער זיך דערמאָנט. פּלוצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען, אַרויסגעריסען דאָס ליילעך פון בעט, אָנגעטאָן עס, ווי א קיטעל, און איז אַרומגעלאָפען איז שטוב און געברילט אויסענווייניג די הגדה. דאָס צווייטע יאָהר האָט ער, פאַר שרעק פאַר דער בענק־שאַפט, א ראַק פאַרקויפט און איז אַהיים געפאָהרען אויף פּסח. איבער'ן וועג האָט ער זיך גע'חזר'ט, אַז ער וועט זיך אונטערגע־בען, נאָר אײנגאַנצען אונטערגעבען. און ווירקליך, ער איז גע־גאַנגען מיט'ן פאָטער דאַווענען, געלאָזט זיך אונטערבעטען צום סדר מיט א קישען, געפרעגט „מה נשתנה"... נאָר אַז ער איז געקומען צו „דצ"ך עד"ש באח"ב", איז ער אַרויס פון די כלים. ער האָט נישט געוואָלט שפּרענגען פון כוס. די מוטער האָט'ן מיט טרערען קוים איינגעשטילט... ביי די „מכות" זאָגען האָט ער נאָך מעהר אויפ־געפלאַמט... דעם ערשטען טאָג חוה"מ איז ער אַוועקגעפאָהרען אומ־

---

*) פּסח.

געזעגענט מיט'ן פאטער. די מוטער האט געוואַרט אויפ'ן הינטער דער שטאָדט.

ער הויבט זיך אויף די שטיינערנע טרעפּלעך.
עס טוט איהם באַנג.
נאָר וואָס האָט ער זיי געקרענקט?

דאָמאָלט האָט ער געזאָגט: צוליב דעם אמת. איז דען פאַראַן אמת?

— מיר, יונגע — טראַכט ער — דאַרפען ליידען, אונזער צד איז שעפעריש, ער טרייבט אונז צו נייער אַרבייט, צו באַשאַפען נייע פאָרמען. דער צער פון אַלטע איז אומפּרוכטבאַר און צוגיסט זיך אין אומזיסטיגע טרערען, אויב ער ווערט נישט פאַרשטיינערט אין האַרץ.

ער געהט דורך קראַשינסקי'ס גאָרטען. די מילך־אַנשטאַלט איז לער. דורכ'ן גאָרטען יאָגען זיך אַהיים פאַרשפּעטיגטע. ער קומט צו צום קליינעם בערגעל, וואָס קוקט אַרויס אויף די נאַלעווקעס. ער פּיהלט זיך מיד, אַהיים צו געהן איז נאָך פריה. זי וועט ערשט קומען אין אַ שטונדע אַרום. ער זעצט זיך פאַר'ן בערגעל אויף אַ באַנק.

אונטען איז דאָס בערגעל גאַל, ווי אַרומגעשיילט. העכער — גראָז און וואו נישט וואו דערענדלעך... אויף זיי וועלען שפּעטער קליינע בלומען וואַקסען... זאָל זיך מיר דאַכטען — אַ בוימעל אַן דער זייט — אַ בוים — פיעל בוימער — אין זייערע צווייגען קאַנען פייגעל זינגען. זי האָט זעהר ליעב פייגעל־געזאַנג. אַז זי הערט, זאָגט זי, פייגעל־געזאַנג — אַ פּאָר מאָל האָט זי געוועהט אין דאָרף — קאָן זי זיך נישט איינהאַלטען פון טרערען... עפּעס די נשמה וויינט. און אַזוי זיס.

טיילמאָל רעדט זי עפּעס אַזוי וואונדערליך... צופּט די נעגעל פון די ווייסע, לאַנגע, פון דער נאָדעל־צושטאָכענע פינגער אין די נאָך ווייסערע ציין, און האָט אַזוינע אויסדריקען... „נשמה־טרערען"... ווי קומט עס צו איהר? זי איז אפשר אויך אַ פאַרבאָרגענע בת־מלכה? די מוטער — די וועשין ביי דער באַליע — איז נישט קיין מוטער, נאָר אַ כשוף־מאַכערין, וואָס היט זי, עס זאָל קיין פּרעמדער בן־מלך נישט קומען און זי נישט אויפוועקען...

נאר ער וועט זא־ווי־זא נישט זיין. רייז פון זינד מוז זיין דער בן־מלך...

א באנע מיט פיער אינגלעך איילען זיך פארביי. די אינגלעך לויפען צו צום ברעגעל. אינגלעך באוואפענטע מיט שווערדען און שפיזען, „זיי שטייגען אויפ'ן בארג." די באנע בייזערט זיך: עס איז צייט אהיים. די עלטערען וועלען זיין אומרוהיג. היינט איז יום־טוב... די קינדער הערען נישט און שטייגען. „צו דער בת־מלכה."

„די פיער שילער פון דארפס־לעהרער..."

די זון געהט אונטער.

אין גארטען הערט זיך דער גרעגער. נאך צייט.

ער מאכט די אויגען צו און זעהט, ווי די האלץ־באוואפענטע שילער שטייגען ארויף נאך דער בת־מלכה... א וואלקען הענגט צווישען די „דערגרייכער" און דער בת־מלכה. זיי זעהען זי נישט, נאר זיי גלויבען אין איהר. זאל ער זיי צולאזען?

אט רייסט זי דורך דעם וואלקען, די מכשפה, און רייט זיי אקעגען אויף א בעזעם.

זי כאפט איינעם אן ביי דער האנט.

— וואו אהין געהסטו, אינגעלע?

— צו דער בת־מלכה!

— וואס האסטו צו דער בת־מלכה?

— איך וויל זי וועקען!

— נאך וואס?

— איך וויל מיט איהר חתונה האבען!

— פארוואס ווילסט דו מיט איהר חתונה האבען?

— זי איז א גוטע — האט דער לעהרער געזאגט — א קלוגע און א זיסע. דער לעהרער ווייסט!

— אודאי! און דו, דאכט זיך, האסט ליעב גוטע און זיסע זאכען?

— געוויס האב איך ליעב! די מאמע רופט מיך „נאשער."

— אויב אזוי, מיין קינד, נאך וואס זאלסט דו קריכען אומזיסט אויפ'ן בארג און מיד ווערען, דו ביסט דאך אן עדעל קינד—

— וואס געהט עס דיך אן?

— איך בין דאך דיין מוהמע, נארעלע, קענסט מיך נישט? איך וועל דיר געבען סאמע גוטע זאכען.

און זי גיט א מאך איהר „האקום פאקום" און דעם איינגעל צו־פוסענס פאלט ווי פון הימעל אראפ א קוישעל מיט סאמע גוטע און זיסע זאכען: מאנדלען אין די געלע העמדלעך, געפרעסטע פייגען, שטרעננגעלער־ראזשינקעס, רויט־פלאמענדיגע פאמעראנצען, שאָ־קאלאדע און אזוינע זאכען, וואס דאס איינגעל האט אפילו נישט געוואוסט, ווי מען רופט זיי. און ער האט אויסגעשריען פאר פרייד און געלאזט זיך אויף די קני פאר'ן זיסען קוישעל.

יענע דריי זענען דערווייל ווייטער געגאנגען. קומט זיי אקעגען דער כשוף־מאכער, אן אלטער מאן מיט ווייסע ברעמען און א ווייסער באָרד, מיט א גרויסער בלויער פאר ברילען איבער די אויגען.

עס הערט זיך א סקריפ פון גארטען־טויער. ער עפענט די אויגען, די באנע מיט די קינדער זענען שוין פארשוואונדען. ער לויפט געשווינד ארויס. און אויף די כמעט לערע נאלעווקעס וועבט זיך דאס מעשה'לע ווייטער.

דער אלטער שטעלט איינעם פון די דריי אפ.

— וואו אהין, איינגעלע?

— די בת־מלכה וועקען. איך וויל מיט איהר חתונה האבען!

— נאך וואס?

— דער לעהרער לויבט זי; זי איז אזוי קלוג.

— ווילסט פון איהר קלוג ווערען?

— ווי דען? א מענש דארף זיין קלוג. אז מען איז קלוג, האט מען כבוד און געלט.

— אזוי? נו, אביסעל קלוג ביסט דו שוין, נאר אויב דו ווילסט, וועסט דו קלוג ווערען אהן דער בת־מלכה.

— ווי אזוי?

— גאנץ איינפאך, נא!

און דער אלטער נעמט ארויס פון בוזעם־טאש און דערלאנגט דעם שוין כמעט קלוגען קינד א פיין ביכעל, איינגעבונדען אין ווייסע לעדער מיט א גאלדענעם שנים, אינעווייניג מיט בילדער.

— נא, — זאגט ער, — זעץ דיך און לייען! וועסט דורכלע־זען א י י ן זייטעל, וועסט דו זיין קליגער פאר טאטע־מאמע, צוויי — וועסט דו קליגער ווערען פאר'ן גאנצען דארף, און קומסט

דו אין דער מיט אריין, וועסט דו קלוג זיין, ווי דריי פראפעסארען!

דאס אינגעל כאפט דאס ביכעל און זעצט זיך לעזען.

יענע צוויי זענען דערווייל ווייטער געגאנגען. פארשטעלט זיי די שלאנג דעם וועג. איינער אנטלויפט, דער צווייטער בלייבט אויפ'ן ארט פאר שרעק.

זי גיט איהם אבער א גלעט איבער ס'מיילכעל און פרעגט'ן מיט א שלאנגען־הארציגער שטימע:

— וואו אהין, אינגעלע?

ער געהט צו דער בת־מלכה, ער וויל זי אויפוועקען און מיט איהר חתונה האבען, ווייל דער לעהרער האט געזאגט, אז זי איז אזוי שעהן!

— האסט ליעב „שעהן"?

— אודאי!

— נו, קום מיט מיר. זעהסט דו, אין דער זייט שטעהט א קריסטאלענער פאלאץ און אינ'ם קריסטאלענעם פאלאץ וואוינען סאמע טאקלעד. סאמעטענע קליידער טראגען זיי און וויים־זיידענע פאנטאפעלעך... קירשען־רויטע ליפעלעך האבען זיי און בריליאנ־טענע אויגעלעך... וועסט דיר אויסקלייבען וועלכע דו ווילסט, און עס איז גאר נאהנט און א גלייכער וועג...

און ער געהט נאך דער שלאנג...

— אבער מיט'ן פיערטען וואס טוט מען? לאזען איהם דער־גרייכען? א שאד! ער וועט זיין דער אומגליקליכסטער... ער וועט אפילו נישט האבען, וואס עס זאל איהם באנג טון, וואס זיך פאר־צוואוארפען!

איהר צוליעב מוז ער עס דאך טון...

ער וועט געהען, ער וועט אויפוועקען... און דערנאך?

דערנאך — א חופה... מוזיק, טענץ... א האכצייטס־רייזע... א שפאציר אין הענגעל־גערטנער אין דער לופט...

זי וועט די אויגען פארמאכען פאר גרויס נחת... שטארק גע־ריהרט וועט זי זיך לאזען צוציהען און ער וועט זי נעמען צו זיך אויף די קני און וועט זיך וואונדערען, נאך וואס ער טוט עס. זי וועט צולעגען איהרע הייסע בעקלעך צו זיינע — ער וועט פיהלען איהר ריינעם אטעם און ער וועט זי קושען, און פארוואָרפען זיך: „שוויין". זי וועט דערווייל אויפשפרינגען בלאס, צושראקען, מיט

א פארציטערטען געוויין, און ער וועט זיך איהר ווארפען צו די פיס און איבערבעטען — אין הארץ וועט ער זיך רופען: „פאיאץ“ — און זי וועט זיך קוים לאזען א[ן]ארבעטען און וועט שוין א לאנגע צייט נישט קומען... ער באקומט אין צמיטען א שטוים און גליטשט זיך שיער נישט אוים אויפ'ן נאסען טראטואר.

---

אויף די טרעפ איז פינטערליך. איין נאפט־לעמפעל אויף צוויי שטעק. קיין צינד־העלצלעד האט ער ביי זיך נישט. זיין שכן געהמט דעריבער מיט אן עלעקטרישען לעמפעל—דעם איז ער אבער נישט מקנה: ער האט א העסליך ווייב. ווען ער געהט דורך פאר זייער טיר, ציטערט ער, זי זאל איהם נישט אקעגען קומען. די גרעסטע זינד איז העסליכקייט. און אז די בעל־הבית'טע איז מאוס, איז די דינסט נאך העסליכער. ברר... פאר איבעל און קעלט צוזאמען. ער האט פארגעסען, אז די קאמאשען זענען צוריסען און איז געגאנגען אויף דער נעץ. ביינאכט וועט ער הוסטען און אפשר היץ באקומען. דער דאקטאר וועט'ן ווייטער שרעקען מיט אן אפצערונג. „מיין כפרה“ — זאל זיין א אפצערונג, אבי זאל עפעס געשעהען.

ער בליירט שטעהן דערשראקען:

אין טרעפען־ווינקעל באווייזט זיך איהם א בילד פון בלאסען שיין געוועבט.

א סדר־טיש, — א שניי־ווייס טישטוך, — רויט־געמאלטע כוסות — בלאנקע טעלער — בליצענדיג, כאטש אלט, זילבערען געשיר, ליכט אין דריי פאר הויכע זילבערנע, אלטע, דראט־ארבייטענע לייכטער... די מוטער שטעהט און בענשט ליכט... פון הינטען זעהט ער זי, איהרע דארע אקסעל ציטערען... זי וויינט — אויף איהם וויינט זי! וואו איז ער אצינד?

— „עס הויבט זיך שוין אן“ — ווערט ער בייז אויף זיך און שפרינגט ארויף עטליכע טרעפ מיט אמאל. און באלד פארדריסט איהם, וואס ער איז אנטלאפען, די מוטער וואלט זיך אויסגעדרעהט צו איהם... ווי זעהט זי צינד אוים? זי שרייבט, אז זי שלאפט

נישט גאנצע נעכט... פיער פאר שקארפעטקעס האט זי איהם לעצ־טענס געשיקט. „זעה, האלט ווארעם די פיס...“

מיט א ציטעריגער האנט עפענט ער זיין טיר.

— עט, — שאקעלט ער זיך אפ — א מענש דארף זיין א מענש.

מיט פעסטע טריט געהט ער אין צימער אריין; מיט א פעס־טער האנט מאכט ער ליכט. פאר דער פינסטערקייט האט ער דאך אביסעל אנגסט. „ווי ארעם“ — באטראכט ער די שטוב. שפינ־וועבס, פאר דאס (מיט א ביטערן שמייכעל) אהן א צייכען פון חמץ. מארגען וועט שוין עמיין פארבעטען... ער וועט זיך דרעהען ארום דער דייטשער שול... א באקאנטער לעהרער...

ער זעצט זיך אויפ׳ן בעט. דאס לעמפעל פיליערט אביסעל, ער וויל אויפשטעהן און פאררוכטען, און פארגעסט זיך, נאך וואס האט ער זיך אונטערגעהויבען. ער לאזט זיך צוריק אראפ. ציהט אויז די פיס. זיין בליק פאלט אויפ׳ן שטיקעל שפיגעלע אויף דער וואנט. ער נעמט עס אראפ, שפיגעלט זיך.

— איך בין גארנישט אזוי העסליך, ווי זי זאגט! — שמייכעלט ער, און הענגט דאס שפיגעלע צוריק אויף.—אביסעל שווארץ, ווי א טאטער, אבער אויגען...

אויף זיינע אויגען איז ער שטאלץ. זעלטען א פרויענצימער זאל אויסהאלטען זיין בליק... ווערט ער מיט איינער אינטים, קושט זי איהם די אויגען. ליפען האט ער צו פליישיגע... זיי קושען צו האסטיג, זיי זענען צו געפעהרליך... נאך אין דערהיים —

דער געדאנק רייסט זיך אפ: וואס טוט זיך ציגד אין דער־היים? דער טאטע איז שוין געקומען?

ער הערט דעם טאטענס „גוט יום־טוב“ — דער מאמעס ענט־פער. עס קלינגט נישט פרעהליך. אומשטיינס געזאגט, איין קינד און עס איז נישט אין שטוב.

ער וויל איבערטראגען די געדאנקען אויף עפעס אנדערש; עס נעמט נישט. דער „סדר“ לאזט זיך נישט אפרוקען, שוין דאס פינפ־טע יאהר!

ער הויבט זיך אויף און געהט צו צום פענסטער. איבער׳ן גאַ־סען הויף שפיגלען זיך ציטעריג די יום־טוב׳דיגע פלעמלעך פון די פענסטער, פארשפעטיגטע לויפען דורך. צו די פענסטער וויל ער

די אויגען נישט אויפהויבען. ער מוז עס אבער. לאנגזאם הויבט ער זיי אויף. אויפ'ן וועג אין דער לופט בלייבען זיי שטאר. ווייטער א בילד:

א סדר־טיש. א גרויסער סדר־טיש — קריסטאלען און גאלדען געשיר — איז עס איין פאמיליע? ניין. עס מוז זיין א פארזאמלונג פון איינינע פאמיליען. מארנע געקליידעטע פרויען — א זעהר אל־טע טראכט! מענער אין ווייסע, ברייט־געשטיקטע קראגען אונטער די קיטלען... גאלדענע עטרות... גאלדענע יארמולקעס — ביי וואס האלט מען? א שטילער רעטשיטאטיוו...

פלוצלונג, מען קלאפט פון דרויסען.

פארציטערט ווערען די מענער, די פרויען — פארגליווערט פאר שרעק. א יונג מיידעל פאלט ארונטער אין אנמאכט — א יונגע פרוי פאלט מיט א פארשטיקטען געוויין דעם מאן אויפ'ן האלז... וואס קאן עס זיין?

— עפענט, אין נאמען פון געזעץ! — שרייט מען פון דרויסען.

א בלבול־דם! געוויס!

— געשווינד, זוכט אונטער'ן טיש! — רופט דער עלטסטער. מען בויגט זיך ארונטער — א שרעק — א קליין טויט קינד! אלע ווערען פארשטארט.

די טיר פון פאדער־הויז פלאצט.

און דער עלטסטער שטעהט אויף און קאמאנדעוועט האסטיג מיט א פארשטיקטער נאר פעסטער שטימע:

— נעמט און צושניידט.

עס געשיהט. — די טיר פון פאדער־הויז איז אויפגעבראכען איינגאנצען. שווערע טריט — וואפען־געקלאנג.

— נעמט יעדערער אויף זיין טעלער א שטיק.

מען טוט אזוי. מען קלאפט שוין אין צימער־טיר.

— עסט!

דאס טויטע קינד איז אויפגעגעסען. די טיר אויפגעבראכען — פאליציי און מיליטער — מען זוכט — אומזיסט — זיי געהען פארדראסען ארויס, און א ווילד־צארניג געשריי הערט זיך פון אלע אין שטוב:

— שפוך המתך על חגוים, אשר לא ידעוך...

עס הויבט אן טריפען א רעגענדעל. דאס בילד צושווימט.

— נישט פאר מיר, — טראכט ער — עס דארף זיין א שטאר־קערע פעדער.

---

ער ציהט זיך בעסער אויס אויפ'ן בעט און מאכט די אויגען צו.

— פארלוידען די קראפט... געשניגעלטע שטימונגען...

פאראן דאך לייכטערע בילדער:

דער סדר ביים בעל־שם... ניין, נישט ביים בעל־שם, דער סדר ביי א איד, א גביר, צו וועלכען דעם בעל־שם איז פלוצלונג געקומען צו גאסט. דער גביר איז א מתנגד געווען, און דער בעל־שם האט זיך צו איהם קוים איינגעבעטען צום סדר. אין בית־המדרש נאכ'ן דאווענען איז עס געווען.

— איך וועל אייך צונויץ קומען... — האט ער געזאגט.

און דער גביר האט געפרעגט דעם רב, צי מעג מען א חסיד צורופען צום סדר... מצרף זיין צום בענשען... דער רב האט נישט געהייסען מביש זיין.

און דער בעל־שם זיצט ביים סדר... אריבער מה־נשתנה — עבדים היינו — פלוצלונג הייסט ער דער בעל־שם ברענגען נאך איין הגדה, מיט א קיטעל, מיט א גארטעלע און א יארמולקע. לאכט מען, גיט ער א רוף: איך הייס! פריהער האט ער זיך קוים איינגעבעטען, און צינד הייסט ער! דער גביר קוקט — דעם בעל־שם'ס אויגען פלאמען, קריגט ער פלוצלונג פחד, ברענגט מען, און מען לעגט פאר'ן בעל־שם, וואס ער האט געהייסען. גיט דער בעל־שם א קאפ מיט'ן פוס אונטער'ן טיש און גיט א זאג: יאנטעק, שטעה אויף! און פון אונטער'ן טיש הויבט זיך אויף און קריכט אפיר א בלאסער שייגעץ, אהן א טראפען בלוט אין צורה, א בר־מנן מיט פארמאכטע אויגען — און ביים האלז — א שניט! אלע שטארען פאר שרעק.

— יאנטעק, עפען די אויגען אויף!

יאנטעק טוט עס.

— יאנטעק, טו אן דעם קיטעל, גארטעל דיך ארום, נעם די יארמולקע אויפ'ן קאפ!

יאנטעק פאלגט.

דערלאנגט איהם א שטול.

— יאנטעק, זעץ זיך!

יאנטעק זעצט זיך אין קיטעל און אין דער יארמולקע.

— עפען די הגדה און זאג!... עולם, זאגט!

און דער עולם ציטערט און זאגט, און יאנטעק זאגט מיט...

און פלוצלונג ווערט אויפגעבראכען די טיר — מען איז גע־קומען געפינען דעם אונטערגעוואָרפענעם פגר... זוך היינט, זוך מאָרגען, מען געהט אוועק פארשעמט...

און דער בעל־שם ווענדעט זיך דערנאך צום אויפגעלעבטען מת:

— יאנטעק, מאך צוריק די אויגען צו און געה אויפ'ן בית־הקברות און באגראב זיך אליין. נאר ווייל דו האסט זוכה געווען צו געהן אין א קיטעל און צו זאגען א אידיש ווארט, באגראב זיך אויפ'ן אידישען בית־עלמין... און אז דו וועסט טרעפען אברהם אבינו, זאג איהם — — — —

א שטילער קלאפ אין טיר.

— אריין.

— א מעשה'לע פאראן?

— אלערליי, אלערליי...

# דאָס פּראָבלעם.

די זון נעהט אונטער. דער עולם זאַמעלט זיך צו נעילה.

מיין באַקאַנטער דרעהט זיך אַרום פאַר דער שול, שטעלט מיך אָפּ.

— עס ציהט! — מאַכט ער מיט אַ פאַרבענקטען בליק צו דער שול. — אָפּגעריסען, אין דער ערד אַריינגעגראָבען. — „ממעקים"... גליטשיג־פּייכט, מיט מאַך באַוואַקסען, און עס ציהט...

איך שמייכעל: אַלטע געפיהלען, טראַדיציע... אַטאַוויזם! דער שטערן פאַרשאַטענט זיך איהם; די אויגען ווערען איהם טונקעלער, דאַכט זיך, ער האָט זיך אומגעקערט צו זיך אין האַרץ אַריין פאַרוואונדיג.

— דאַכט זיך — ניין! — האָט ער אויסגעשטאַמעלט נאָך אַ ווײַלע.

דער עולם געהט פרום און פאַרטראַכט פאַרביי, ער נעמט מיך אונטער'ן אָרעם און ציהט מיך צו דער ווינקעל־מױער צו.

— איך פיהל מיך — זאָגט ער — עלענד... פאַר'יתום'ט... כ'בין עפּעס אַ זאַך, וואָס מען האָט אין גאַס פאַרלוירען, און שטוב נישט אַריינגענומען, און מען האָט דערין פאַרגעסען, מען זוכט עס נישט...

דער אָטעם ווערט ביי איהם האַסטיגער.

— עס איז דאָך מיין פאָלק: מיינע עלטערען, שוועסטער און ברידער, היימישע, פריינד, באַקאַנטע... אַ גאַנץ יאָהר זענען מיר דאָך צוזאַמען; צוזאַמען געדריקט. מיר צאַפּלען דאָך דאָ אין איין נעץ, אין איין שפּינוועבס — קומט אַ טאָג, אַ טאָג יום־כפור, געהען זיי זיך אַלע צוזאַמען, געהען זיי אין איין הויז אַריין בעטען צוזאַמען, וויינען צוזאַמען, טרייסטען און שטאַרקען זיך צוזאַמען. און איך איינער בלייב אין דרויסען...

— נישט איינער! — פּרואוו איך איהם טרייסטען — נישט אַלע זענען אין שול... זעהר פיעל...

ער ווערט אומגעדולדיג. דאַס ווייסט ער... ער קומט עבען פון אַן אָרט וואו די אַנדערע זענען.

— זיי האָבען געגעסען און געטרונקען, און האָבען זיך נאָך דאַמען געשיקט... דאָס מעהרסט האָבען זיי איהם אהער געטריבען! זיי זענען אַזוי עלענד־זיכער, זיי לאַבען אַזוי אידיאָטיש־פּעסט. א טענצעל און געלאַכט... ער כאַפּט מיך אַן ביי דער האַנט און הויבט מיך אַן האַסטיג צו פיהרען אויף און אַפּ. — געלע פּנים׳ער — געזווים אַזאַ באַלייכטונג. א קעלער־קניפּע... א טענצעל און געלאַכט... און איך האָב געזעהן: געלע הערבסט־בלעטער, אַפּגעריסענע פון צווייג... פון א הערבסט־ווינטעל אַרומגעטראָגען, און זיי היפּען אַרום בוים, צו זיינע פיס... — דאָס — מאַכט ער, צו דער שול ווייזענדיג — איז דאָך דער שטאַם... איבערגעפּלאַנצט, אין א זומפּ אַריינגעשטעלט, אָבער א שטאַם מיט וואָרצלען... יענע זענען בלעטער, אַפּגעריסענע...

— איך וויל נישט — שרייט ער אויס — אַפּגעריסען ווערען!

אין די אויגען באַווייזט זיך איהם שרעק: — עס איז כרת!

פון שול הערט זיך דער נעילה־קדיש.

— קום אַריין! און איך נעם איהם אָן ביי דער האַנט. ער רייסט זיך אויס:

— כ׳קאָן נישט!

אין די אויגען איבער׳ן געזיכט — שמערץ... דער אָטעם ווערט האַסטיג: — איז אָבער פּאַראַן, — זאָגט ער — עטוואָס העכערס, עטוואָס הייליגערס, ווי א פּאָלק... פּאַראַן, פּאַראַן — — דאָס העכסטע, דאָס גרעסטע — — — ער שטאַמעלט עפּעס, איך וויל טרעפען:

— דער אמת?

מיט געוואַלד רייסט זיך איהם פון מויל אַרויס:

— גאָט!

איך שטוין: — דו און גאָט! דו גלויבסט?

— איך? — איך ווייס נאָך — א „צופעליגקייט“ איז אונזין... „זעלבסטשעפּפונג“ — א גרעסערער! „אַנטוויקלונג“—א לעקעכעל פאַר קליינע קינדער, פאַרשטאָפּט דאָס מויל און פרעגט נישט... אָפּ־

גערוקט די שאלה אויף א צייט... — רעדסט קיינמאָל נישט דער־
פון. קיינמאל גאָטס נאָמען נישט דערמאָנט? ! — א גאנץ יאָהר
נישט, צווישען מענשען — נישט. עס איז א וואָרט. א גרוים וואָרט.
א סימבאָל, א באצייכנונג פאר׳ן העכסטען, פאר׳ן הייליגסטען...
האבען זיי עס אין מויל אריינגענומען, מיט שפייעכץ באנעצט...
האָט זיך יעדערער א געטעל צו זיין פרנסה צוגעפאסט, צו זיין
תאווה׳לע צוגעשניטען. האבען זיך געפרוכפערט און געמעהרט די
עבודה זרה׳לעך...

— עס דערהערען זיך יעלות.

— קום, רעד צו דיין גאָט...

צארניג ענטפערט ער: — מיין גאָט ליובט מען נישט, מיין
גאָט בעט מען נישט... איך קאָן מיין גאָט נישט באליידיגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר האבעןביידע נעילה נישט געדאַווענט.

# א יונגען שרייבערס חנוכה.

## 1.

גענומען איז דער רעדאקציע האנט־געלט און צוגעזאגט א זאך אויף חנוכה; צום זיבעטען ליכטעל. דער „דוכאָוונע" רעדאקטאָר האט ביי מיר גענומען תקיעת־כף. דעם צווייטען, דעם ליטעראַרי־שען, האָב איך מיין עהרען־וואָרט, דעם „הן־צדק" פון א שרייבער געגעבען. עס זאָל ערנסט אויסזעהן, האָב איך דערביי מיט די אויגען געפינטעלט, און דער קאַסירער האט זיך באָלד גענומען צום אויסצעהלען. באַקומען האָב איך אסך; סאַמע קופּערען קליין־געלט.

און שרייבען מוז איך, כאָטש א דייטשער פּיסק, עליו השלום, האט געזאָגט, אז „קיין מענש מוס מיסען". עס איז פאַראַן א רעס־טאָראַטאָר, וואָס איז קיין ארך אַפּים נישט און גיט קרעדיט העכס־טענס אויף א חודש. מאַכט זיך א פּתיחה ביי די שטיוועל אָדער ביי די הויזען, מוז מען צאַהלען באָר געלט. און עס איז פאַראַן א בעל־הבית'טע, א דיקע, בייזע אידענע, וואָס, אז מען צאָהלט איהר נישט צו דער צייט, הערט זי פריהער אויף צו געבען טיי, דערנאָך, אויב עס העלפט נישט, נעמט זי דעם שליסעל פון צימער צו, — כאָטש נעכטיג אויפ'ן נאָסליכען שניי אין גאַס. מאַריע, אמת, דאָס צושויבערטע דינסט־מיידעל, מיט די ברודינגע הענט ביז אין אָרעם און טיף־פאַר'חלומ'טע אויגען ביז'ן שאול תחתיה אריין, דער־לאַנגט מיר טיי בגנבה פון דער בעל־הבית'טע. זי האָט פאַר מיר גרויס ליעבשאַפט מיט דרך־ארץ. זי זאָגט, אז איך מוז זיין א שרייבער פון איהר צד, ווארים די שרייבער פון דער בעל־הבית'טעס צד געהען היינט אין גאָלד. איינמאָל, פאַרטאָג, האָט זי זיך אריינ־גע'גנב'עט צו מיר, און מיט טרערען אין די אויגען פאַרגעשלאָגען

א קליינע הלואה אויף דירה־געלט... נאָר אַזוי טיף געפאַלען בין איך נישט. גערירט, האָב איך זי געקושט. זי האָט געציטערט אין מיינע אָרעמס, נאָר דאָס געלט — איין גאָט ווייסט, וואָס פאַר א נסיון עס איז געווען! — האָב איך נישט גענומען. זי האָט עס מיר אונטער׳ן קישען געלעגט, איך האָב עס געפונען און צוריקגע־געבען. איך בין נישט אַזאַ שמאַטע, ווי מען זאָגט... נאָר ווי לאַנג קאָן א מענש אויסהאַלטען א נסיון?

מען מוז דעריבער וואָרט האַלטען. מיט דער דיקער בעל־הבית׳טע איז נישט צו שפּאַסען. נעכטען האָט זי מיר ווייטער צוגענומען דעם שליסעל. „מוחל, זאָגט זי, די שכירות, נאָר היי־דאַ!“ איך האָב איהר געזאָגט, אַז על פּי דין איז זי גערעכט, נאָר אַז היינט דאַרף זי מון לפנים משורת הדין. זי דאַרף מיך לאָזען בשלום חנוכה־ליכט בענשען! זי איז באַשטאַנען. די האַרטקייט איז אַראָפּ פון פּנים, אין די אויגען האָט זיך איהר באַוויזען א צערט־ליכקייט.

— נאָט, נאָר דאָס לעצטע מאָל! „א אידישע קישקע קאָן מען פאָרט נישט אָפּשאָצען“ — האָט זי צוגעגעבען און האָט מיר אפילו ערלויבט צו נעמען פון קיך א שייטעל האָלץ, די ליכטלעך צוצו־קלעפּען! זי האָפּט אויף א חלק פון שכר פאַר דער מצוה. דערפאַר האָט מאַריע אויף מיר א שלעכט אויג געוואָרפען: זי קלערט, אַז איך בין פאָרט פון דער בעל־הבית׳טעס צד; אַניט, וואָלט איך אַנ־דערע ימים־טובים געהאָט.

## 2.

ווי עס איז, איך בין אין שטוב.

שרייבען מ ו ז מען, נאָר צי קאָן מען?

טינט פאַראַן, פּאַפּיר האָב איך אין רעדאַקציע באַקומען, די פּעדער אין האַנט האַלט איך. — נאָר פון בייז זאָל איך אַזוי ווי־סען, אויב איך ווייס, וואָס מען שרייבט.

פאַרגאַנגענעם פּורים האָט מען געבאַפּט א רויטליכס אין רע־דאַקציע, געטראָגען צו חברה, אין חברה׳שען קאַסטען אַריין, און מען האָט געשריבען „עם כל הנערים“... היינט איז זיך דער גאַנ־

צער עולם צולאפען. דער זומער האט זיי געבראכט, דער פראסט האט זיי צוזאגט...

קיין איינציגער חנוכה־געדאנק! בכלל ריהרט זיך נישט אין מח! דאס הארץ איז טרוקען און פארוויאנעט, ווי אן אפגעוואר־פענע צווייג, וואס וואלגערט זיך יאהרען־לאנג ארום אין וואלד, און דער קאפ איז לער, ווי ווינטער־צייט א שוואלבען־נעסט.

און י ע נ ע האט מיך פארלאזט... אויף אייביג. זי האט באמערקט, ווי איך נעם ביי איהר מעהר, וויפיעל איך גיב איהר... און עס איז אמת געווען! איך וועל נאך אמאל ארומגעהן, זוכען געדאנקען, ווי א פאריזער בעטלער שטיקלעך פאפיראסען און ציגארען אין גאס.

צי האב איך אמאל א י י ג ע נ ע געדאנקען, אן א י י ג ע־נ̃ ע נשמה געהאט? אפילו אמאל אין דער יוגענט, גאר אין די טיפע קינדער־יאהרען?...

די זענען שוין אבער לאנג אוועק. און די זכרונות זייערע שווי־מען וואס אמאל פון מיר ווייטער און ווייטער. זיי ציהען זיך, ווי די לייכטע, פארגילדטע אווענט־נעבעל קיין מזרח, בשעת, ווען די מידע זון לאזט זיך אראפ קיין מערב. כאטש איך בין קיין זון קיינמאל נישט געווען... איך בין געווען א לבנה, נאר אויך נישט ביי דער זון, — ביי גראשענדיגע הלב'נע ליכטלעך האב איך ליכט גענומען און פארצוקערט אויפ'ן ליטעראַרישען מארק... און דאך ארויסרופען חנוכה־בילדער, חנוכה־שטימונגען מוז איך. איך מוז מיך דער־מאנען, מיט געוואלד צוריק ארויסרופען די קינדער־יאהרען, די צייט, ווען אלץ איז געווען הארציג־ווייך... דופטיג, הויך... פון דער צייט פון שטערען, בלומען און — גאט ווייסט וואס! איך מיין: פין באהאלטענער, קוים געשפירטער, קוים געפיהלטער ליעבע...

— מאריע!

זי קומט אריין האלב־דערשראקען.

— האסט נישט קיין וועקסענע־ליכט?

— וואס?

— מיט וואס געהסט דו אין קעלער אריין?

— מיט א „סטאטשעק“.

— דאס מיין איך, בארג מיר דיין „סטאטשעק“.

זי ברענגט איהם. איך שנייד אפ א שטיק, טייל עס אויף

חנוכה־ליכט, צינד אַן, מאַך אַ ברכה לבטלה, זי שטעהט און קוקט מיט גרויס געעפענטע אויגען.

געה, זאָג איהר, אַז איך דאַרף אַרויסרופען אַ חנוכה־שטימונג...

## 8.

עפּעס שווימט אַרויס.

אַלטע, אַלטע צייטען.

אומשטיינס געזאָגט, ווי אַלט איך בין איינגאַנצען, און דאַך ליגט דאָס גוטע פון מיר אַזוי ווייט, אַזוי ווייט! — מאַריע איז אַרויס פון שטוב.

די ליכטלעך, צום שייטעל האַלץ צוגעקלעפּט, ברענען אָרעם און שעמעוודיג, און לייכטען, ווי יתומים־אויגעלעך ביים שטיפטאַ־טענס טיש. דאָך טרעפען די דינע שטראַלען צו מיר אין האַרץ אַריין. עס הויבט זיך דאָרט אויף אַ דינער, גאָלדענער שטויב, גאָל־דען לייכטען די זכרונות... אַ בילד:

איך דרעה מיך אַרום איינער אַליין אין צימער. די חנוכה־ליכט האָבען נאָר וואָס אויסגעצאַנקט, פון דער צווייטער שטוב פאַרטרייבט מען מיך: דאָרט שפּילט דער טאַטע מיט געסט אין אַקע; די גרויסע שעמען זיך פאַר מיר, אַליין דערפון נישט ווי־סענדיג, און הייסען מיר בעסער געהן און אַריינקוקען אין אַ ספר. אין דער ערשטער שטוב זיצט די מאַמע מיט איהרע ווייבערשע געסט, און מען באַרעדט דאָס גאַנצע שטעדטעל. מען שינדט די הויט פון שכנים און שכנות קונציג: מיט רחמנות, מיט אַ געזיפּ־צעריי... דערצו פּאַס איך זיכער נישט. און אין אַלקער שפּילט די שוועסטער מיט איהרע חבר'טאָרינס אין לאַטערייקע. אהין ציהט מיך אפילו, נאָר — איך וואָלט מעהר נישט געדאַרפט... און איך דרעה מיך אַרום איינער אַליין, טרויעריג, בייזליך, און פול שרעק צום ספר, צו וועלכען אַלע אַרום שיקען מיך אַפּ...

געהענדיג אויף און אָפּ, פאַרהאַלט איך מיך יעדעס מאָל ביי דער אָפענער טיר פון אַלקער. און פּונקט דאַמאָלט הויבט זיך אויף אַ גאָלדען קעפּעל און וואַרפט מיר צו אַ שעלמישען בליק, — מיינס אַ שוועסטער־קינד. און אויגען האָט זי! — קוילען ברענענדיגע.

גרויסע, און דאס פנים'ל איז דערביי אזוי בלאס, אז עס דערוועקט לייטזעליגקייט, פשוט א רחמנות, בשעת ווען די ברענענדיגע אויגען ציהען צו און שרעקען אפ צוזאמען... זי קומט גאנץ אפט צו דער שוועסטער. איך טרעף זי גאנץ אפט אויף די טונקעלע טרעפ. מיר קומען זיך אקעגען און בלייבעןביידע שטעהן א ווײלע, זי קומט צו זיך די ערשטע און אנטלויפט מיט א געלעכטער. און מאדנע קלינגט דאס לאכען איהרס. לאנג שטעה איך און זאפ איין דאס געלעכטער, וואס הערט זיך ווייט, ווייט פון דער הויך צי פון דער נידער... און אין הארץ ווערט מיר אזוי אומרוהיג, אזוי וואונדערליך קאלט, ווארעם און זיס... איך האלט עס נאך דאמאלט פאר א זינד. און וויל מיך פון דער זינד באפרייען... איך דרעה מיך אפ פון אלקער־טיר און באמיה מיך צו טראכטען וועגען לערנען, וועגען נס פון חנוכה, וועגען כשר'ן בוימאויל, חשמונאים, בית־המקדש און אנדערע גוטע זאכען. איך פארטראכט זיך און קום צוריק צו דער אלקער־טיר.

מיט אמאל, שטעהענדיג פאר דער אלקער־טיר, באמערק איך, אז די שוועסטער מיינע, וואס האט דאס זעקעל נומערען אין דער האנט, רופט זיי אויס גישט מיט א ריינער שטימע. זי איז, דאכט זיך מיר, הייזעריג. די שוועסטער, נאטירליך, האב איך ליעב, ווי דאס לעבען, וועניגסטענס אין יענער מינוט, און מיט איין שפרונג בין איך אין אלקער, נעם איך איהר פון האנט ארויס, נישט אזוי זאנפט אפילו, דאס זעקעל, און ווער א זאגער ביי די מיידלעך.

דאס גאלדענע קעפעל וויל מיר צושמייכלען, און קאן זיך נאר פארקרימען: זי האט פאר זיך די לעצטע קאפיקע און וועניג אויף די טאוועלעך.

עס פאלט מיר איין, אז איך מוז איהר העלפען, זעהן, וואס עס פעהלט איהר און אויסרופען. נאר איידער איך קום דערצו, דעקט זי ניין און דרייסיג ביי נומער פיערציג, גיט א געשריי: קווינטערנא, גראטשעט מיט דער רעכטער האנט אוים דאס געלט פון טעלערעל, קערט אום מיט דער לינקער די טאוועלעך און רופט נאך אמאל: געוואונען!

די מיידלעך ארום שוויינען פארוואונדערט, דערשראקען, און קומען דאך באלד צו זיך און שרייען:

— פאלש, פאלש!

און זי ווענדט זיך צו מיר בלאס און דערשראָקען מיט א פלאַ־מענדיגער בקשה אין אויג: העלף מיר! זיי מציל מיין כבוד, מיין עהרליכקייט. איך האָב מיך אליין פאַרפיהרט...

בא. עס איז נישט איהר לעצטער פאַלש געוועזען! — — —

## 4.

אזוי וויווינטער שלאָפענדיגע פייגעל — ליגט ערגעץ טיף א שנור פון זכרונות, און איין גליד שלעפּט ארוים דאָס צווייטע.

צו פיערצעהן יאָהר ביז איך פון דערהיים אנטלאָפען. לערנען האָב איך געוואָלט, און וואָלט געלערענט, ווען נישט, וואָס מען האָט אנט־דעקט אין מיר א „טאַלענט“... א טאַלענט באַגעהט זיך אַהן אלעם. א טאַלענט געהט ארום נאַקעט און בלויז; די נשמה מיין איך. עס איז היינט א מאָדע אויף נאַקעטע נשמות, אַהן א גאַרטעל פון גראַ־מאַטיק אפילו... ערגער איז אבער מיט א נאַקעטען גוף, און דער ערשטער ווינטער האָט מיך אהיים געיאָגט צו דער מאַמען.

דער טאַטע האָט שוין דאמאָלט נישט געלעבט. עס איז גראָד געוועזען חנוכה. איך האָב דער אָרעמער מאַמען חנוכה־ליכטלעך געבענטשט. זי איז באַלד נאָך דער ברכה געלאָפען אין געוועלבעל אריין. זי האָט נאָך כמעט גאָרנישט געלייזט און איך בין געבליבען איינער אליין מיט'ן צווייפעל: צי איך, וואָס גלויב שוין אין גאָר־נישט, האָב געמיינט א ברכה מאַכען דער מאַמען צוליעב?... דער נאַציאָנאַלער שטאַנדפּונקט, וואָס קאָן די חנוכה־ליכטלעך פאַרענט־פערען, האָט נאָך נישט עקזיסטירט... די חשמונאים זענען נאָך גע־שטאַנען אין הינטער־גרונט פון חנוכה־בילד פאַרנעבעלט, און ארויסגעשוואומען איז נאָר דער נס מיט'ן בוימאויל. און דער מאַמען צוליעב האָב איך ליכטלעך געצונדען און ברכה געמאַכט. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס זאָל איך טון, קנייפּען זיך אין קנעפּעל פאַר די ליעבשאַפט צו דער מאַמען. אָדער שפּייען זיך אין פנים פאַר'ן שקר. אַהן אַ ענטפער אויף דער פראַגע, האָב איך מיך ביים פענסטער געשטעלט און אַרויסגעקוקט אויף די אלטע אילומינאַ־ציע. און — דעם אמת זאָגענדיג — זי איז מיר געפעלען, די אַלטע, צנועה'דיג באַהאַלטענע אילומינאַציע. אויפ'ן שניי, וואָס באַ־

דעקט דעם קליינעם, פיערעקיגען מארק, בלאנדזשען ארום קוים־קוים זעהעוודיגע ארעם־ליכטיגע שטראלען, און די פענסטערלעך מיט די גאלדענע פינטעלעך, מיט די זיסע, פרומע, שטילע פינטעלעך — זיי לייכטען שטיל און זיס, ווי שטילע, זיסע, הארציגע סודות, וואס מען רוימט זיך איין אין דער שטילסטער גליקליכער שעה... און עס ווערט נישט דערצעהלט, נאר געוואונקען, שטיל און איידעל געוואונקען, און די הערצער, וואס פארשטעהען די שפראך, וואקסען, ווייל זיי ווערען פול מיט שטילער, הארציגער פרייד... און אז דאס הארץ ווערט איבערגעפילט, הויבען די ליפען אן צו זשור־מען, צו זשומען א שטילען, הייליגען דאנק... דאס זשומט דער זמר לחנוכה, דאס ברענען חנוכה־ליכט, אין דעם זשומט און לייכט א נשמה... דעם אלטען פאלקס נשמה... און פלוצלונג — —

פלוצלונג איז דאס אלץ פארזונקען און פארטרונקען געווארען! דער שטיל הייליגער כשוף איז מיט אמאל פארשוואונדען, צו נישט געווארען!

הו־הא! א ווילד אויסגעלאסענער געזאנג. ווילדע אויסגעלאסע־נע פלאמען... שטורקאצען, מוזיק, געזאנג און געפילדער!

שליטען לויפען דורך דעם מארק אין דער ברייט. עס פליהען די פערד, און פון אונטער זייערע פיס הויבט זיך ווי א נעבעל דער שנייענער שטויב... דער ערשטער שליטען איז דורך מיט מוזיק, די אנדערע לויפען אונטער מיט געזאנג — א שוימענדיגער, פייער־שפריצענדיגער געזאנג אין די מיילער, פלאם־פייערדיגע שטורקא־צען און קאמטערען אין די הענט... און עס פליהט דורך ווי א ברע־נענדיגער גיהנום מיט זיינע שדים, און די לבנה אין הימעל איז שטעהן געבליבען פארציטערט, פארגעלט און מענשען זענען ארוים פון די הייזער —

— דעם גראף בראניצקי'ס קוליק!...

אין ים פון ליכט און געזאנג זענען פארטרונקען געווארען די חנוכה־ליכטלעך מיט די חנוכה־זמירות...

אז דער קוליק איז אריבער, איז דער שניי געלעגען פאראומ־רייניגט און טויט, די פענסטערלעך זענען שטעהן געבליבען פינס־טער און שטום — —

### 5.

און לייבל שוחט איז דעם צווייטען טאג צו מיר געקומען און האט פאר מיר א גאנצע רעדע געהאלטען.

א מערקווירדיגע בריאה לייבל שוחט. בפרט זייט ער איז מיט זיין קראנקען רבי'ן אין די בעדער געפאהרען און א שטיק אויס־לאנד געזעהן. קבלה מיט אויסלאנד. חסידות מיט קארלסבאד...

— אידישקייט! וואס איז אידישקייט? — פרעגט ער און שטעקט אריין די האנט אין גארטעל.

און אז איך שווייג, ענטפערט ער זיך אליין מיט חנוכה־ליכט־לער אין די שווארצע אויגען.

— אידישקייט איז אזוינס, איז אזוינס...

ער פארגלייסט די אויגען, און קומט צו דער דעה, אז אידיש־קייט איז — —

„במעט ווי עפעס א מין גומילאסטיק. וויל מען, ציהט זיך עס אויס, דארף מען, ציהט עס זיך איין.“

„אידישקייט איז אזוינס, וואס קאן אויפבליהען, אויפטויען (ער האט נאר אן אנדער לשון געהאט) און אויפלעבען, און גרויס, און גרעסער, און נאך גרעסער ווערען. און עס קאן זיך פארשפריי־טען, און צוואוואקסען זיך, און פארנעמען אלץ, אלץ! עס קאן ממלא זיין דעם גאנצען חלול פון דער וועלט: פון צפון ביז דרום, פון מזרח ביז מערב און פון הימעל ביז צו דער ערד! עס קאן אלץ ארומ־נעמען, אלץ אויספילען, אלץ באדעקען און דורכנעמען, און ווע־רען דער שיין און דער גלאנץ פון אלעם, און דער תוך פון אלעם און דער רוח פון אלעם, און די נשמה פון אלעם.

„און אלץ וועט דאמאלט לעבען און שיינען, אנגעזאפט מיט אידישקייט, ווי א גן־עדן־עפעלע מיט זאפט...

„און ווידער — זאגט ער — פארקערט: דארף מען, ציהט זיך דאס אידישקייט איין. מוז מען, ווערט עס איינגעשרומפען. זעהט עס אויס אלט און קליין, פארוועלקט און מיד, און שוואך, ווי דער לעצטער אטעם פון א גוסס.

אבער עס דאכט זיך נאר אזוי!

„פארוואס זאגט מען: „דאס פינטעלע איד“? ווייל אין שלעב־

טע צייטען ווערט פון אידישקייט א פינטעלע, א קוים ליכטיג, ברע־נענדיג פינטעלע — ביי א אידען אין הארץ; אין דרויסען איז צו קאלט, צו ווינטיג, נאר אין א אידיש האַרץ האַלט זיך עס, דער „נר־תמיד"! און אז דער באוואקסענער איד פארקנעפעלט זיך און שלעפט נאך פון אויבען וואס אויף זיך ארויף — מיינט מען: פאר־לאשען געווארען!

„און דאס איז דער גאנצער חלוק פון אידישקייט ביז נישט־אידישקייט. דארט: אדער גאר, אדער גארנישט. ביי אונז: וואס עס איז, א שפּילקע־קעפּעל, א סימן פון א שפּילקע־קעפּעל, א זכר דערפון — און לעבען מוז עס, און לייכטען מוז עס!

„ביי זיי מוז יעדע זאך זיין א גוף. א גרויסער, ברייטער און שווערער גוף — א בארג! אלץ מוז זיין הויך און דיק, און דערצו שרייענדיג! ביי אונז מוז מען אמאל יוצא זיין מיט א פינטעלע! אויף דעם איז מען אין גלות; אויף דעם זענען מיר אין גלות, און די שכינה — אין גלות...

„נעמט, למשל, זייערס א דאטשע! זייערס א דירת עראי, זיי־ערס א סוכה, מיין איך! ווי זעהט אויס זייערס א סוכה? א גע־ביי, א הויז מיט שפּיצען ארויף, הויך און העזה'דיג! און א פאר־נעם, א גאנצער „עולם־ועד" אויף דער ערד! מען שטעלט עס נאר. פאר שעהנקייט ווענען, אויף א בארג, און א בארג קלייבט מען אויס ביי א וואסער, ביי א קלאר וואסער! און דאס גדלות שפּיגעלט זיך נאך אפּ! אויבען א דאטשע אין הימעל אריין, אונטען — טיף, טיף אראפּ, אין שאול־תחתיה אריין...

„און ביי אונז א כשר'ע סוכה וואס איז?

„אויפ'ן הויף, אין א ווינקעלע, צוויי ווענט פון פלויט, א דריי־טע צוגעמאכט, א לייכטע זאך, צום אוועקבלאזען... די פיערטע — א „צורת־הפּתח" און יוצא! אינעווייניג, פארשטעהט זיך, ד' על ד'; אז ראשו ורובו איז געגוג.

„א פינטעלע!

„און אין דעם פינטעלע שטעקט שמחת יום־טוב א ים! אין דעם פינטעלע קומען אריין אושפּיזין עילאין צו גאסט! אברהם אבינו קומט, יצחק ויעקב קומען... און משה ואהרן, דוד ושלמה— ווער נישט?

„און אז זיי (יענע, מיינט ער) ווילען פרעהליך און לוסטיג ווע־

רען, וואס פאר מיה און מאטערניש עס איז דערביי! אכילה ושתיה איז דער עיקר! פליישען, וויינען, בערג פליישען, טייכען וויינען! דערצו מוזען זיין נאך נשים, חוץ דעם מוז מען צוברעכען גלעזער, אויסהאקען שויבען, זעצען אין שפּיגעל אריין און, סוף כל סוף, איי־דער מען ווערט פרעהליך, ליגט מען אונטער׳ן טיש. און ביי אונז, א סעודת ראש־חודש: אן עק פון א הערינג פאר א מזומן, א לעק פון ביטערען טראפּען, עטליכע ווערטער תורה און — עס פלאמט מיט נחת.

„הוא הדין — זאגט לייבל שוחט — חנוכה.

ביי זיי, ביי א זכר פון אזא גבורה, פון אזא נצחון... א שפּאס? אביסעלע, א הויפענדעל קעגען מחנות כחול הים, שוואכע און קראנקע קעגען גבורים, — א שפּאס אן אילומינאציע עס וואלט גע־ווען! די גאניקעס אויסגעלעגט מיט דיוואנעס, אין די פענסטער סטעארין־ליכט, אין די רינשטאקען שמן־זית־לעמפּלעך... און מען וואלט געגאנגען מחנות־ווייז אין די גאסען, מיט שטורקאצען און מיט מוזיק, און מיט געזאנג, און ראקעטען וואלטען געפלויגען אין הימעל אריין, און זונען וואלטען אין דער לופט געפלאצט, און שטע־רען מיליאסען וואלטען זיך צופלויגען...

„ביי אונז: חנוכה־ליכטלעך, פינטעלעך... און עס ווערט אזוי ליכטיג אין הארץ, אזוי זיס, אזוי ווארעם..."

פון לייבל שוחט האב איך דאמאלט געלאכט; אצינד בין איך איהם מקנא!

## 6.

נאך איינס און עס וועט באלד זיין גענוג —
דער בריף, וואס איך האב פון איהר באקומען.

נישט פון גאלדענעם קאפּ, וואס טראגט שוין לאנג א גאלדענע שייטעל, גאלדענע אויריננגלעך און אין די ציין גאלדענע פּלאמבען... און נישט פון יענער, וואס האט באמערקט, אז אונזער צוזאמענלע־בען איז מיט איהר היזק און האט מיך פארלאזט...

נאר פון גאר אן אנדערען סארט...

און עס איז געוועזען דאמאלט, ווען איך האב נאך געהאט א שטיקעל נשמה. אייגענטליך, נאר א האלבע נשמה און איך האב

געוואוסט דערפון, געטרויערט דעריבער און אלץ אינאיינעם ארומגעלאפען זוכען די צווייטע העלפט. איך האב געקרעכצט, געמיוקעט ווי א ליעבעס־הונגעריגע קאץ... און דאמאלט האב איך מיך צו איהר אזיך געווענדט. דאס ערשטע מאל האב איך זי געזעהן פון הינטען און אין דער רגע איז מיר איינגעפאלען, אז זי פארמאגט מיין צווייטע העלפט נשמה, אז פון מיר מיט איהר צוזאמען קאנען ארויס אידעען—משיח'ען, וואס וואלטען פארניכטעט נייניציג פראצענט וועלט און דעם רעשט, באפרייט און גערייניגט, צום בארג סיני אויף נייע עשרת הדברות געפיהרט... דערנאך האב איך זיי געזעהן פון פארענט: צוויי שטערען, וואס וואלטען געלויכטען אין דער פינסטערער נאכט, און א פנים, וואס ליידט פאר א וועלט...

איך האב איהר מיינע מחשבות אנטפלעקט און געפרעגט, וואס זי קלערט וועגען מיר, און זי האט מיר געענטפערט, און איהרס א חלום דערצעהלט. עס איז חנוכה־צייט געוועזען, און זי האט אין חלום אן אלט קליין העברעאיש שטעדטעל געזעהן. אסך, אסך ארעמע הייזלעך, נאר זיי האבען זיך געבאדען אין ליכט... א שטילער מארק, איבער וועלכען עס זענען מענשען געגאנגען אין טליתים מיט ספרי־תורות אין די הענט און האבען צווישען זיך גערעדט. וואס אמאל אפגעשטעלט און געשפארט זיך, און גאנץ אפט אויפגעראלט א תורה'לע און געוויזען מיט'ן פינגער אויף שטעלען, וואס האבען געזאלט באווייזען עמיצענס אן אמת. פון ווייטען אויף א בערגעל איז געשטאנען א סינאגאגע, צו וועלכער די אלע זענען געגאנגען. אנדערע זענען געזעסען אויף די פלאכע דעכער, אנגעשפארט אן די געלענדער און גערוהט אדער אויך געלערנט. פאר מאנכע הייזער זענען געשטאנען אדער געזעסען פארשידענע בעלי־מלאכות מיט פארשידען ווערקצייג, ביי פארשידענע ווארשטאטען. ווייבער האבען זיך ווייניג געוויזען, דערפאר האט דאס זינגענדיגע גערעדעריי פון קליינע קינדער פארפולט דעם מארק. גאנץ אפט האט זיך אן עלטערער מענש אפגעשטעלט פאר א קינד און געפרעגט: וואס האסט דו היינט געלערנט? און די קינדער האבען ליעבליך און פריי געענטפערט. פלוצלונג האבען זיך דערהערט קולות פון א טראמפייט און באלד דערנאך — שווערע טריט פון סאלדאטען. איבערגעשראקען און דערציטערט איז געווארען דער מארק. מען איז ארויפגעלאפען פון די דעכער. די געהענדיג האבען

זיך צונעאייל׳ט צו דער סינאגאגע. מאנכע פענסטער זענען פאר־האנגען און פארשטעלט געווארען. מוטערס זענען ארויס פון די הייזער און בלאס פאר שרעק און מיט ציטערדיגע ליפען אויפגע־זוכט און אהיים געפיהרט זייערע קינדער.

פרעמדע זענען געקומען, מיט שפיזען און פיילען־בויגען, מאנ־כע אויף פערד. די קאסקען האבען געברענט אויף דער זון; די ווילדע אויגען — מעהר. פייל פון בויגען האט מען אינמיטען מארק אויפגעשטעלט א מזבח; די טראמפייט האט נאכאמאל דורכ־געשניטען די לופט און א העראלד איז ארויסגעטראטען מיט א פאהן אין דער רעכטער האנט און מיט א חזיר אויף א שטריק אין דער לינקער האנט און האט אויסגערופען, אז אידען זאלען דעם חזיר מקריב זיין צו גאט, אניט, וועט מען חרוב מאכען די שטאדט...

א געוויין האט זיך געלאזט הערען, א געוויין פון אלטע, ווייבער און קינדער... און דאך האט זיך איינער געפונען, וואס איז צו־געגאנגען, וואס האט א ברכה געמאכט און צום קרבן זיך גענומען!

ער וויל זיך מקריב זיין, ער וויל ד י און יענע וועלט פארלירען און אפראטעווען די שטאדט פון דער שטארקער האנט, די שטאדט מיט איהרע אלטע און יונגע, מיט איהרע ווייבער און קינדער — —

אט האט ער די ברכה געמאכט און די האנט מיט׳ן שפיז אויס־געשטרעקט — — —

און דאמאלט איז פון בארג, אויף וועלכען די סינאגאגע איז געשטאנען, אראפגעגאנגען מתתיהו דער מאקאבעער, ער איז צוגע־קומען צום מזבח און דעם איד, צוזאמען מיט׳ן הויפטלינג פון די שונאים — געשטאכען... און מיט א העלדען־געשריי גערופען: אט דאס שווערד פאר אונזער פאלק, פאר אונזער לאנד!

— — — — — — — — — — — — — — — —

אט דאס האט זיך איהר גע׳חלומ׳ט, און געזעהן אין חלום האט זי אלץ בחוש...

און געזעהן האט זי, אז דער מאקאבעער האט גאר קיין שום עהנליכקייט צו מיר נישט געהאט, אפילו נישט צו מיינע חברים. דערפאר דער, וואס האט געוואלט ברענגען דעם קרבן.—

— — — — — — — — — — — — — — — —

וואס א מיידעל קאן חלומ'ען. און וואס זי קאן פון א חלום מאכען! אז מתתיהו איז געוועזן אַלטער איד און האָט צו אונז נישט געקאַנט עהנליך זיין, דאס פאלט איהר נישט איין...

7.

מען קלאפט אין טיר; א מיידעל־האנט.
וועלכע פון זיי וועט קומען?
— אריין!
מאריע ברענגט טיי, נאר זי קוקט אוועק אַן זייט. ווער ווייסט, וואס פאר א חלומות זי האט, און צו וועמען איך בין אין זיי עהנליך.

# לכבוד חנוכה

און איך האב ווייטער געבלאנדזשעט — אין חלום..

וואכענדיג, אז א מענש בלאנדזשעט, איז נישט קיין געפאהר! מלאכים בלאנדזשען; מיר זעהען בחוש, ווי שטערען אין הימעל כאפען זיך אראפ פון וועג און ווערען פארפאלען... און לאנג בלאנדזשען קאן מען נישט... מען לעגט צו א פויסט צו די אויגען, דערזעהט מען א היימישען שטערן, א שפיץ־דאך פון א פאלאץ, פון א קלויסטער, פון וואס עס איז — ווייסט מען, וואו מען געפינט זיך! אניט, ווארפט מען זיך אויף דער ערד, מען לעגט צו דאס אויער צו דער ערד, הערט מען פון ערגעץ־וואו עפעס א קול, געהט מען נאך א קול צי א בת־קול. אין ערגסטען פאל בילט א הונט ער־געץ פון א דארף, געהט מען נאך דעם הונט... און אז דאס אלץ העלפט נישט, איז אויך נאך ווייט צו סכנת נפשות: די וועלט איז נישט הפקר; פאראן אן אויג, וואס זעהט, אן אויער, וואס הערט, און די שאף זענען געצעהלטע שאף! און עס שטרעקט זיך אויס א האנט, כאפט אן ביי דעם „פאדקאלנער" און פיהרט צוריק אין סאַ־מעראדנע־מיט סטאדע אריין, און עס ווערט צוריק זיכער, ווארעם און היימליך, און עס געהט צוריק דער אלטער קדמונים־גאנג — קאפ־צו־וויידעל, קאפ־צו־וויידעל!...

אבער, אז מען בלאנדזשעט אין חלום? קיין אויג, קיין אויער און קיין האנט... קיין שפאן הימעל איבער'ן קאפ, קיין שאל ערד אונטער די פיס... און אין איין סעקונדע קאן מען אין גרויעם „גארנישט מיט גארנישט" אפבלאנדזשען א וועלט, אן „אייביג"!

און, וואס ערגער איז, נאך אזא חלום, כאפט מען זיך אמאל נישט אינגאנצען אויף... מען האט אפענע אויגען, מען געהט אין סאמעראדנע־מיט סטאדע, און די נשמה איז נאך נישט צו זיך געקומען, און זי חלומ'ט, און בלאנדזשעט ווייטער. און מען כאפט

אז אַן עק פון אַן אומריינעם שעפס, און מען מיינט, גאָט ווייסט וואָס עס איז, און מען לעגט צו צום מויל... משוגע צו ווערן!

און איך האָב געבלאָנדזשעט אין חלום! אַ מערכה נאַר, וואָס נישט אַליין... אַ גרויער חלום, אַ וויסטער חלום, נאַר נישט אינ־גאַנצען. איך האָב בליצען, לייכטער, שטורקאַצען און אילומינאַציעס געזעהן...

איך וועל אייך דערצעהלען כסדר:

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי ווי איך בין אַריינגעפאַלען אין גרויעם „גאַרנישט מיט גאַרנישט", בין איך בייז געוואָרען, און טאַקע אויף מיר אַליין! און אויף מיר אַליין, אַז איך ווער בייז, זידעל איך מיך הויך, טאַקע בקול רם, ווייל פאַר מיר אַליין האָב איך קיין מורא נישט!

— שלים־שלימזל! — זידעל איך מיך — ווי בלאָנדזשעט עס אַ מענש?

— אַ מענש — זאָג איך ווייטער — האָט צוויי זיכערע פונק־טען: אַ מענש ווייסט, פון וואַנען ער קומט און — וואו אַהין ער מוז קומען... און אַז מען האָט צוויי פונקטען, דאַרף לייכט זיין צו געפינען דעם אמת'ן דרך הישר — דעם קירצסטען וועג צווישען ביידע פונקטען! אַ הונט, וואָס לויפט צו אַ ביין, טרעפט אויך דעם גלייכען וועג!

און ווי איך זידעל מיך אַזוי, דערפיהל איך פלוצלונג אַ ריח פון אַלטע ציבעלעס, און עמיצענס אַ האַנט לעגט זיך מיר אויף די אַקסעל, און אַ פריש־קלינגענדיגע שטימע פרעגט מיך:

— וואָס שרייסט דו?

עס באַווייזען זיך מיר צוויי גלאַנצענדיגע אויגען אין דעם גרויען „גאַרנישט־מיט־גאַרנישט". איך דערשרעק מיך אַביסעל און ענטפער מיט אַ שאלה אויף אַ שאלה:

— ווער ביסט דו?

— הערינג טראָג איך! — ענטפערט מיר די שטימע.

— און בלאָנדזשעסט?

— ניין... איך געה נאָך די הערינג...

— וואָס גראָד הערינג?

— גראָד... היינט הערינג, מאָרגען אייער, האָזענע פעלכלער... וואָס עס מאַכט זיך.

—און וואוינעו וואוינסט דו?

— אין ערגעץ! — ענטפערט ער — נאר גאר אינגאנצען פרעמד בין איך אין ערגעץ נישט...

— און אצינד געהסט דו?

— וואו עס וועט זיך לאזען...

פלוצלונג שלאגט מיר אין די אויגען אריין א שימער פון א ווייסער בארד.

— וואס זענט איהר? — פרעג איך דערשראקען — אלט, צי יונג?

— עלטער פאר אלע און יונגער פאר אלע, — ענטפערט ער.

— איך ווער אלעמאל ווי ניי־געבוירען...

שטארק געוואונדערט אין חלום האב איך מיך נ י ש ט. נאר פלוצלונג באקום איך א ווילדען חשק צו געהן צוזאמען מיט דעם, וואס ווערט אלע מאל ניי־געבוירען.

— נעמט מיך מיט! — בעט איך.

— מהיכא תיתי, — זאגט ער.

און מיר געהען... מיך פיהרט דער גלאנץ פון זיינע אויגען. דער שימער פון דער ווייסער בארד... אניט, הער איך זיין קלינגענ־דיגע שטימע; אניט, פיהרט מיך דער ריח פון די אלטע הערינג... אבי נישט געבלאנדזשעט אליין!

— די פיס ברעכען געהענדיג, — קלאג איך מיך נאך א ווילע.

— שטעהען בלייבען טאר מען נישט, — ענטפערט ער אבי־סעל שטרענג, — מען ווערט פארשטארט און געפרוירען...

— עס איז אזוי גרויזה, אהן הימעל, אהן שטערען, אהן א שטראל ליכט...

— ליכט, — ענטפערט ער, איראניש דאכט זיך, — ליכט וועט זיין... נישט פון דער ה ו י ד... פון דער זייט וועט זיין ליכט... און וואס פינסטערער עס איז א נאכט אהן הימעל, גלאנצענדיגער און העלער לייכט דאס אלץ, וואס מען צינדט־אונטער אין דער נידער — —

— וואס איז דאס פאר א בריה? — טראכט איך — א מענש טראגט הערינג, רעדט חכמות, גאנצע שטיקער פילאזאפיע!

נאר צייט צו פרעגען האב איך נישט.

פלוצלונג הויבט מיר אן עפעס רויטליך צו שווינדלען פאר די אויגען.

— עפעס רויטעלט זיך, — זאג איך.

— אן אפגלאנץ פון עפעס! — ענטפערט ער.

און א רויטליכער נעבעל וויגט זיך און טראגט זיך אלץ נעהנ־טער און נעהנטער, און א ריח טראגט זיך מיט'ן נעבעל.

— וואס שמעקט אזוי? — פרעג איך.

— פרישע רויזען, — ענטפערט ער — איך האנדעל אמאל מיט רויזען אויך... מיר דאכט, — זאגט ער — ווייסע רויזען!

און א ווייסער רויזענקראנץ באווייזט זיך אין רויטליכען נע־בעל... און א פרויען־געשטאלט — אונטער'ן קראנץ... און א לייב פון אן אלאבאסטער־האלז מיט פאליעס רויט פלאמענדיגע־האר באַ־דעקט, פון זיי שלאגט זיך עס אפ דער רויטליכער נעבעל... און צוויי אויגען — צוויי ברענענדיגע שטערען — לייכטען אין נעבעל, פאר־רוקט פאר זיך... ווייט אין דער וועלט אריין! און פעסט און קע־ניגליך שטאלץ איז איהר גאנג אין גרויען „גארנישט־מיט־גאר־נישט". דאס קליין־קרעטענע מויל איז קוים־קוים שמייכעלדיג אפען. און א בעבער שוימענדיגער וויין אין דער אויסגעשטרעקטער האנט פון עלפענביין!

זי געהט פארביי, און ביי מיר צאפעלט דאס הארץ און רייסט זיך, ווי א פארוואונדעטער פויגעל פון אן ענגער שטייג ארויס, און ערשט, אז זי איז פארשוואונדען, פרעג איך אהן אטעם:

— ווער איז זי?

— ווער ווייסט? חוה פון גן־עדן, ושתי פון דער מגילה... גריי־בענלאנדס שעהנע העלענא... און אפשר א „דיווא" פון א קאפע־שאנטאן. — —

— דאס האסט דו אויך געזעהן?

ער מאכט זיך נישט הערענדיג.

— נאר איהר וועג — זאגט ער — ווייסט זי!...

און א גערויש קומט מיר אין אויער אריין...

א פערד־גאלאפ שלאגט זיך דומפיג אפ פון דער הארטער ערד, אבוואל מיר האבען זי נ י ש ט אונטער די פיס.

צווישען בליצען באווייזט זיך א רייטער, — מיט'ן פערד צו־זאמען אין שטאל און אייזען געשמידט! עס בלאנקט דאס אייזען,

עס שימערען ביידע מיילער מיט פערל־וואסער־שוים באדעקט... און אויף דער נאקעט אויסגעצווינגענער שווערד טאנצט דער בליץ... דעם בליץ געהט ער עס נאך!

און אויפ'ן הויכען שטערן איז צוגעקלעפט א טראָפען בלוט... איבער'ן רויטען פלעק א גאָלדענע קרוין; דעם פלעק פארדעקט זי נישט... איבער דער קרוין הויבט זיך און קרייזעלט זיך א שווארץ־גלאנצענדיגע קראָה, — איהרע אויגען ברענען, און די לופט קרעכצט אונטער איהרע גלאנצענדיגע פליגעל...

זי פליהט נאך דעם רייטער, ער — דעם שפּיץ פון זיין שווערד!...

— ווער איז עס? — פרעג איך.

— איך ווייס? קין, נבוכדנצר — — ווער דו ווילסט, נאר ווי אזוינס גלאנצט און לייכט אין דער פינסטערער נאכט...

און צוריק „גארנישט־מיט־גארנישט"! און מיר בלאנדזשען טעג און וואכען, אפשר חדשים, און פאלען פלוצלונג אריין אין א ים פון ליכט!

מיר זענען אין א טאל צווישען בערג, פון טאל וואקסט ארויס א שטאדט...

און אלץ לייכט און ברענט!

ארום, אויף די רוקענס פון די בערג, זענען קליינע ליכטלעך פארזייהט... די קליינע פלעמלעך לעקען ציטעריג די קארגע גרעזלעך אויף דער ערד, און קליינע רויכלעך ציטערען ארום די קליינע ליכט־לעך, און עס הויבט זיך אלץ העכער און העכער... גלייך נשמה'לעך קריכען און שאטען קריכען זיי נאך...

אונטען ביים זוים ברענען פעסער סמאָלע...

— קדוש החודש? — פרעג איך.

— אילומינאציע! — ענטפערט ער, — זעה! — און דרעהט מיך איבער צו דער שטאדט.

הייזער און פאלאצען! און אלץ „באדט זיך אין ליכט"... קליינע פלעמלעך בלאנדזשען, קריכענדיג אויף די גלייכע ווענט. קליינע רויכלעך יאגען זיי נאך... אויף באלקאנען פלאמען ליכט און אויגען צוזאמען... פון מיטען שטאדט פליהען ארויף פייערדיגע שלאנגען, און פלאצען אין דער הויך מיט גערויש, און צושפּריצען זיך אויף טויזענטער שטערן, און נייע שלאנגען פליהען...

און די שטערען אין הימעל ווערען בלאס פון שרעק. די לבנה — גרין און געל פאר קנאה...

— וואס פאר אן אילומינאציע?

— אמאל איז געווען א פאסטוד. האט ער געפאשעט גענז... די גענז האבען געראטעוועט רוים... היינט איז זיין יאהרצייט... אזוי האט ער מיר פארטייטשט.

און צוריק ארויס אין גרויען „נישט" אריין, און ווייטער גע־בלאנדזשעט א צייט, ביז מיר זענען ווייטער אריינגעפאלען אין ליכט...

עס שימערט א בלאנקער, פלאכער שפיגעל, עס ציהט זיך א לאנגער טייך...

א דיקע נעבעל־זייל שטעהט אינמיטען טייך, און הויבט זיך ביז'ן הימעל אריין, און האלט איהם אונטער...

פון נעבעל קוקען ליכטלעך, ווי גליה־ווערים, ארויס...

— דאס זענען ארויס שיפלעך. — פארטייטשט מיר מיין הע־רינג־מאן. — זיי וואלטען ווייט ווייט אוועק, נאר דער נעבעל האט זיי פארשלאסען אין זיך!

נאר ארום נעבעל פליהען פרייע שיפלעך („שפאציר־שיפלעך" — זאגט ער) מיט פארביגע לאמטערען אין בלומען־קרענץ פאר־צירט... מענער און ווייבער פאהרען שפאצירען... און געזאנג הערט זיך, אביסעל אויסגעלאסען טרויעריג, אביסעל הייזעריג און פאר'־שכור'ט... ביים ברעג צו דער שטאדט צו, צו דער שטאדט אויפ'ן בארג, — שטעהט אויפגעשטעלט א לאנגע רייהע לאמטערען; זיי שלאגען זיך אפ אין שווארצליכען וואסער ביים ברעג, ווי ליכטיגע, פלינקע זיילען, אויף וועלכע דער ברעג, דאכט זיך, שטעהט.

און אויפ'ן רוקען פון בארג יאגען זיך ליכטלעך און לעמפלעך, ווי נשמה'לעך, איינגעהילטע אין רויכיגע שאטענס. זיי הויבען זיך און יאגען זיך אין שטאדט אריין, און ווערען פארלוירען אין לוס־טיג־לייכטענדיגע גאסען מיט ברענענדיגע פענסטער, גאלדענע, פלאמענדיגע שפיצען פון דעכער...

— א פלאמענדיגער ברוך הבא! — זאגט ער.

— וועמען?

— אן אייניקעל...

— וועמעס?

— דעם זיידענס! דעם זיידענס, וואס איז אמאל אהערגעקו־מען אלס פיינט, און פון שטאדט א חורבן געמאכט...

דאמאלט איז אן אילומינאציע געווען! הייזער האבען ווי לאמ־טערען געברענט... טייכען ווארעם־בלוט האבען זיך געוויכערט אין די גאסען, און פלאקערדיגע שטראמען פון בוימאויל און וויין זענען איבער די טייכען געשוואומען...

היינט קומט ער מיט זיין גנאד... און דאס איז זיין „ברוך הבא!“ —

אלע ליכט, אלע פלאמען, אלע אילומינאציעס און ברוך־הבא'ס, וואס איך האב אין חלום געזעהן, און וואס מיין הערינג־הענדלער האט מיר פארטייטשט, ביז איך אייך נישט אימשטאנד איבערצור־געבען...

עס האט מיר אנגעהויבען אין די אויגען צו ברענען, אין דער נשמה!

און צום סוף גאר, גאר צום סוף ערשט האט זיך מיר געוויזען, ווי יוסל קרעמער בענשט חנוכה־ליכט...

דורך א קליין שייבעל ציטערט א קליין וואקסען ליכטעל...

— פאמעלעך — זאגט ער — פאמעלעך... היינט איינס, מאר־גען צוויי, איבערמארגען דריי... און אזוי ווייטער... ביז אכט! — די חשמונאים'ס אילומינאציע!

ער איז מיר פארשוואונדען געווארען, און איך האב זיך אויפ־געכאפט.

# נס חנוכה

## 1.

איך האב שוין געהאלטען דעם פאלטא אין דער האנט, און האב מיר דאך אפגעשטעלט:

— געהן — אדער נישט געהן אויף דער לעקציע?

אך, עס איז אזוי אומאנגענעהם! אזא שלעכט, אזא פויל וועטער... א האלבע מייל וועגס... און וואס? נאך אמאל „פקד. פקדתי“, נאך אמאל דער „אלטער בעל־הבית“. וואס האט אהן דקדוק אפגעלעבט עטליכע זעכציג יאהר, צעהן מאל געוועזען אין „לאפסק“, א פאר מאל אין „דאנציג“, שיער נישט אנגעשלאגען אין קאנסטאנטינאפאל... און קאן אלץ נישט פארשטעהן, אויף וואס מען גיט דא אוים געלט... א טייערע מציאה — דקדוק!

ווייטער, דער „יונגער בעל־הבית“, וואס ווייסט, אז פראקטישער וואלט געוועזען צו טראגען פאות מיט א שטריימעל, א קאפטאן מיט סטראקעס, צו פאהרען צו א גוטען איד, און נ י ש ט צו וויסען פון דקדוק. ער איז, נעבעך, א כשר קרבן... אלס סוחר מוז ער, נעבעך, קומען צווישען מענשען, טראגען א הוט מיט א געפרעסט העמד, ערלויבען, דאס וויב זאל געהן אין טעאטער, די טאכטער זאל לעזען ביכער, און מוז האלטען נאך צום אינגעל א לעהרער אויף „דקדוק“...

— איז דער טאטע נישט גערעכט? — מאכט ער — נאר די וועלט וויל אזוי!

און דער וועלט קאן ער קיינמאל גארנישט אפזאגען!

— טוט מיר כאטש צוליעב, — בעט ער זיך ביי מיר, — און מאכט מיר איהם נישט קאליע.

— איך צאהל אייך — זאגט ער — אזויפיעל געלט פאר א

הויל ביסעל דקדוק; זאל ער נישט וויסען, אז די ערד דרעהט זיך ארום דער זון!

און איך האב צוגעזאגט, אז ער וועט עס פון מיר נישט וויסען, ווייל... ווייל איך האב אינגאנצען איין לעקציע געהאט, און... א קראנקע מאמע איז שטוב!...

— געהן — אדער נישט געהן?

ביי דער לעקציע היט מיך דאס גאנצע הויז־געזינט.

צי זי אויך?

זי זיצט פון דערווייטענס, שטענדיג פארלעזען, פארטיפט... טיילמאל הויבט זי אויף די לאנגע, זיידענע ברעמען, דאמאלט ווערט אביסעל ליכטיג אין שטוב...

דאס געשיהט דאך אזוי זעלטען, אזוי זעלטען...

און וואס וועט זיין דערפון? גארנישט, אויסער הארצווערהטאג!

— הערסט? — וועקט מיך אויף דער מאמעס שוואכע שטימע פון בעט — דער פעלשער זאגט, אז ווען איך זאל האבען א פארווארעמע, וואלענע זאקען, וואלט איך געמעגט אראפקריכען פון בעט.

— מוז מען געהן אויף דער לעקציע!

## 2.

אויסער דער בעל־הבית'טע, וואס האט זיך, ווי איהר שטייגער איז, ארויסגעכאפט, דער שווער זאל נישט וויסען, אין טעאטער אריין, האב איך געטראפען דאס גאנצע הויז־געזינט ארום זידענדיגען טאמבאקענעם סאמאוואר.

אויף מיין „גוט'ן־אווענט“ האט דער אינגערער בעל־הבית געענטפערט מיט א שוואכען „גוט־יאהר“, און נישט אויפגעהערט צו דרעהען אין דער האנט די טאליע קארטען, וואס ער האט געהאלטען, געוויס — ווארטענדיג אויף געסט.

אינטער א שפיציגער יארמולקע, איינגעהילט אין א ברייטען טערקיישען שלאפראק, לוינט נישט דעם אלטען בעל־הבית ארויס־צונעמען די לאנגע אנטיפקע מיט'ן בורשטינענעם שפיץ פון מויל, אדער אויפצוהויבען די אויגען פון אלטען ליסער סדור. ער שאַ־

קעלט מיר קוים צו מיט'ן קאפ און פארטיפט זיך ווייטער אינ'ם פירוש צום זמר לחנוכה.

זי איז אויך פארטיפט, נאר, ווי געוועהנליך — אין איהר ראמאן.

אויף מיין תלמיד האט דאך מיין אריינקומען אן אומאנגענעהמען איינדרוק געמאכט.

— וואס ? — שפרינגט ער אפ פון טיש און ווארפט טראציג ארונטער דאס שווארצגעלאקטע קעפעל — היינט אויך לערנען ?

— פארוואס נישט ? — שמייכעלט דער פאטער.

— עס איז דאך חנוכה ! — טופעט דער קליינער מיט'ן פוס, און ווייזט מיט'ן פינגער אויפ'ן ערשטען ליכטעל מיט'ן שמש, וואס האבען געברענט אונטער דעם פארהאנג אויפ'ן פענסטער, צוגעקלעפט צו א שייטעל האלץ.

— גאנץ גערעכט ! — בורטשעט אריין דער אלטער.

— נו, נו, מוחל ! — מאכט גלייכגילטיג דער יונגער בעל-הבית.

עס דאכט זיך מיר, אז זי איז בלאסער געווארען, אז זי האט טיפער אראפגעלאזט דעם קאפ צום בוך.

איך זאג „א גוטע נאכט“, נאר דער יונגער בעל-הבית לאזט מיך נישט אוועקגעהן :

— איהר מוזט שוין בלייבען אויף טיי !

— און אויף „שקצים'לעך מיט מאהן“ — האט פרעהליך אויסגעשריגען מיין תלמיד. — ער וואלט מיט מיר גוט געלעבט, ווען נישט דער „פקד, פקדתי“.

איך וויל אפזאגען, נאר דער לאבוזש כאפט מיך אן ביי דער האנט, רוקט מיר צו, מיט א שעלמישען שמייכעל אויפ'ן ריהרעוודיגען פנים, א שטול, קעגענאיבער דער שוועסטער.

האט ער עפעס באמערקט ?

נאטירליך האט ער געקאנט עפעס באמערקען נאר פון מיין זייט... זי איז שטענדיג פארטיפט אין פארלעזען... זי האלט מיך געווים פאר א בטלן... אפשר נאך פאר עפעס ערגערס... זי ווייסט דאך נישט, אז איך האב א קראנקע מאמע אין דערהיים !

— עס מוזט שוין זיין אנגעצויגען! — רופט זיך אָן אומגע־דולדיג דער יונגער בעל־הבית. —

## 3.

— באָלד, באָלד, טאַטעשי. — ענטפערט זי האַסטיג, און איהר בלאַס פּנים רויטעלט זיך.

דער יונגער בעל־הבית פּאַרטראַכט זיך ווייטער; מיין תּלמיד לאָזט איבער'ן טיש אַ דריידעל, דער אַלטער לעגט אוועק דעם סדור און גרייט זיך צו צום טיי.

אומגערנווייליג האָב איך מיך פּאַרקוקט אויף די חנוכּה־ליכט, וואָס ברענען מיר קעגענאיבער אויפ'ן פענסטער. זיי ברענען אַזוי טרויעריג, אַזוי נידערגעשלאָגען און פאַרשעמט פאַר'ן פאַרזילבער־טען בליץ־לאָמפּ, וואָס הענגט איבער'ן עס־טיש און באַלייכט אַזוי העל דעם פיינגעדעקטען טיש... עס ווערט מיר נאָך אומעטיגער, און איך באַמערק נישט, אַז זי דערלאַנגט מיר אַ גלאָז טיי.

— מיט ציטרין? — וועקט מיך איהר טרויעריגע שטימע.

— אפשר מיט מילך? — פרעגט דער פאָטער.

— ניין, ניין, די מילך איז אָפּגעברענט! — וואָרענט מיך דער תּלמיד.

— אומערטרעגליך! — רייסט זיך איהר פון מויל אַרויס.

## 4.

עס איז ווייטער שטיל. מען הערט נאָר דעם זייגער אויף דער וואַנט, דאָס זופּען פון די גלעזער און דאָס קלינגען מיט די לעפעלער.

פּלוצלונג פאַלט איין מיין תּלמיד צו פרעגען:

— לעהרער, וואָס איז אַזוינס חנוכּה?

— וועסט פרעגען מאָרגען דעם רבי'ן אין חדר, — מאַכט אומגעדולדיג דער אַלטער.

— עה! — מאכט מיין שילער טראַציג, — דער לעהרער ווייסט וואויל בעסער פאר'ן רבי'ן.

דער אַלטער וואַרפט אַ בייזען בליק אויפ'ן זוהן; דאָס האָט געהייסען: „זעהסט? !"

— איך וויל אויך וויסען, וואָס חנוכה איז! — האָט זי זיך אַנגערופען שטיל.

— נו, אדרבה! — מאכט דער יונגער בעל־הבית — לאָמיך זעהן, וואָס ביי אייך איז חנוכה!

## 5.

— עס איז געוועזען אין דער צייט — האָב איך אַנגעהויבען — ווען די גריכען האָבען אונז אונטערגעדריקט אין ארץ־ישראל.

— די גריכען...

נאָר דער אַלטער האָקט מיך איבער מיט אַ זויערער מינע:

— אין שמנה־עשרה שטעהט „מלכות יון... הרשעה!"

— עס איז אַלץ איינס, מן הסתם — באַמערקט דער יונגער בעל־הבית, — וואָס ביי אונז איז יון — איז ביי זיי אודאי גריכען!

— די גריכען — האָב איך נאָך אַמאָל אַנגעהויבען — האָבען אונז שרעקליך אונטערדריקט! עס איז געוועזען די ערגסטע צייט פאַר אידען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק וועט שוין אונטערגעהן און פאַרלוירען ווערען... נאָך עטליכע אומגליקליכע מרידות איז אונזער גאַנצע קראַפט צושלאָגען געוואָרען... דער לעצטער פונק פון האָפנונג האָט זיך אויסגעלאָשען... מען האָט אונז אין אונזער אייגענעם לאַנד ווי ווערים מיט די פיס געטראָטען...

דער יונגער בעל־הבית האָט שוין לאַנג נישט געהערט; ער האָט איבערגעבויגען דאָס אויער צו דער טיר, צי וועט נישט עמיץ קלינגען פון זיינע געסט... נאָר דער אַלטער לאָזט פון מיר קיין אויג נישט אַראָפּ. און אַז איך האָב נאָך אַמאָל באַנוצט דאָס וואָרט „אונטערדריקט", האָט ער זיך נישט איינגעהאַלטען און געזאָגט:

— אַ מענש רעדט ריינע דבורים... אונטערדריקט — שמיק... וואָס טויג מיר דאָרט... מען האָט אונז פשוט נישט געלאָזט קיין

שבת האלטען, קיין יום־טוב מאכען, קיין תורה לערנען און אפילו מילה פארווערט!

— שפילט איהר נישט פראבעראנס? — האט מיך ראפטום געפרעגט דער יונגער בעל־הבית, — אפשר גאר אין אקע?

---

עס איז ווייטער שטיל געווארען, און איך האב ווייטער דער־צעהלט:

— די לאגע איז מיט דעם נאך ערגער געווארען, וואס אונזער אדעל און די רייכע לייט האבען זיך אנגעהויבען מיט זייער אייגען פאלק צו שעמען און אנגעהויבען זיך פיהרען גריכיש... מען האט אנגעהויבען צו באזוכען גימנאזיומס.

זי און דער זיידע קוקען מיך ביידע אן פארוואונדערט!

— אין יענע גימנאזיומס, האב איך ווייטער געצויגען, האט מען נישט געלערענט ווי אין די היינטיגע... מען האט נאר גימנאסטיק געמאכט, און דוקא נאקעט, און זכרים מיט נקבות צוזאמען...

ביידע פאר אויגען האבען זיך צוריק אראפגעלאזט, נאר פאר דאס האבען זיך דעם יונגען בעל־הבית׳ס אויגען צופלאמט:

— וואס רעדט איהר?!

איך ענטפער איהם נישט און דערצעהל ווייטער פון די טעאטערען, וואו מענשען האבען זיך געשלאגען מיט ווילדע חיות און אקסען, און פון אנדערע גריכישע מנהגים, וואס האבען געמוזט דעם אידישען לעבען זיין צואווידער.

— דאס איז אלץ פאר די גריכען נאך ווייניג געווען; זיי האבען געוואלט, עס זאל פון אידישען לעבען קיין צייכען נישט בלייבען, און זיי האבען אויפגעשטעלט א מזבח מיט אן עבודה־זרה אינמיטען גאס, און געהייסען צו איהר מקריב זיין קרבנות.

— צא טא זנאטשי? — האט זי איבערגעפרעגט.

איך האב איהר פארטייטשט, און דער אלטער האט זיך צו־חיצט און גענדיגט:

— און א חזיר! דוקא א חזיר׳ל זאל מען מקריב זיין!

— און עס האט זיך געטראפען א איד — האב איך ווייטער

אנגעהויבען — וואס איז צוגעגאנגען צום מזבח און האט געוואלט ברענגען א קרבן...

אין דער איינענער רגע איז פון די בערג אראפ דער אלטער מאקאבעער מיט זיינע פינף זיהן... איידער די גריכישע סאלדאטען זענען צו זיך געקומען, האט זיך דער נידערטרעכטיגער שוין גע־באדען אין זיין איינענעם בלוט, דער מזבח איז געוועזען צושטויסען. אין איין סעקונדע האט די מרידה אויפגעפלאמט...

...און די מאקאבעער מיט א קליין ביסעל גבורים האבען בא־זיגט די הונדערט מאל שטארקערע גריכען...

...זיי האבען די גריכען פארטריבען פון לאנד, באפרייט דאס פאלק.

## 7.

— צום אנדענקען פון דעם זיג — האב איך געענדיגט מיין ערצעהלונג — צינדען מיר עד־היום אונזער ארעמע אילומינאציע, אונזערע חנוכה־ליכט.

— וואס ? — איז אויפגעשפרונגען דער אלטער און האט גע־ציטערט פאר צארן — ד א ס איז דער נס ?

— אהער, שמערקע ! — האט ער א געשריי געטאן צום איי־ניקעל, וואס האט זיך פאר שרעק נאך ווייטער אפגערוקט.

דער אלטער קלאפט אין טיש אריין, אז עס קלינגען די טע־לער :

— דער נס איז געוועזען... אז מ׳האט ארויסגעטריבען די טמא יונים, איז נישט מעהר געבליבען ווי איין קריגעל כשר׳ער בוימאויל...

נאר ער האט זיך צוהוסט און נישט געקאנט דעם אטעם כא־פען. דער יונגער בעל־הבית איז צוגעלאפען און האט איהם ארויס־געפיהרט אין דער צווייטער שטוב אריין.

## 8.

איך וויל ארויס פון שטוב, נאר זי פארהאלט מיך :

— זיי זענען געווען אסימילאציע ? — האט זי מיך געפרעגט.

— אסימילירען — האָב איך איהר געענטפערט — הייסט פארצעהרען, אויפעסען און פארדייען. מיר אסימילירען רינד־פלייש, ברויט, און אונז ווילען אנדערע אסימילירען... אויפעסען ווי רינד־פלייש און ברויט...

זי שווייגט א פּאָר סעקונדען און פרעגט דערנאָך דערשראָ־קען:

— ווערען דען אייביג, אייביג זיין קריג און שטרייט צווישען פעלקער?

— אָ, ניין! — האָב איך געענטפערט. — אין א געוויסען פּונקט מוזען זיך אלע פעלקער פאראייניגען!

— און דער איז?

— די מענשהייט!... זאָל יעדערער ביי זיך טון, וואָס מען דאַרף, ווערען זיך שוין אלע צוזאַמענטרעפען.

זי האָט זיך פארטראַכט. איך וויל ווייטער רעדען, נאָר מיר האַקט איבער א קלאַפּ אין דער טיר...

— די מאַמע געהט! — האָט זי שטיל אויסגעשריען און אנט־לויפען. אוועקגעהענדיג, דערלאַנגט זי מיר דאָס ערשטע מאָל די האַנט.

9.

דעם צווייטען טאָג אין דערפריה, נאָך ליגענדיג אין בעט, האָב איך דערהאַלטען א בריף דורך א פּאָסלאַניעץ.

דער קאָנווערט האָט איהר פאָטערס פירמא „יאַקוב בערענהאַלץ.“ דאָס הארץ קלאַפּט אין מיר ווי ביי א גזלן... אינע־ווייניג איז מעהר נישט געלעגען נאָר 10 רובל פאַר'ן חודש, וואָס האָט זיך נאָך נישט געענדיגט.

אוים לעקציע!

# „הנרות הללו".

— זשידאָוועסקי פּראַזדניק! — מאַכט דער קוטשער און גיט א פייף, און די פערד, וואָס האָבען גערעכענט זיך אָפּצושטעלען ביי דער אידישער קרעטשמע, פליהען ווייטער, ווי פייל פון בויגען גליטשט זיך דער שליטען איבער'ן פריש־געפאַלענעם שניי.

דער גענעראַל, אַן אַטסטאַוונאַי, מיט די עפּאָלעטען אין דער לענג, פון די קאַנטאָניסטען, האָט אויך באַמערקט דאָס איינציגע פלעמעל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון דער פאַרפרוירענער שויב דורך דאָס לענגיג־קיילעכדיג לעכעל, וואָס עס האָט זיך אַליין אויפגעטויט.

„וואָס פאַר א יום־טוב איז עס?" — טראַכט ער.

ער וויל זיך דערמאָנען נעמען פון די אידישע יומים־טובים.

„פורים", — דערמאָנט ער זיך גראָד.

וואָס איז אַזוינס פורים? ער דערמאָנט זיך זאַפּרען... א ריח פון זאַפּרען... ביים טיש זיצט א פרעמדער איד מיט א ברודיג־רויטער פאַטשיילע אין האַנט, אין דער פאַטשיילע איז דאָ קופּער־ און זילבער־געלט... ער וויל נאָך... ער דערציילט עפּעס א מעשה... קראַנקע קינדער... קימפּעטאָרין... צי אַן עגונה...

מעהר גערענקט ער נישט...

ער האָט געהערט פון פורים־שפּילער, נאָר געזעהן האָט ער זיי נישט. ער פלעגט איינשלאָפען, איידער די פורים־שפּילער זענען געקומען צו זיי... אין עק שטאָדט האָבען זיי געוואוינט... אפשר האָט ער אַמאָל געזעהן און פאַרגעסען... צומאָרגענס פלעגט מען אַרויסגעהן אויף שטאָלצען אין גאַס; ער האָט מורא געהאַט צו קוקען... מען קאָן אַראָפּפאַלען. עס פלעגט איהם קאַלט ווערען אַרום האַרץ און דעם קאָפּ פאַרדרעהען...

דעם איד מיט דער פאַטשיילע גערענקט ער... א שוואַרצער

איד... א פֿאַנפֿאַטער, ער פֿלעגט רעדען און שפּריצען מיט טאַביק פֿון דער נאָז...

— פֿי!

און דערנאָך וואָס געהט?

— דאַכט זיך איהם, פּסח...

— וואָס איז פּסח?... עט... אין דער „הייליגער געשיכטע" שטעהט... מצרים... ירדן... ווייסט ער?!

ער געדענקט די מוטער, ווי זי פּוצט און רייבט די קלאַמקע פֿון טיר... דיקע טראָפּען שווייס רינען איהר פֿון פּנים...

דערנאָך: מצות.

עס ווערט איהם וואַרעם אַרום אַלטען האַרץ:

„צי באַנוצען זיי דערצו בלוט, צי ניין?"

ער האָט קיינמאָל אין דערהיים פֿון בלוט נישט געהערט... ד אָ ר ט זאָגט מען אָבער אויף זיכער... אין אָנהויב האָט ער זיך געשפּאַרט... אַצינד ווייסט ער שוין אַליין נישט, א קשיא אויף אַזוינע לייט!

נאָר שעהן גלאָז איז געווען ביים טיש... איין בעכער אין עק טיש, א גרויסער, מיט רויטע בילדער...

עפּעס אויף א גאַסט האָט מען געוואַרט.

צי איז ער געקומען? — ער געדענקט שוין נישט.

---

דערנאָך געהט א „גרינער" יום־טוב... „זיעלאָני פּראַזד־ניק"... ווי אַזוי זיי רופען עס, ווייסט ער נישט... עפּעס פּוטער־געבעקס, קאַווע... די ראַזשינקעס, וואָס ער פֿלעגט אַרויסנאַשען, געדענקט ער...

עפּעס א קורצער יום־טוב...

ער געדענקט נאָר, אַז דעם יום־טוב פֿלעגט דער פֿאָטער שלאָ־פֿען שפּעט אין טאָג אַריין... פֿאַרוואָס? ווייסט ער שוין נישט...

דערנאָך געהען „קוטשקי" —

דאָס אַלטע מויל פֿאַרקרימט זיך איהם מיט א חוזק־שמייכעל:

„א איד'שע דאַטשע אויפֿ'ן הויף... ביי די... ביי די... פֿוי!"

ער געדענקט נאָך, עפּעס א פּרוכט פֿלעגט מען האַלטען, א ציטרין, צי אַן עפּעל... א בעזעמעל אין דער האַנט... און דערנאָך האָט מען די שטענדער געשמיסען...

ריינע געצענדינער...

אהא! דערנאך פעהנער...

ער פאלט אריין אין אנדערע גערדאנקען... זיין ערשטער טריט ארויף אויף דער לייטער, איז געווען א פאהן... סעוואסטאפאל! ער גיט נישט די פאהן... א פוס בריהט — ער האלט! א האנט הויבט אן ברענען, ער כאפט די פאהן אין דער לינקער האנט אריין... ער פאלט אויף דער פאהן... דריקט זי צו מיט'ן בויך, מען קאן זי נישט פארנעמען, ער באקומט א שטאך... פאלט ערגעץ אין שאול תחתיה... און — כאפט זיך אויף אין שפיטאל...

דעם ערשטען קרייץ באקומען!

— זשידי פראקלאטיע! — וועקט איהם דעם קוטשערס רופען...

מען פאהרט שוין לאנגזאם דורך א לאנגע גאס אין א שטעדטעל...

איןביידע זייטען פענסטער קוקען ארויס פלעמלעך... זיי ציטערען ווי פאר שרעק און קוקען ארויס...

פון א הייזעל געהט עמיץ ארויס און זינגט זיך איבער:

— הנרות הללו...

— טשטא אן סקאזאל, איוואן? — פרעגט דער גענעראל.

— א טשארט יעווא, זשידא פארכאטאווא, זנאיעט, וואשע פרעוואסכאדיטעלסטווא!

דעם גענעראלס אויער האט דאך געכאפט:

„הנרות הללו"...

יא, אזוי מוז ער הייסען דער יום־טוב — „הנרות הללו"...

דער וועג ווערט צוריק גלאט... די פערד רייסען זיך, ווי טייוולאנים, דער גענעראל פארטראכט זיך גאר אהן געדאנקען.

# א חנוכה־לעמפעל.

עס איז דאָך חנוכה, וועל איך אייך דערציילן, ווי אַזוי אַ איד, אַ יורד, לא עליכם, האָט זיך אַמאָל געראַטעוועט דורך אַ חנוכה־לעמפעל...

און מיינט איהר, אַ גאָלדענס? כאָטש אַ זילבערנס? דוקא אַ מעשענס און אַ שברי־כלי. עפּעס אַן אַלטע ירושה פון דור־דורות... אויסגעקרימט, אויסגעדרעהט און אַ האַלב רעהרעל אָפּגע־בראָכען...

דער איד איז פריהער געווען אַ בעל־הבית...

פּלוצלונג איז ער נתעשר געוואָרען.

— ווי אַזוי? דאָס געהערט נישט צו דער זאַך.

מען זאָגט, אַ זעלנער האָט געטראָגען איז גאָס אַ שטאַבע איי־זען צו פאַרקויפען. האָט ער געקויפט אונטער'ן מקח. אַהיימגע־פיהרט... ער גיט אַ שלייף — גאָלד!

גע'לקח'נט געווען פון דער באַנק!

אָבער, אַז אַ איד ווערט רייך, איז „ישן מפני חדש“, קערט ער איבער די שטוב. טוישט ער די מלבושים, ווערט ער אַ דייטש, זי — אַ פראַנצומערקע; וואַרפט אַוועק דאָס שייטעל. צוויי בנים גע־האַט — פון חדר אַרויס אין גימנאַזיום אַריין! מען הויבט אָן משנה פּנים צו זיין די שטוב... אַ ספרים־שאַנק געווען, ווער דאַרף ספרים? געשיקט אין בית־המדרש אַריין; אַ מתנה. די שאַנק — אַן אַלטע, צוהאַקט, אין קיך אַריין אויף קיהנדלעך געשיקט... די פּלונית'טע שטעלט אויף דעם אָרט אַ טרומאָ. זי האָט זיך מיט אַמאָל ליעב באַקומען, וויל זיך זעהען פון אויבען ביז אַראָפּ... מען רופט אַריין אַ „האַנדעל“, מען פאַרקויפט דאָס אַלטע מעבעל בחצי חנם און מען קויפט „לודוויג דעם פיערצעהנטען“ — קליין, חנ'עוודיג, נאָר גע־

בעט; אויסגעקרימטע פיסלעך, אבער מיט בראנז. אויף רעדלעך, א מחיה. מען האט זיך מורא צו זעצן.

אביסעל אלט זילבער געווען: אתרוג־פושקעלעך, בשמים שטע־קעלעך, — פארקויפט אויף ברוך, צושענקט דרשה־געשאנק פאר קרובים; געקויפט גלאז, קריסטאל... בלומען־טעפ, וואזען, כמנהג העולם — מאדערן!

איז דאך גלגל־חוזר — אין א צייט א... ם הויבט אן געהן קא־פויר, מיט דער פוטער אראפ. די זיהן זענען שוין אין אויסלאנד, מען האט זיי נישט צו שיקען... קוים מען פראלאנגירט די וועקסע־לעך... פון דער האנט א גמילת־חסד קריגט מען נישט...

עס ווערט ערגער. מען קוקט זיך אום, נישטא עפעס צו פאר־זעצן? דער „לודוויג דער פיערצעהנטער" איז צופאלען... גלאז און קריסטאל — אויסגעהאקט, צובראכען... א פאר כלים געבליבען — מיט גיפס צוזאמענגעקלעפטע...

לעבט מען אין דחקות...

אז מען לעבט אין דחקות, דערמאנט מען זיך אביסעל אן אי־דישקייט...

די פלונית'טע בארגט ביי א שכנה אמאל א „צאינה וראינה" און לייענט. דער פאן סאלאמאן, וואס הייסט שוין צוריק שלמה־זלמן, שטעלט זיך אמאל דאווענען אין טלית ותפילין. און אז עס קומט חנוכה, גלוסט זיך צו בענשען חנוכה־ליכט...

ליכטלעך האט מען ערגעץ אויסגעקאשפערט; מען לויפט אין קיך אריין נאך א שייטעל האלץ, נישטא! פארפעהלט אפילו א קיהנדעל!

דערמאנט זיך שלמה־זלמן, אז בשעת חדרותא האט ער גע־באפט אן אלט חנוכה־לעמפעל און געווארפען אויף אן אויווען.

— שלמה־זלמן, — בעט זיך די פלונית'טע, — נעם עס אראפ...

געהט מען אויף מסירת נפש, שטעלט מען ארויף א בענקעל אויף א טיש, רוקט מען צו צום אויווען, עס טאנצט, עס סקריפעט. לודוויג דער פיערצעהנטער קרעכצט. די פלונית'טע האלט אונטער — אראפגענומען...

פארשטויבט, קוים אפגעווישט — מען בענשט...

דעם ערשטען, דעם צווייטען טאג, אזוי ביז'ן אכטען טאג —

נאר לעגען וועט מען זיך אהן וועטשערע, איז אומעטיג. זיצט שלמה־זלמן ביי איין זייט טיש, די פלונית'טע — ביי דער צווייטער און מען טראכט — א פאל פאר הונגער אויסצוגעהן!

קלינגט ווער, שפרינגען ביידע אויף. עפענט מען. קומט אריין א באקאנטער יונגערמאן, א מעקלער פון כל'ערליי.

וואס איז?

ער האלט זיך קוים איין פאר לאכען. קיין ווארשא איז א משוגע'נער ענגלענדער געקומען. א גלאט־געגאלטער, אדער אפשר א נקבה א פארשטעלטע... קויפט אלטע שברי־כלים. ווארט אין הויז.

— זאל ער אריינגעהן? מן־הסתם וועט זיך עפעס געפינען...

אזא אלטער בעל־הבית.

דאס אלטע פאר־פאלק קוקט זיך איבער. וואס האבען זיי פאר אלטע כלים? דער ענגלענדער קומט דערווייל אריין; נישט געקאנט זיך דערווארטען; די טיר איז אפען געשטאנען. ער קומט אריין, נעמט אראפ די כובע, דערזעהט דאס חנוכה־לעמפעל, פאלט צו ווי „צו א הייסען פאפלינוק." כאפט עס אין די הענט אריין. די הענט ציטערען, די אויגען בליצען...

— געזאגט משוגע! — מאכט דער מעקלער.

— וויפיעל? וויפיעל? — פרעגט דער ענגלענדער אויף א צר בראכען דייטש.

קורץ און בקצור, מען האט דאס חנוכה־לעמפעל פארקויפט. פארלאזט זיך אויפ'ן משוגע'נעם ענגלענדערס יושר און גענומען וויפיעל ער האט געגעבען.

ענגלענדער און מעקלער — אפ; דאס פאר־פאלק בלייבט.

— מאקע משוגע! — מאכט שלמה־זלמן.

— און אפשר — זאגט די פלונית'טע נישט דרייסט — אליהו הנביא? אין זכות פון חנוכה־ליכט־בענשען?...

סיי־ווי־סיי: געווען אויף וועטשערע, געווען אויף אנבייסען, געווען אויך מיט וואס צו געהן אין גאס אריין...

און דאס געלט איז עפעס מזל'דיג געווען... דאס רעדעל הויבט זיך אן צוריק צו דרעהען. ארויף!...

שלמה־זלמן ווערט צוריק פאן סאלאמאן...

און אז עס געהט, געהט מיט אלעם... באקומט מען בריף מיט

נחת פון קינדער אין אויסלאנד. אליין זיך אויסגעארבייט. איינער אין לאנדאן, אן אינזשינער! גרויס! חתונה געהאט! פארבעט צו זיך. לאזען טאטע־מאמע קענען די שנור...

פאהרט מען...

פרעהט מען זיך אפ א צייט אין דערהיים, דערנאך נעמט מען באקוקען לאנדאן... הייזער, פאבריקען. דערנאך טעאטער, קאנצערט־הייזער, אויסשטעלונגען.

פיהרט מען זיי איינמאל אין א קונסט־הויז אריין — אין א מוזעאום...

און שטעלט אייך פאר, ווי פארבליפט דאס אלטע פאר־פאלק איז געווארען, אז זיי האבען זיך, אין א זאל, אונטער א גלאז, גע־טראפען אויג־אן־אויג מיט'ן אלטען חנוכה־לעמפעל... דערקענט די אלטע, לאכענדיגע לייבען... די בוימלעך מיט'ן פויגעל... דאס אויס־געדרעהטע פיסעל, דאס האלב־אפגעבראכענע רעהרעל.

— נישט משוגע געווען! קלערט, אין ענגלאנד שוין — מ י ס־ט ע ר סאלאמאן...

— און נישט אליהו הנביא! — די מיסטרים.

הויך רעדען, בפרט פרעגען פאסט נישט פאר דער יונגער שנור.

פארטראכטען זיי זיך...

אפשר וועט איהר אייך א ו י ך פארטראכטען?

# דער אַלטער ר׳ שמעון.

**זיין שופר בלאָזען, און די מ נ י ע ו ת — אייגענע און פרעמדע.**

— עפּעס אַ אוצר מוזט איהר האַלטען אונטער׳ן אָרעם, ר׳ שמעון! מיט אַ ציטערדיגער האַנט דריקט איהר עס צו צום האַרץ און דער נחת קוועלט אייך פון די אַלטע אויגען אַרויס.

— אי, — שמייכעלט אַביסעל פאַרלעגען ר׳ שמעון — מיין שופר איז עס, מיין יום־טוב׳דיגער שופר!

— יום־טוב׳דיגער?

— הערסט דאָך, איך האָב שוין אַזאַ מנהג — איין אַ וואָכענ־דיגען אלול־טאָג בלאָז איך אויף אַ פּראָסטען שופר, נאָר דער איז אַ טייערער, אַ פיין־אויסגעאַרבייטער, אַ יום־טוב׳דיגער!

און ער נעמט איהם אַרויס פון אונטער דעם אָרעם און קוקט אויף איהם מיט ליעבשאַפט. אַ קליין שופר׳ל, אַן אַש־גרוי׳ס, אַ דינס, נאָר אַ חנ׳עוודיגס... אויסגעקרימט, ווי אַלע שופרות, נאָר חנ׳עוודיג פאַרקרימט, ווי אַ קינדערשע העויה...

און ער גלעט איהם מיט ציטעריגע פינגער, הויבט איהם העכער צו דער באָרד און גלעט איהם מיט די לאַנגע, פיינע, זילבער־נע האָר. אוןביידע „קדושות" מישען זיך אויס — דער הייליגער אַש־גרוייער שופר מיט דער הייליגער זילבערנער באָרד, און די אַל־טע אויגען זיינע לייכטען אַזוי קינדיש נחת׳דיג, אַזוי יונג...

— איהר האָט ליעב דעם שופר?

— ס׳לעבען! ווייל איך האָב דאָס שופר־בלאָזען ליעב!... מיין פאָטער, עליו השלום, איז אַ פאַכטער געווען. מיר האָבען אין דאָרף געוואוינט. און — אַ אינגעל, פלעג איך מקנא זיין דעם פאַסטוך מיט׳ן פייפעל... ער פייפט, און אויפ׳ן קול פון זיין פייפערל פאַר־

זאמלען זיך ארום איהם די שאף, לעגען זיך ארום און ארום און קוקען איהם אין די אויגען אריין...

א שופר איז אבער העכער — ער זאמעלט נשמות צונויף, איד־דישע בארג־סיני־נשמות... און ז י י הערען זיך איין!

איך האב ליעב דאס שופר־בלאזען...

— נישט שטענדיג, — פארבעסערט זיך ר׳ שמעון — יום־כפור די תקיעה גדולה — — עס פאסט גארנישט...

גאנץ אלול איז אויך דאס שופר־בלאזען קיין שופר־בלאזען נישט.

ווארים וואס? א וואכעדיגער עולם, א קליינער און א צו־שפרייטער, דער ארויף, דער אראפ... דורך די אפענע פענסטער רייסט זיך אריין דער מארק... קולות פון אידענעס, להבדיל, פון פויערען... אויפ׳ן שול־הויף בלאזט ווייסע חברה... איך בלאז און זיי בלאזען... מבולבל ווערט מען!

ס׳אי׳נישט!

ראש־השנה איז עפעס אנדערש!

דער גאנצער עולם שטעהט אין די טליתים מיט די בליצענ־דיגע עטרות — בני־מלכים שטעהען... און צושאקעלט זענען זיי ווי די פרישע גרינע זאנגען אויפ׳ן געבענשטען פעלד. און עס רוישט ווי אין א וואלד, ווי א טייך — —

— עפעס קאנט איהר, ר׳ שמעון, אז דארף נישט פארגעסען!

— גוטע צייטען געווען... מיין „גירסא דינקותא" — וואלד און טייך, און אז אלטע מיהל איז געשטאנען אויפ׳ן טייך...

און אז עס איז א ווינט געווארען, און דער וואלד מיט׳ן טייך האבען אנגעהויבען רוישען, פלעג איך — א נאריש אינגעל — טראכטען, זיי זאגען למנצח, און דער הימעל וועט שופר בלאזען... עט... אמאליגע צייטען...

— און היינט, ר׳ שמעון?

— היינט, אז עס קומט מיר אויס פאר פסח פאהרען אין דארף אריין כשר׳ן די מיהל, און דער וואלד רוישט, און דער טייך רוישט, דאכט זיך מיר: זיי בייזערען זיך! זיי בייזערען זיך אויף מיר... זיי בורטשען: ווי קומסטו דו אהער, ארויסגעטריבענער! נאר אין מקום קדוש, אז דער עולם צו׳רעש׳ט און צושאקעלט זיך, שטעהט מיר פאר די אויגען דער אלטער ג ו ט ע ר וואלד, הער איך

יעם אַלטען גוטען טייך... און ער רוישט וואָס אַמאָל שטאַר־קער און שטאַרקער, ביז עס רייסט זיך אַרויס ווי אַ פלאַם! ווי אויף פליגעל הויבט זיך די פלאַם, אַ ים פון פייער, און רייסט זיך דורך די ווענט, און הויבט זיך און ברעכט דורך דעם סופית, — אין דער וועלט אַריין, צום הימעל געהט זי, די פלאַם, דער ברע־נענדיג־קאָכעדיגער „למנצח"!...

און פלוצים האַקט זיך אַלץ אָפּ, — עס ווערט פאַרשוואונ־דען — שטיל — גאָר שטיל — דער עולם האַלט דעם אָטעם איין... מען הערט, ווי די ליכט פּאַר'ן עמוד און אויפ'ן שלחן ברענען און צישען אין דער הייליגער היץ...

אויף מיין תפלה וואַרט עס דער עולם, אויף מיין ברכה!

דערנאָך נעם איך דעם שופר אין מויל אַריין... דער דין זאָגט אונטער און איך גיב אַרויס תקיעות, שברים, תרועות... קולות קלאָ־רע ווי אַ וואַסער, קולות קריסטאַלענע, קולות זילבערנע, ריינע — און דער קינדערישער נחת בליצט איהם ווייטער אויף אין די אויגען.

— קיין עין־הרע, אַ״ שמעון, אין אייערע יאָהרען!

— אי, — ענטפערט ער מיט אַ גרימאַסע — אַזוי בין איך אַ פלינק... אַ בלאָז, פליה איך אוועק...

— און ביים שופר — אַ לייב?

— ווי שייך צו זאָגען, גאָר ממש אַ לייב!

— און שטענדיג געראָט איך...

— שייך שטענדיג? ס'מאַכט זיך מניעות...

— למשל? דער שטן לעגט זיך אין דער ברייט?

— אי... פאַראַן ערגערס! אויפ'ן שטן האָט מען סגולות... זי־בערע, אויסגעפּרוואווטע... אַניט, טוט מען, ווי דער בערדיטשעו־ווער... זאָל איוואַן שופר בלאָזען!...

— וואָס דען?

— אַ דאגה?! אַמאָל, מעשה שטן, כאַפּט מיך אָן אַ הוסט... אָן אַלטער הוסט... קומען קומט ער פון תשליך, שוין אַ יאָהר פיער־ציג... אודאי אַ יאָהר פיערציג... וואָס זיי פאַלט איין! גיט אַ פּרים־טאוו אַרויס אַ גזרה, מען זאָל נישט וואַרפען קיין זשידאָווסקע קרישקעלעך אין שטאָדט־טייך אַריין!... אין ירושלים, זאָגט ער, וועט איהר אַלץ מעגען...

נו, פילא, אז ער זאגט ניין, פאר׳גנב׳עט מען זיך... געהט יע־דערער באזונדער. נאר אלע קומען זיך צוזאמען. באמערקט מען, הויבט מען אן צו יאגען — אנטלויפט מען, פארשוויצט מען זיך, לויפט מען זיך אפקיהלען אין מקוה אריין...

בין איך אבער א שוואכער, כאפ איך א לונגען־אנצינדונג! ברוך־השם, געזונט געווארען, נאר א זכר איז מיר געבליבען: דער הוסט... כאפט ער מיך אן, צוברעכט ער מיך אברים־ווייז...

מאכט זיך, נאך דער ברכה, ער נעמט מיך!

טו עפעס! דער שופר ציטערט מיר אין האנט, ווי א פיש אין וואסער, און צום מויל געהט ער נישט... טרעפט ער צום מויל, שלאגט ער זיך אן אן די ציין... אמאל האב איך געהאט!...

— און מן הצד מניעות?

— אויך א דאגה!

פונקט קעגענאיבער דעם מקום קדוש וואוינט אן ערל, האלט ער א כלב; פאלט איהם איין, דעם כלב, בילט ער... מוז מען אזא כלב איבערוואַרטען... טיילמאל, גלייך עס וואלט פון א דיבוק ארויסגעוואיעט, געדויערט א שעה און צוויי...

ראש־השנה געפאלט פונקט נאך די מאנעווערס. געהט אמאל דאס חיל צוריק, מארשירט איבער דער גאס מיט מוזיק, מיט מע־שענע כלים, און פארהילכט, און פארטויבט... עס ציטערט אונ־טער זיי די ערד. די הייזער ציטערען, שויבען קלינגען — געה און פרואוו שופר־בלאזען!

פאר עטליכע יאהר וויטער האט זיך אין דער הינטער־גאס פונקט א שרפה געמאכט! איך האלט ביי א „תרועה", עס געהט! און דא רייסט זיך אריין די פאזשארנע קאמאנדע מיט איהרע טראמפייטען, מיט א גערייטעריי, א געיאגעריי — הו — הא! וואס מיינסט דו, דער עולם איז נישט אנטלאפען פון דאווענען צו דער שרפה?... איך בין געבליבען איינער אליין מיט׳ן דין, ער מיט׳ן מחזור׳ל, איך מיט׳ן שופר...

און נאך מיט עטליכע יאהרען צוריק איז ערגער געווען...

איך דארף בלאזען „שברים". און עס האט זיך מיר, זאג איך דיר, אויסגעצויגען א צודראַביטער שברים, ווי אן אמת יראת־שמים־פיבערל! פלוצלונג ווערט א געפייפעריי, א נעשוווישטשעריי, א געקלינגעריי פון גאס — די ווייסע חברה האט זיך באוויזען אין

מארק! פארשטעהסט?! רבונו של עולם, וואס פאר א שרעק, וואס פאר אן אימה... דער עולם וויל לויפען, מען לויפט צו דער טיר, מען שפרינגט צו די פענסטער!

נאר דאמאלט האט נאך דער אלטער רב, זכרונו לברכה, גע־לעבט... א קליינס, א דארס, נאר א רב! ער איז ארויפגעשפרונגען אויף דער באנק און געשריען: „שטעהט!" און דער עולם האט זיך אפגעשטעלט. — „פארמאכט טיר און פענסטער", און מען האט'ן געפאלגט! — און חשך איז געווארען, חשך... פון די עט־ליכע עמוד־ און שלחן־ליכט האבען זיך נאך שרעקליכע שאטען גע־ווארפען — אן אימה איז אויף אלע געפאלען, נאר נישט אויפ'ן צדיק!

— בלאז! — האט ער געהייסען. — —

און איך האב געבלאזען! די גאנצע נשמה איז מיר אריין אין די תקיעות!

— דעם שטן — גיט ער צו מיט א טרויעריגען שמייכעל — האב איך אפשר גובר געווען, נאר די ווייסע חברה — נישט! א חורבה איז געבליבען פון שטעדטעל!

ווער האט אויף זיי שליטה? סיידען — שופר של משיח!

— — — — — — — — — — — — — — — —

# נישט פאר'משפט.

## 1.

### אין פאדער־הויז פון עולם־האמת.

ענדיגען, מיינע ליעבע לעזער, וועט זיך די מעשה גאר אויף א הויכען ארט; אויף א געהויבענעם ארט, וואו טויט און לעבען זענען אויף משקלות — אין קרייז־געריכט.

פאר'ן רויט־געדעקטען טיש, מיט די גאלדענע טראבלען און קוואסטען...

פאר דאס אנהויבען הויבט זיך עס אן זעהר ארעם, זעהר שפל'דיג —

אין מושב זקנים;

איינגאנצען איין שטוב, מיט א פרייסישען ווענטעל אויף צוויי העלפטען אפגעטיילט — פאר זקנים באזונדער און פאר זקנות באזונדער (אין אונזער פרומער שטאדט באגראבט מען אפילו באזונדער!), האט יעדע העלפט א פענסטער צו דער גאס און א טיר צום הויף ארויס.

זיצען זיי (איין לייבל, דער געוועזענער שרכן, מיט פארגליווערטע פיס — ליגט), זיצען זיי, די פאראיינזאמטע זקנים און זקנות אינ'ם פאדער־הויז פונ'ם עולם אמת; פון דער גאנצער וועלט פארגעסען, נאר פון דער פרומער „צדקה" נישט פארלאזט, און צעהלען זייערע איבעריגע פארשאטענט־קריכעדיגע, טויבליך־בלינדע טעג און גרייטען זיך...

איינמאל — עס פאלט צו די נאכט.

דער משרת, וואס האט די מאלצייט געבראכט, האט די לאדען

פאַרמאַכט; געוואָרענט, מען זאָל, צו דער רעכטער צייט דאָס ליכט פאַרלעשען, און הינטער זיך די טיר פאַרמאַכט...

די זקנים און זקנות דערזופען מיט די בלאַסע ליפּען די פּיש־יויך, צודריקען, מיט די מיילער אָהן ציין, די ווייכע שטיקלעך ברויט, וואָס שווימען אַרום אין די טעפּלעך. (די געל־געוואָרענע „גרינע" דוואַשע, אַז אַמאָליגע גרינהענדלעריז, מאַכט נאָר מיט'ן מויל; נישט זי געדענקט, נישט זי זעהט אין סדור די גרעסטע אותיות, נישט זי הערט, ווי יענער בענטשט!) און באַלד זיך צו דער לאַנגער קריאת־שמע מיט'ן גרויסען „על־חטא" גענומען.

אָפּגעלייענט, אָפּגעקלאַפּט מיט די ציטעריגע פויסטען אין די מאַטע הערצער אריין און — געלעגט זיך (אויסער לייבל שרכן, וואָס ליגט) — קרעכצען...

און ביסלעכווייז — שנאַרכען און חלומ'ען...

חלומ'ט מען אַמאָל פון אַמאָליגע טעג. רופט זיך וועמען אַז אַלט מיחוש אַן, קרעכצט מען; פאַרבלאַנדזשעט זיך אין מידען מח אַ זכר פון אַן אַמאָליגען זומער־טאָג, גליטשט זיך דורך אַ שטראַל איבער אַ געדונצעלט פאַרמעטען פּנים... מערסטענטיילס אָבער חלומ'ט זיך י ע נ ע זייט, בייטען זיך שאָטען פון אימה ופחד: דער מלאך המות מיט זיינע טויזענט אויגען קומט צו חלום, די ריי־טער, די אייזערנע אין מלאך־דומה'ס האַנט, די וואָגשאָל פאַר'ן בית־דין־של־מעלה וויגט זיך פאַר די אויגען...

אַ דאגה, פאַרוואָס מען שרעקט זיך אין פאָדער־הויז פון עולם־אמת...

און אין גאַס פּלוצלונג:

— טראַך!

און געהאַקטע שויבען קלינגען...

— אוי־אוי! — וועקט זיך אַן אַלטער אויף.

הערט זיך נאָך פון גאַס, — אַ געלויפעריי, אַ געפייפעריי, און אַ געזאַנג:

„ברויט פאַר אַלע,—"
„די בעקער צוטריבען!"

און טראַך—! אַ געקלאַנג פון גלאָז!

„ליכט פאר אלע!“
„לאמטערען צושלאגען.“
„קיין גאנצער געבליבען!“

און נאך אמאל:

— טראך! און ווייטער געפלאצטע שויבען...

און נאך אמאל, און נאך אמאל, און אזוי איבער דער גאנצער גאס...

זענען שוין אלע וואך. זיצט מען מיט אראפגעהאנגענע פיס פון די בעטען און מען ציטערט.

איין גרינע דוואשע הערט נישט...

זיצען די מענער מיט ווייסע אויגען אין דער פינסטערניש אריין, אין טויט־שרעק איינגעהילט.

קלאפען די ווייבער, וואס ליגען ביים פריסישען ווענטעל, צו די מענער אריין:

— מאנספארשוינען, וואס טוט זיך עס אין גאס?

ענטפערען זיי נישט, די מאנסלייט, — עס קלאפט א צאן אן א צאן.

שרייען די ווייבער:

— מאנספארשוינען, איהר זענט דאך מאנספארשוינען, זאל ווער פון אייך ארויסגעהן, זאל ווער א לאדען עפענען און ארויס־קוקען!

— זאל עמיץ פון אייך זעהן, וואס אין גאס טוט זיך.

— די וועלט געהט דאך אונטער...

די מאנספארשוינען שווייגען.

לייבל דער לאנד־שדכן, וואס קאן זיך נישט אויפזעצען, זוכט מיט א פארציטערטער האנט שוועבעלעך, דאס ליכט, וואס שטעהט ביי זיין בעט, אנצוצינדען, און געפינט נישט.

נישטערט ער און ווארפט נאך אראפ דאס ליכט מיט'ן מע־שענעם לייכטער פון טישעל.

גיט א קלונג, גיבען זקנים וזקנות א ציטער, כאפט זיך אויף די לעצטע — די בלינד־טויבע גרינע דוואשע, און הויבט פלוצלונג אן זאגען: „גאט אברהם“; דאס איינציגע, וואס זי געדענקט.

שלעפט זי מיט זיך די ווייבער מיט; זאגען אלע מיט א ווזוי־קול, מיט שרעק און הארציגען געוויין: „גאט אברהם“.

גיסען זיך שטילע טרערען אפילו פון די מענער־אויגען.
און אין גאַס האַקט מען לאַמטערען מיט געזאַנג...
דערהערט זיך פּלוצלונג פון גאַס אַ טראַמפּיט — — —
די לאַמטערען־האַקער צושפּרייטען, צולויפען זיך. די טראַמ־פּיט קומט נעהנטער און נעהנטער. שווערע, שווערע טריט הערען זיך שוין פון גאַס... מען געהט און מען טרעט.
— סאָלדאַטען! — רופט זיך אָן לייבל שרכן, כמעט דער־פרעהט... זקנים און זקנות ווערען עטוואָס רוהיגער.
קאָמאַנדירט מען אין גאַס:
— נאַ — פּלע — טשאַ!
ווערט אַ געקלאַנג פון איבערגעלעגטען געוועהר. און די טריט דערווייטערען און דערווייטערען זיך, און פאַרהילכען ערגעץ, אין דער צווייטער, אין דער דריטער גאַס...
ווערט אין מושב זקנים שטיל און קאַלט...
ציהען די אַלטע לייט צוריק די פיס אין די בעטען אריין; ציהען זיי די קאָלדרעס זיך איבער די קעפּ און ציטערען שטילער...
ציטערען זיי אין דער פינסטער, און טראַכטען.
— וואָס קאָן עס זיין! וואָס איז געווען? וואָס וועט זיין?
און שלאָפען איינציגווייז איין אָהן אַ תשובה...
ערשט אין דערפריה האָבען זיי די תשובה באַקומען.
אויפגעוועקט האָט זיי אַ ווייטער שאָס; און באַלד איז דער משרת מיט'ן אָנבייסען אריינגעקומען, און געזאָגט:
— רעוואָלוציע!

## 2.

## אויפ'ן הויף, רעוואָלוציע מיט אַ גענזען־פּיפּיקעל.

איז אַ שעהנער, וואַרעמער טאָג, זיצט מען אויפ'ן הויף. העלפט דער משרת ארויסטראָגען דעם לאַנד־שרכן מיט'ן געלעגער, זעצט מען זיך ארום געלעגער.
לייבל, דער געוועזענער חברה־נושאים־שמש, אַ שטיקעל מיוחס אויף דער קוליע, זעצט זיך פון די עם־הארצים אביסעל אָפּ־

גערוקט, אבער אלע זיצען. אויסער, אז עמיץ קאָלערט זיך אין גאס אריין, א האנט אויסצושטעלען. היינט נישט: א סכנה.

דער משרת האט פאר'ן אוועקגעהן געזאגט:

— געוועלבער וועלען זיין פארמאכט. די טראמוויים וועלען נישט געהן. דראזשקעס — נישט פאהרען... עס וועלען זיין דער־מאנסטראציעס מיט רויטע פאהנען. און פאטרולען וועלען ארומ־געהן מיט אנגעלאדענע ביקסען און שיסען...

ווערט א זקנה בלאס:

— פארוואס?

פארוואס קומט צו שיסען?

פארבייסט דער לאנד־שדכן די ווייסע דינע ליפען:

— עס קומט!

— און מענשען — זאגט משה חיט שטאָלץ — שטעלען זיך איין דאס לעבען!

משה חיט איז דער אינגסטער .און דער געזינטסטער. איהם איז נאר א טאכטער אנטלאפען, דאס ווייב — געשטארבען, און די רעכטע האנט טריקענט איהם; ער קאן מיט דער נאדעל נישט פיהרען. אבער אזוי — נאך א גאנצער מענש.

— און וואס ווילען זיי, די מענשען דיינע? — פרעגט דער לאנד־שדכן פארביסען.

— איך ווייס, וואס זיי ווילען! — ענטפערט משה־חיט, און פינטעלט ארום מיט רויטליכע אויגעלעך און שמייכעלט זיך אין ציגען־בערדעל אריין.

זאגען וועט ער נישט. מישטיינס געזאגט: פגרים־מתים...

מאכט אבער דער לאנד־שדכן:

— או — הום...

דאס הייסט: ער איז מסופק, צי י ע נ ע ווייסען, ומכל שכן, צי משה־חיט ווייסט...

„וואלט ער אזוי געלינקט געווען, ווי ער ווייסט" — זאגט משה־חיט...

„אויף די בעלי־בתים געהט עס!"

און ער קאן זיך שוין נישט איינהאלטען:

— די רוצחים, דעם גאנצען עולם־הזה פארכאפט!

— אזוי? — מאכט דער לאנד־שדכן.

— עולם־הזה פעהלט איהם, דעם חיט! — קרימט זיך א זקנה..

— פארוואס נישט? — שפרינגט אויף משה־חיט — מיין נשמה איז א לעמעשקע? ב'קאן נישט פארדייען?
וואלט ער אזוי געלינקט געוועז!
און זעצט זיך צוריק, ווייטער ווארטשענדיג:

— אלץ האבען זיי צוגענומען, די מערדער! מיט פיש־יויך שפייזען זיי אונז... זיי קומט אלץ! — די הייזער, דאס געלט, די צירונג, די מלבושים...

ווער בויט הייזער? דער מולאר! ווער מאכט צירונג? דער גאלדשמיד! און מלבושים ווער מאכט?

— איך!

גיט ער א קלאפ אין דארען הארץ אריין, אז עס קלינגט אפ.
און דער לאנד־שדכן פרעגט:

— און געלט ווער מאכט?

משה־חיט ווערט ווי פארבליפט; לייבל דער געוועזענער חברת־נושאים־שמש שטאמעלט:

— די מ... מ... ממשלה.

שפרינגט אויף משה־חיט:

— אט דאס טויג טאקע נישט! — ווערט א צושראקען נע־מורמעל.

— צורודערט זיך...

— ס'מויל זאל איהם הינטען שטעהן.

— לאז שוין זיין געוונג!

דער לאנד־שדכן האט קיין חשק נישט:

— און די ממשלה, — זאגט ער, — שיסט!

זאגט דאס חיט'על בייזלעך:

— כל־זמן דער זעלנער פאלגט!

— דאס מוז ער! — רייסט זיך מיט אמאל פון אלע מיילער ארויס. — אויף דעם איז ער דאך סאלדאט!

גיט זיך דאס חיט'על נישט אונטער:

— וואס מיינט איהר, שוטים, בעלי־בתים דינען?

— זיי קויפען זיך אויס, די אכרוישים! —און גיט זיך ווייטער א קלאפ אין הארץ אריין: — מיר דינען! מען וועט שוין זעהן!

און די אויגען ווערען איהם נאך אנגעצונדענער, דאס צינגען־בערדעל ציטערט.

— דעם גאנצען עולם־הזה ועט מען זיי צונעמען...

און דער ניפטינגער לאנד־שדכן פרעגט:

— דו אויך? און וואס פאר אן עולם־הזה פעהלט דיר, טרו־קענע האנט!

פארטראכט זיך משה־חיים אויף א ווייל און צולאכט זיך:

— צינד?

— עס צופט — זאגט ער — ביים הארץ! און קלערט ווייטער און רופט אוים, וואס ער וואלט צינד געוואלט:

— א גענזען פיפיקעל!

— שכל האט ער! — מאכט דער לאנד־שדכן.

— קומט אלע מיט אמאל וואסער אין מויל אריין... — חזר'ען זיי איבער יעדער פאר זיך אין דער שטיל:

„א גענזען פיפיקעל — —“

די טויבע אפילו האט אויך דערהערט און מאכט מיט פייכטע ליפען:

— גענזען־פיפיקעל...

און לייבל, דער געוועזענער חברה־נושאים־שמש, זאגט אויך נאך:

— א גענזען־פיפיקעל...

ווערט אויפ'ס ניי א געמורמעל:

— עס צופט טאקע אין די גערערים...

— זאלען זיי אזוי לעבען, די בעלי־בתים, צי מען קאן אויס־קומען א זומער־טאג מיט'ן ביסעל פיש־יויך און די פיצלעך ברויט...

— און האלב גנב'עט אוועק דער משרת...

— לא'מען זיך טאקע דאס לעבען דערהאלטען!

— מיט'ן ריח אליין — וואלט איך מיר די נשמה דערכאפט...

און אויפ'ן ראנד פון קבר, א י ן פארערהויז פון עולם־אמת, האט זיך פלוצלונג אריינגעכאפט דער יצר־הרע. עס האט זיך צופלאקערט די תאוה צו עפעס גוטס... די ווייסליכע אויגען הויבען אן צו גלאנצען; די אראפגעלאזטע אונטערשטע ליפען — ציטע־רען, און די גענעצטע מיילער שרייען זיך הייזעריגליך איבער:

— א פיפיקעל... א פיפיקעל... אוי, א גענזען־פיפיקעל, אוי, א פעט גענזען־פיפיקעל... א שמעקענדיגס...

און די הענט ציהען דרייערס און צווייערס, און גרעשלעך פון קעשענעס און בוזעמס ארויס.

אבער — ווער וועט געהן? ווער וועט געהן?

— איך נישט! — זיפצט אפ דער לאנד־שדכן.

שרייט גרינע: איך!

וויל מען נישט:

— חס־ושלום! ז׳וועט נישט דערגעהן, וועט נישט דעררעדען... און ז׳וועט אינמיטען פארגעסען — אהן זכרון, א בהמה..

וויל משה־חיט געהן, וויל מען אויך נישט:

— מיט איין האנט — מיט א לינקער? ער וועט פארלירען! מען וועט איהם ארויסשטויסען...

רופט זיך ענדליך אן לייבל שמש:

— איכע...

אזוי רעדט ער.

ער איז דער עלטסטער, דער שוואכסטער, געהט אויף קוליעס... און עס ווערט א גערופעריי:

— יא, יא! ער איז א מבין!

— דער נארקיכער קען איהם און וועט איהם נישט נארען.

— אבער כמעט בלינד... — וויל עמיץ איינווענדען.

— קען די שטאדט אויסענוועניג...

— געהט דאך אויף א קוליע...

— זאל זיין א קוליע, אבי א מבין...

העלפט מען איהם, זיך אויפהויבען. דערלאנגט מען איהם די קוליע אין דער האנט אריין, און ער געהט; דעם קאפ, ווי ווייט מעגליך איז, אויפגעהויבען. מיט דער קוליע, נישט אהן גאוה, קלאפענדיג, און דער עולם רופט נאך:

— זעהט, זעהט! ער געהט!

— נאר קלייב אוים, לייבל!

— בעט איהם — א רעכט פיפיקעל.

— און איינפאקען זאל ער; אין א פאפיר —

— אין אסך פאפירען!

— און צובינדען מיט א שטריקעל —
— למען השם !...
— און פארליר נישט...

3.

## קאסטראמער גבורים און לייבל שמש.

דארף א קאמפאניע קאסטראמער, הויכע, ברייט־פלייצי־גע סאלדאטען געהען איבערפיהרען ארעסטאנטען פון צירסעל־גע׳עסט אין טורמע אריין.

שטעהען זיי, אויסגעשטעלט מיט שארף־אנגעלאדענע ביקסען פאר א יונגען אפיציר מיט שפיציגע וואנסעלעך און אויגעלער. וואס זאגט זיי אז, ווי אזוי זיי זאלען זיך באגעהן אויפ׳ן וועג מיט׳ן „ווגוטרענני ווראג !“

דער „ווגוטרענני ווראג“ — דער שונא פון אינעווענינ איז דער פאלאק און דער איד...

דער איד איז נאך געפעהרליכער !

באווייזט זיך א קוים־קוים־שמייכעלע אונטער די וואנסען פון די קאסטראמער ריזען : „אידעלער“ און „געפעהרליך“... ער־מא ! פליגעלעך אזוינע...

זאגט אבער דער אפיציער, אז „שדים שטעקען אין זיי !“...

קינדער פון וויגען געהען ארויס אויף דעמאנסטראציעס. אל־טע געהען ; פון די בעטען, פון די שפיטעלער ארויס !

אזא איינגעווארצעלטע שנאה ברענט אין זיי צו דער רוסישער מלוכה ; אזא פארקרעקטער האס — צו דער הייליגער צערקווע...

פליגען — און, אז מען דארף, ווערט פון זיי לייבען, טיגערען... זיי מאכען זיך נאר שוואך, ווי ביים „פריזיוו“, פארשטעלען זיך אזוי, א כיטרע פאלק די אנטי־קריסטען !

און — מיט באמבעס געהען זיי !

ווערען שוין די פנימ׳ער פון די ריזען פינסטער. הילען זיי זיך אין שטרענגע שאטען איין. אין די קינדערישע אויגען צינדען זיך שלעכטע פייערלעך אן ; דריקען די לאפעס די ביקסען פעסטער.

און קאמאנדירט מען:

— מארש!

נעהען זיי מיט פעסטע טריט און נאך א פעסטערען ווייסען וואס צו טון...

נעמען זיי אפּ ארעסטאנטען פון צירקעל: אלט און יונג, פרויען און קינדער — און פיהרען זיי, ערנסט און שטיל־שווייגענדיג, און נישט אינגאנצען אהן שרעק, איבער דער גאס צו דער תפיסה—

קומט אקעגען א איד, גלאצט מען די אויגען אויס:

„ווי שטיל ער געהט... ער טאפּט מיט די פיס, ווי מיט הענט, ער שלייכט זיך.. ער האלט עפּעס אין ביידע הענט; און אזוי זאכט... און אזוי ווייט פון זיך"!

גיט מען איהם א רינגעל־ארום מיט אמאל — — —

זאגט דער פיהרער:

— גיב אהער!

לייבל פאלגט נישט.

וויל מען נעמען, ער לאזט נישט! רייסט מען, לייבל שמש ראנגעלט זיך:

— מאיע, מאיע, שרייט ער — ראזבאיניקי!...

קוים די בלינדע אויגען האבען דערזעהן, אז עס זענען סאלדא־טען. וויל ער שוין אוועקווארפען דאס פעקעל, דערהערט ער ערשט אן אנגסט־געשריי:

— ניע בראסיי!

גיט ער א צאפּעל און קריגט מיט א שטיק אין דער נאז...

פיהרט מען איהם, מיט די ארעסטאנטען צוזאמען, מיט'ן אראפּגעהאנגענעם נאז־פּליגעל, צוריק אין צירקעל אריין...

לעגט מען דאס פעקעל אויף א גרינעם טיש און מען שיקט נאך סאפּיארען...

קומען זיי, טרעטען אלע אפּ. בינדען די סאפּיארען זאכט דאס שטריקעל אפּ, עפענען דאס פעקעל מיט פארציטערטע הענט און געפינען, איהר ווייסט שוין וואס...

## נישט פאר׳משפט.

מאכט מען א פראטאקאל:

— נישט געפאלגט דעם פאטרול... געוועהרט זיך... באליידיגט דעם פאטרול: „ראזבאיניקי“ געזאגט.

פון פיפיקעל קיין ווארט נישט דערמאנט; איינגעשלונגען, נישט געווארען!

און מען האט געשריבען, גע׳חתמ׳עט. אוועקגעשיקט, וואו מען דארף... לייבלען, וואס א דאקטאר האט פארנעהט דעם נאז־פלינעל, האט מען אויך אפגעשיקט וואו מען דארף.

נאך עטליכע חדשים, קומט זיך דאס אלץ צוזאמען אין „סוד“...

לייבל, די קאסטראמער: צוויי פון זיי אלס היטער, די רעשט אלס עדות און — דער פראטאקאל...

אלץ—אויסער דעם פיפיקעל.—

זיצען ביים רויטען טיש די אדונים שטרענג.

פרעגט דער פרעדסיעדאטעל:

— ביסט מודה?

שווייגט לייבל... ער הויבט נישט אן צו פארשטעהען.

ברומט א סודיא:

— ער וועט נישט ענטפערען!

דער קטיגור:

— פארקרעקט!...

הערט מען אויס די עדות...

זאגען זיי: טאק טאטשנא!

„עפעס א פעקעל געטראגען... נישט געפאלגט... געהאמפערט זיך... געזאגט: „ראזבאיניקי“...

פרעגט דער סניגור, דער אדוואקאט הייסט עס:

— וואס פאר א פעקעל?

זאגט איין עדות:

— כ׳ווייס נישט... אפגעגעבען אין צירקעל.

— וואו איז עס אהינגעקומען?

ברומט א סודיא:

— אידעלעך — ארויסגע׳גנב׳עט...

און דער פראקוראר:

— דערויף זענען זיי שוין בריה׳ס!

ווייל דער אדוואקאט ווייטער פרעגען, ווינקט זיך דער פרעדסיעדאטעל איבער מיט די חברים, און זאגט שטרענג:

— דאס געהערט נישט צו דער זאך!...

— נישט דאס צירקעל ווערט גע׳משפט! — זאגט ער.

לאזט דער אדוואקאט דעם קאפ אראפ און הויבט אן צו בעטען רחמים:

— רבותי, איהר זעהט דאך: אן אלטער...

ברומט מען:

או—הו! די שנאה וואקסט מיט די יאהרען!

און מען צוואווערטעלט זיך: דער מליץ יושר מיט׳ן פראקורר:

— אויף א קוליע... — זאגט דער אדוואקאט.

— אזוי קומען זיי צום פריזיוו אויך! — לאכט דער פראקורר.

— און טויב איז ער, און בלינד —

— געמאכט... גאנץ אידישליך...

— א האלב טויטער!...

לאכען שוין אלע...

ווערט שוין דער אדוואקאט בייז. ער איז דאך עפעס אויך א מענש מיט א דעה, — גיט ער א געשריי צו לייבלען אויף רוסיש:

— ע, זשיד, פאדנימי סוואיו פאלקו...

פארשטעהט דאך לייבעל נישט א ווארט, רופט מען צו א מבין אויף אידיש-לשון, זעצט ער איהם איבער:

— מען הייסט, לייבל, דו זאלסט אויפהויבען די קוליע דיינע.

מוז ער.

האט ער דאך אבער קיין כח נישט, ציטערען איהם דאך די הענט, און די קוליע איז א שווערע... שלעפט ער, אז מען הייסט!

שלעפט ער און הויבט, און הויבט און גיט מיט אמאל א פאל
אנידער...

— — — — — — — — — — — — — — — —

קורץ און בקיצור:
מען האט'ם נ י ש ט פאר'משפט!

# דער שבת־גוי.

## קאפיטעל 1.

עולם־הזה פון קארענעם שקעטאלע.
אלערליי ציין. א שווענקעכץ.

**דער בעלעמער רב — אן אפגעריבענע ספאדיקעל, אפגעריסענע** לאסטיגענע קאפאטקעלע; א קליין אידעלע מיט אן אפענעם גרגרת׳ל און לאכענדיגע גרויע אויגעלעך אין איינגעשרומפענעם פנימ׳ל — דאס גרייז־גרויע פרעהליכע רב׳ל הויבט זיך אויף, צווישען איין סוגיא און דער צווייטער, פארדעקט די אפענע גמרא מיט די שפא־קולען פון דער נאז אראפ, וליתר תוקף ועוז, — מיט דער פאמשיילע פון בוזעם ארויס, — און נעמט זיך, לשם תענוג — צו זיין ביסעל עולם הזה — צום קארענעם טאביק־שקעטעלע.

א שמח בחלקו און א מענש אהן א גאל, שמייכעלט ער צום שקעטעלע, און קלאפט אן מיט די קליינע פינגערלעך אן דעקעלע, פויקענדיג און פרעגענדיג:

— פאראן אביסעלע?

און אז דאס שקעטעלע ענטפערט דעמפינליך:

— פאראן אביסעלע, פאראן!

עפענט ער עס מיט הרחבה אויף, נעמט מיט די קליינע פינגער־קישעלעך אביסעלע פונ׳ם ביסעלע און טראגט צום נעזעל צו, און גיט א קליין שטאפעלע רעכטס, א קליין שטאפעלע לינקס, און נאך אמאל אזוי, ווערט איהם ליכטיג אין די אויגעלעך, זאפט זיך מיט נחת אן דאס הערצעלע, לאזט ער זיך איבער דער בית־דין שטוב, ממש טאנצענדיג, גיט ער אפ א שבח דעם בורא עולם, ממש זינגענדיג:

— אי־אי־אי, גאטעניו. א גוט וועלטעלע דו האסט עס באַ־שאפען!

און ווארפענדיג פון פענסטערל א בליק אין מארק אריין, ווע־רען איהם די אויגעלעך פייכט.

— וואס פאר א פיינע בריאה'לעך עס דרעהען זיך אויף דיין וועלטעלע ארום! אידעלעך און, להבדיל, א נ ד ע ר ע... אי־אי־אי! מענשען גאלדענע, סאמעטענע, זיידענע...

פאלט עמיץ פלוצלונג אריין:

— רבי, געוואלד!

דערשרעקט ער זיך:

— וואס איז דיר געשעהען אזוינס, יענקעלע?!... יענקעלע?

ער קען איהם! גאנץ כעלם קען דער רב, כמעט ביי אלע סנדק געווען... און אז ער דערזעהט א צובלוטיגט מויל ביי יענ־קעלען:

— אוי, אוי, יענקעלע, ווער האט דיר שלעכטס געטאן, יענ־קעלע?!

זיצט שוין יענקעלע אויף דער באנק פון פאר'ן בית־דין־צרק־טיש, מיט די הענט די פארבלוטיגטע באקען צוהאלטענדיג, און וויגט זיך, ווי אן אומרוה רעכטס און לינקס אין דער ברייט, זאגענדיג:

— אוי, דער שבת־גוי, רבי! דער שבת־גוי!

גאפט ער דער כעלעמער רב:

— ווי קומסט דו אין דער וואכען צום שבת־גוי, יענקעלע?!

— א באשערטע זאך, רבי־לעב... כ'געה, איבער'ן מארק געה איך מיר... ווי מיינט איהר, רבי־לעב? ליגט מיר אין זין דער שבת־גוי? טראכט איך פון א שבת־גוי? וועגען פרנסה טראכט א איך; מיט לעדיגע הענט וועל איך קומען אהיים! וואס וועט די פלונית'־טע, טראכט איך, זאגען... די ארורה מיינע... איהר קענט דאך זי, רבי־לעב! קומט ער אקעגען, דער שבת־גוי. דערזעה איך איהם, שכור־ניסלעך קנאקט ער זיך... און עפעס קונציג אזוי — א ווארף מיט דער האנט דורכ'ן אויר, פונקט אין מויל אריין, א קנאק, און ווארפט שוין מיט די ליפען רעכטס און לינקס די שאלעכצער. האב איך מיך אפגעשטעלט, קוק איך אויף זיין בריה'שאפט.

גלייכט ער זיך אוים מיט מיר, זאגט ער:

— יענקעלע, עפען ס'מויל, יענקעלע!...

מילא, בעט א גוי, עפעז איד... און געמיינט האָב איך, רבי'ניו,
ער וויל מיר שכור־ניסלעך וואַרפען אין מויל אַריין, — עפּעז איד
— נעמט ער, רבי, די פּויסט און גיט מיר אַ זעץ אין די ציין
אַריין!

צואוויינט ער זיך נאָך מעהר, יענקעלע!

— אוי, דער רוצח, דער רוצח...

איז עס אבער דעם בעלעמער רב נישט ניחא.

נעהט ער נעהנטער צו און מוסר'ט איהם:

— דאָס האָב איך נישט ליעב, יענקעלע! ווי זאָגט מען עס.
גלאַט אַזוי, אויף גאָטס אַ באַשעפעניש — רוצח?!...

— ער האָט מיר דריי ציין אויסגעהאַקט! — צוכליפּעט זיך
יענקעלע, ווייזענדיג די ציין.

קוקט דער רב און שאָקעלט מיט'ן קעפּעלע און זאָגט, נישט
גלויבענדיג:

— זאָגט דעם אמת, יענעקעל, ס'איז ד י י נ ע ציין?

— וועמעס דען, רבי? נאָט, רבי, זעהט!

און ער עפענט דאָס מויל און ווייזט איהם די לעכער...

קוקט דער רבי און גאַפט:

— הפלא ופלא, — זאָגט ער נאָך אַ ווײַלע, — אַ איד זאָל
האָבען אַזוינע ציין...

— אַ וואָסערע דען ציין האָט אַ איד? — פרעגט יענקעלע
אביסעל שוין דערשראָקען.

— נאַ, זעה! — ענטפערט דער רב און ווייזט איהם זיין
אַלט מעבעל אין אַלטען מויל — אַנדערע האָבען לחלוטין נישט קיין
ציין, סיי־ווי־סיי, נישט אַזוינע ציין! כ'בין דאָך נישט קיין הייג־
טיגער, נישט געזעהן אַזוינע ציין ביי אַ איד אין מויל!

און קלערען זעצט ער זיך דער רב; צוויי שאלות מיט אַמאָל:

— ווי קומען אַזוינע גרויסע געזונטע ציינער צו אַ איד?

— און — דער שבת־גוי, וואָס האַקט ער עס אין פרעמדע ציין
אַריין?

קלערט ער און קלערט, ביז ער שפּרינגט אויף:

— אהא!

דאָס הייסט — דערגאַנגען:

— האָ בהאָ תליא, יענקעלע! איינס אָן צווייטען ווענדט זיך

עס... דו זאגסט גלאט אין דער וועלט אריין „רוצח!" אויף גאטס באשעפעניש — „רוצח"! נישטא קיין רוצחים. עס זאלען זיין רוצחים אויף דער וועלט, וואלט די וועלט, חס־ושלום, קיין קיום נישט געהאט! אלא מאי? א מעשה שהיה פארצעהלסט דו דאך, און איך גלויב דיר, און איך זעה דאך די אויסגעהאקטע ציין, איז די מעשה, פארשטעהסט דו מיך, אזוי —

און ער כאפט אביסעל אטעם און פארטייטשט:

— שולדיג, יענקעלע, זענען טאקע דיינע ציין!

שפרינגט יענקעלע אין דער הויך:

— היתכן, רבי, מיינע ציין? און דער ערל?

— גאר אינגאנצען פטור איז ער נישט, דאס, יענקעלע, זאג איך נישט! דער עיקר חיב אבער זענען דיינע ציין, דאס הייסט: נישט דיינע ציין...

— וואס טייטש?

— לעג צו קאפ, יענקעל! דער ערל איז בטבע א מזג־טוב... שכור־ניסלעך געהאט, דיך דערזעהן, האט ער דיך באמת געוואלט מהנה זיין, מכבד זיין... „עפען ס'מויל!", זאגט ער... אריינוואר־פען וויל ער: זיי האבען דאך ליעב וואילטאג און קינצעלעך! אבער אז דו, יענקעל, האסט געפאלגט, און ער האט דערזעהן גאנצע ציין, זיינע ציין, הייסט עס, אין דיין מויל... פאר־שטעהסט דו דאך: אז „אינו ישראל", אין דיין מויל זיינע ציין, ווערט ער אונטערגעצונדען, וואס זאל ער טון? זעצט ער מיט דער פויסט!

— פאלג מיך, יענקעלע, — ענדיגט דער רבי, — מאך קיין עסק נישט דערפון... געה אהיים צו דיין פלונית'טע, זאג איהר, איך האב געהייסען, בפירוש געהייסען, זי זאל דיר מאכען א שווענ־קעכץ פון פייגען...

פאלגט יענקעלע, געהט אוועק, און דער רב רופט איהם נאך:

— און דאס אנדערע מאל, אז אן ערל הייסט דיר עפענען דאס מויל, עפען אביסעלע... נישט מעהר ווי אביסעלע, א שפאַ־רעלע! ער דארף גארנישט זעהן, אז א איד האט ציין...

## קאפיטעל 2.

**נאך אמאל קלעפ. דער רב וויל מתפלל זיין אויף א האלב ברויט. אן עצת טובה.**

נעהט דער בעלעמער רב צו זיינע סוגיות צוריק, לערענט געשמאק און שעפט נחת פון דער הייליגער תורה. און כאפט פון צייט צו צייט אביסעלע פונ'ם ביסעלע עולם־הזה אינ'ם קארענעם שקעטעלע... און דאס הארץ פון תענוג וואקסט!

— אוי, א וועלטעלע, א וועלטעלע...

און ווארפט ווייטער א בליק, דורכ'ן פארגרינטע אלטע שיי־בעלע, פון פענסטערל אין בית־דין־שטוב, צום מארק ארויס...

— און מענשעלעך, גאטעניו, סאמעטענע, זיידענע...

ענדינט ער די שבחים נישט. ווייטער ארייגעפאלען יענקעלע. נאך קיין חודש נישט אריבער.

נאפט ער, דער רב:

— וואס ס'האט זיך מיר גע'חלומ'ט די נאכט, יענע נאכט.

— וואס איז ווייטער, יענקעלע?

— דער שבת־גוי! רבי, אלץ דער שבת־גוי! — שרייט יענקעלע, — און פאלט אויף דער באנק אנידער.

מוסר'ט איהם דער רב מיט ליטוועליגקייט:

— א פגע־רע דו ביסט, יענקעלע! וואס קריכסט דו אלץ צום שבת־גוי? קיין רוצח, חלילה, איז ער נישט, אבער גלאט אזוי — נאר וואס טויג עס דיר?

— פון הינטען איז ער מיר אנגעקומען, רבי'ניו... — פארענט־פערט זיך יענקעלע — פון הינטען, רבי־לעב! איך געה מיר דורכ'ן געסעל, רבי'ניו, אהיים... א ברויט האב איך פאר מיין הויזגעזינד געטראגען, פאר ווייב און קינדערלעך א ברויט געקויפט, זיין ליע־בער נאמען האט א ברויט באשערט! אונטער'ן ארעם טראג איך עס... קריג איך פלוצלונג הינטען־ארום א זעץ אין קאפ אריין, בין איך אומגעפאלען, חלש איך, האב איך מיך קוים אויפגעכאפט, — זעה איך, געהט דער שבת־גוי אוועק מיט'ן פולען מויל און קייט.

און דאס ברויט ליגט מיר פאר די פיס אפגעביסען — נאט, זעהט, רבי'ניו — אוי, דער קאפ, דער קאפ! —

און ער ווייזט דאס ברויט דעם רב און כאפט זיך אן ביים קאפ.

באטראכט דער רב דאס ברויט און זאגט:

— דער קאפ איז א קליינינקייט, פון א זעץ, חלילה, שטארבט מען נישט! אבער זעה, יענקעלע, ווער האט רעכט געהאט?

— אט זעה — ציין! אן ערל, זעה, האט ציין! זעהסט? א ביס, און מיט אמאל א העלפט פון ברויט! איך וואלט עס נישט גע־קאנט!...

— יא, רבי! — איז מודה יענקעלע, — אבער מיט'ן רוצח וואס וועט זיין?! בעלעם איז אין סכנה!

בלאזט דער רב פאר זיך:

— אי—י—י!

— און מיין נישט, יענקעלע, — ווענדט ער זיך צו איהם — אז איך האב קיין צער נישט דערפון... איך ווייס, וואס א האלב ברויט, ביי אזא איד ווי דו, מיט אזוי פיעל מיילעכלעך אין שטוב, באטייט... עס וועט דיר טאקע, נעבעך, פעהלען... עס זאל זיך ווענ־דען אן מיר, זאג איך דיר בהן צדקי, איך וואלט בפירוש געהיי־סען, קהל זאל דיר אפקויפען א האלב ברויט... פארוואס נישט?... טאקע ארעם קהל, אבער — א איד האט היזק געהאט און פון אלע־מענס שבת־גוי! און א האלב ברויט איז גלאט קיין סכנה נישט... קהל ווערט נישט בדלות... ווייסט דו דאך, איך האב קיין דעה נישט...

צושרייט זיך יענקעלע:

— אזוי?... הייסט עס, לית דין ולית דין... דער רוצח וועט ארומגעהן פראנק און פריי!

— רוצח, — ענטפערט דער רב געלאסען, — איז פארט לאו דוקא... כ'האב דאך דיר איינמאל שוין געזאגט: די וועלט וואלט, חס ושלום, קיין קיום נישט געהאט! נישטא קיין רוצחים... אלא מאי? פרעגסט דו? שולדיג, זאג איך דיר, יענקעלע, איז דאס ב ר ו י ט! „על פת לחם — שטעהט אין די ספרים, — יפשע גבר.“ קענסט דאך די קליינע אותיות — א מענש זינדיגט איבער א ביסעל ברויט!... און שוין: א איד איז עובר אויף „לא תחמוד“...

אמאל אפילו אויף „לא תגנוב"... א גוי, להבדיל, אויף „לא תגזול"... אמאל טאקע אויף „לא תרצח" אויך, אבער נישט פון דער טבע... אלץ דאס ברויט! דו ווייסט גארנישט, יענקעל, א יצר־הרע עס שטעקט אין ברויט. הנע בעצמך, זאג אליין, יענקעלע, ווען נישט דאס ברויט, וואס וואלט געארט א שבת־גוי, אז יענקעלע דרעהט זיך ארום אויף דער גאס, שפייזט זיינע עופ'לעך און לויבט גאט? הא? אבער, אז מען דערזעהט ברויט... אז יענקעלע טראגט א ברויט! יא, יענקעלע — פארשטעהסט! צוקיי עס גוט!...

און דער רב געהט צו, לעגט יענקעלען די הענט אויף די אקסעל און זאגט מיט גרויס רחמים:

— ווייסט דו וואס, יענקעלע? דו ווייסט דאך, איך בין אן עניו, בטבע אן עניו... און האב נישט ליעב יענע זאכען... פונדעסטוועגען, דיר וועל איך עס טון, דיר צוליעב! און, ווייסט דו וואס? איך וועל מתפלל זיין אויף א האלב ברויט פון דיינעטוועגען!

— א דאנק, רבי'ניו! — שפרינגט יענקעלע אויף דערפרעהט, און וויל ארויס פון שטוב.

— נאר הער, יענקעלע, — שטעלט איהם נאך אפ דער רב, — מעהר זאלסט דו קיין ברויט, וואס זיין ליעבער נאמען וועט דיר באשערען, אפען און בפרהסיא נישט טראגען; מען דארף נישט אויפרייצען דעם יצר־הרע. האסט א פאלע — פארדעק!

## קאפיטעל 3.

א ווייב מיט א קאטשובע.
א מעשה פון הינטער'ן באד.

געהט יענקעל בארוהיגט אוועק פון רב, און קומט נאך א קורצער צייט צוריק מיט געוואלד צום דריטען מאל, און וויימער דער שבת־גוי.

— דאס איז שוין — זאגט דער רב — למעלה מן השכל. א איד זאל זיך במשך פון איין זמן טרעפען דריי מאל מיט א שבת־גוי — און דערביי דריי מאל געשלאגען ווערען! עס לעגט זיך גאר־נישט אויפ'ן מח!

— עס שטעקט עפּעס דערינען! — זאָגט ער — און ער קנייטשט איין דעם שטערן און הויבט אָן חוקר ודורש צו זיין:

— האָסט איהם געוויזען ציין?

— חס ושלום, רבי! אז איהר האָט נישט געהייסען?!

— געהאַלטען ברויט בפּהרסיא?

— ווער ברויט, ווען ברויט, רבי?

וואָלט ער געהאַט ברויט, וואָלט ער גאָר צו דעם אַלעם נישט געקומען... ער איז אהיים געגאַנגען א ה ן ברויט... האָט איהם די פּלונית'טע באַגעגענט מיט דער קאַטשיובע... איז ער אַנטלאָפען, איז זי איהם נאָכגעלאָפען... איז ער פון דער שטאָדט אַרויס, צום באַד געלאָפען... א אידענע, פון שטאָדט אַרויס לויפט זי נישט... קומט ער בשלום הינטער באַד אַרונטער, ליגט דער שבת־גוי אין גראָז; שפּרינגט ער אויף, דער'הרג'ענען וויל ער איהם. אויפ'ן סאַמעראַדנע טויט, זאָגט ער! און שלאָגט, — קוים זיך אויסגעריסען...

— ווייסט דו וואָס, יענקעלע, — מאַכט שטיל דער רב, נאָך א פאַרקלערטער ווייַלע, — וועסט מיר מוחל זיין, איך גלויב נישט!

כאַפּט יענקעלע פון זיך אַראָפּ די קאַפּאָטע:

— רבי, אַזוי גרוים גאָלד, ווי גרויסע צייכען בלויע...

און וויל זיך אויסטון אינגאַנצען; לאָזט נישט דער רב:

— שוטה'לע, נישט דאָס מיין איך, — מאַכט דער רב, — דאַרפסט דיך גאַרנישט אויסטון... לשיטתי געה איך נאָך. איך קאָן גאַרנישט גלויבען, דער שבת־גוי, — גאָטס א באַשעפעניש, זאָל גלאַט זיין א רוצח! א רוצח דאַרף גאַרנישט זיין במציאות... און זאָג אַליין, יענקעלע, היכא דמי, — רוצח? דו וואָלסט געקאָנט זיין א רוצח?

יענקעל זאָגט: ניין!

— איך אויך נישט! — זאָגט דער רב.

און פאַרטראַכט זיך, און כאַפּט זיך נאָך א ווייַלע אויף:

— אהא.

„דערגאַנגען!" הייסט עס, און ער צושמייכעלט זיך און זאָגט:

— ווייסט דו וואָס, יענקעלע? ! הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען!

און ער שטעלט זיך אויף, און זייערט מלה במלה:

„הינטער'ן באד, זאג איך דיר, יענקעלע, מוז זיין דער ארט, וואו קיין, ווי אין דער תורה הקדושה שטעהט, האט געטוים זיין ברודער הבל. —

און דער ארט, האבען מיר א קיימא־לן, איז מסוגל לרציחה, בפרט. איז עס א סכנה פאר א בן־נח, וואס קאן זיך בטבע נישט איינהאלטען" —

עפענט יענקעל מויל און אויערען:

— א!

— וואס? — שמייכעלט דער רב — עס לעגט זיך אויפ'ן שׂכל? מן הסתם, אז איך זאג זאג איך! א מכה־שולדיג איז דער גוי! פאלג־זשע מיך, יענקעלע, מאך דיר נישט דערפון. ווילסט דו, רוף א פעלדשער, אניט לעג אליין צו קאלט וואסער. און שבת, איך ויש מיך אפילו נישט אין קהל־זאבען, אבער בשעת סכנה — שבת, אם ירצה השם, לאז איך אויסרופען אין שול אין בית־המדרש, דער עולם זאל ווייכען דעם הינטערן־באד! און אפשר וועלען די בעל־בתים איבערטראגען דעם גאנצען מרחץ... אין שטאדט אריין, אין מארק אריין... נישט גלייכער, וואס? איז עס אבער שוין נישט מיין זאך! א גוטען טאג, יענקעלע...

## קאפיטעל 4.

די אסיפה. יענקעל מוז אוועק.
דעם שבת־גוי — הוספה.

איז אבער נישט אוועק קיין גאנצער חודש און יענקעל איז געקומען נאך אמאל...

די ציין נ י ש ט געוויזען, קיין ברויט נ י ש ט געטראגען, הינטער'ן באד נ י ש ט געווען, און צובראכענע ביינער האט ער. —

הינטער דער שול האט ער איהם דערטאפט, דער שבת־גוי...

מוז שוין דער רב מודה זיין:

— אוי, א גזלן! טאקע ממש א גזלן!

און „א סכנה פאר גאנץ כ ע ל ע ם..."

— פאר מיר, למשל, נישט, איך קום ניט ארוים מפתח ביתי... נאך וואס? אבער — גאנץ קהל!

— ווארים — זאגט ער — וואס ביסטו עס מער פון אן אנדער בעלעמער איך? דו הייסט יענקעל, אן אנדערער הייסט גרונם; אין נאמען ווענדט זיך עס נישט. און איך ווייס גארנישט, צי דער שבת־גוי ווייסט, ווי עמיץ הייסט? ווי עס רופט זיך דער, ביי וועמען ער נעמט די לייכטער אראפ...

— מוז מען שוין — זיפצט ער אפ — אן אסיפה מאכען...

יא...

— און ווייסט, דער עיקר, פארוואס איך האב מורא, יענקעלע?

— פארוואס, רבי?

— פאר'ן יום־כפור'דיגען פאר־נעילה!

אז ערל קומט אין שול אריין, אנצינדען די נעולה־ליכט, קאן ער חרוב־מאכען בעלעם. אומברענגען, חס־ושלום, די גאנצע קהלה מיט אמאל!

און ליעב האט ער, — דער רב, „אומר ועושה"!

שבת העננגען שוין אין מקום קדוש קוויטלעך גרויסע, מיט אותיות שרייענדיגע:

אן אסיפה וועט זיין! א סכנה פאר דער שטאדט!

א סכנה — קומען זיך צונויף די קארפען־קעפ, איילען זיך די טיזליקעס, זיצט מען קאפ אויף קאפ — —

— זאגט־זשע, וואס, רבי־לעב...

— זאל יענקעלע, — זאגט ער — דערצעהלען.

זאגט יענקעל זיין עדות. דערצעהלט דער רב, ווי עס איז איהם אפגעפאלען א סברא נאך סברא... און אז גערעכט איז געבליבען יענקעלע — —

— א רוצח, — שרייט יענקעלע, - א רוצח!

ציטערט „א פיש אין וואסער"...

— וואס־זשע טוט מען, רבי'ניו?

נישט לאנג ווארטען לאזט דער רב, און זאגט אזוי:

— איך זאל — זאגט ער — האבען א דעה ביי קהל... מען זאל מיד באמת פרעגען, וואלט איך אזוי געזאגט:

יענקעל זאל קודם כל, און טאקע באלד מארגען, אם ירצה

חשם, און נאר באגינעז טאקע ערגעץ אוועק... וואָרים אויף איהם האָט ער שוין א חזקה, דער שבת־גוי... מעהר ווי א חזקה, א כיוון־דרש...

ולהשים אפו, כדי מציל צו זיין קהל פון סכנה, זאָל מען דעם שבת־גוי נעבען הוספה:

א נ ר ע ס ע ר שטיק קוילימש, צ ו ו י י ט ר י נ ק ב ר א נ פ ע ן, איך ווייס? אולי ירחם!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

איהר לאכט?

און דאָך שטעקט אין יעדען פון אונז א שטיק בעלעמער רב!

# די אכטע אפטיילונג אין גיהנום.

---

מיר, פארמאטערט ליג איך אויף מיין געלעגער און וויל זיך דערמאַנען, ווי אזוי דאס האט פאסירט:

אויף א פארזאמלונג בין איך געווען, א רעדע געהאלטען.

פלאם־פייער האב איך געשיט! מיט פיילען געשאָסען... ווי מיט א בלויזען, שארפען שווערד האב איך דעם עולם געפּאַכט!

און איך רעד, און איך הער מיך צו צו מיינע רייד; און האב נחת פון זיי! איך בין דער העלד, האלט מלחמה פאר אלץ, וואס איז שעהן און גוט. איך בין דער קעמפּער פאר פרייהייט און פאר אלע גוטע, זיסע און שעהנע זאכען, וואס ערווארטען אונז אין דער ווייטער צוקונפט, וואס קומט דאך אלץ נעהנטער און נעהנטער צו אונז!

און איך רייס ארונטער די מאסקע פונ'ם שקר און שטעל איהם צום שאנד־זייל; איך רייס פון איהם אראפּ די קליידער פון לייב, און שטעל איהם בלויז — פול קרעץ און וואונדען...

מיט אמאל דאך בין איך פארשטוויגען געווארען!

די קראפט איז אפּגעשוואכט, דאס פייער אויסגעלאָשען, און די צונג אין מויל איז א שטיק בליי געווארען.

וואס איז מיר אזוינס געשעהען?

רעדענדיג, האב איך, נישט ווילענדיג, די אויגען אויפגעהויבען, און אנטקעגען מיר איז א שפּיגעל געהאנגען. און איך האב מיך דערזעהן, מיינע אויגען דערזעהן: א שלעכטער גלאַנץ ברענט אין זיי, א מאַרנע פייערל. גאַרנישט מיינע אויגען! און דאך באַקאנט זענען זיי מיר. אמאל האב איך אזעלכע אויגען געזעהן.

ערשט איצט דערמאַן איך זיך, ווען.

אין א קאזארמע האט מען א זעלנער געשמיסען. זיינע ברידער, די סאָלדאטען, וואס האבען די שמיץ געגעבען, האבען אזעלכע אוי־גען געהאט, און די אויגען האבען געזאגט: היינט שמייסען מיר דיך, מארגען וועסט דו אונז שמייסען — און מיר שמייסען שוין פאר מארגען אויך!

אין שפיגעל האב איך מיך דערזעהן! נישט ווי א צוקונפטס־העלד האב איך אויסגעזעהן, נאר ווי א געשמיסענער, וואס שמייסט!

פארשווינען בין איך געווארען... און די צוהערער? זיי האַ־בען פריי אויפגעאָטעמט; זיי איז אראפּ א שטיין פון הארץ!

אזוי ווי די בהמות אין פעלד נאך א שרעקליכען האגעל האַ־בען זיי זיך געפיהלט! ווי קינדער, וואס זיצען אין דער פינסטער, אז מען ברענגט זיי פּלוצלונג א ליכט אריין! ווי היינקעדיגע, וואס שטעהען אומבאהאָלפענע אנגעשפּארט אַן וואנט, אז מען דערלאנגט זיי די קוליעס, וואס זיי האבען אראפּגעלאזט און קאנען זיך פריי באוועגען.

און א יונגערמאן כאפּט אָן זיין פריילין ביי דער האנט און פרעגט: „ערלויבט יעצט? ערלויבט?" און זי שאָקעלט מיט איהר שעהנעם קאפּ און ענטפערט מיט א זיסען שמייכעל: „ערלויבט! ערלויבט!"

און איך בין פון דער אסיפה אנטלאָפען.

---

מיד און צובראכען ליג איך אויף מיין געלעגער. די לבנה שווימט און קוקט צו מיר אין פענסטער אריין.

דער שיין פון דער לבנה, זאגט מען, איז מסוגל צו חשבון הנפש, צום אריינקוקען אין זיך אליין... איך שפּיי דערויף! קאן איך נישט אויף דער לבנה, שפּיי איך צו דער סטעליע...

אבער וואס איז דאס?

צוויי אויגען שווימען ארוים פון דער וואנט און קוקען.

א כשוף־מאכערין די לבנה! איינס פון איהרע קונצען...

אבער וועמעס אויגען זענען דאס?

זענען דאס די אויגען פון די זעלנער, וואס שמייסען זייער ברודער, אדער די אויגען פון די, וואס פלעגען מיך אפּהאלטען

אויפ'ן וועג פון איין מיראדזש צום צווייטען און פרעגען: ווילסט נישט א גלאז וואסער?

און די אויגען קוקען אויף מיר נישט מיט כעס און נישט מיט קיין באזונדערען חן. ארום זיי באוועגט זיך א ווייס, בלייך פנים. אט שווימען נאך ארויס א באָרד און פאות ווי שניי, א ספאדיקעל... ענדליך א גאנצער קאָפּ...

— ווער זייט איהר, רב איד?

הערט ער נישט.

— ווער זייט איהר, אלטער?

באוועגט זיך דער שאָטען און ענטפערט:

— איך? איך בין דער „שבט מוסר"!

געפעלט מיר דער וויץ. געה איך איין אויף דעם לבנה־שפּאס און זאָג:

— שלום עליכם אייך, „שבט מוסר"!

ענטפערט ער מיר: „עליכם שלום", ווי דער שטייגער איז. און ריהרט זיך און געהט נעהנטער צו צו מיר — —

א קליינינקער איז ער, דער „שבט מוסר", אבער א גלייכער. איינפאכע מאנירען, אין די אויגען תמימות... נאָר קוקען קוקען זיי גלייך און זיכער, גלייך עס וואָלטען אויף דער וועלט קיין ספקות נישט געווען; גלייך אלץ, וואָס מען זעהט, איז אזוי איינפאך און זיכער... און זיין קול איז איינפאך קלאָר, אָהן א פארב, אָהן א ציטער. וואָרט פאר וואָרט שיט זיך איהם פון מויל, ווי זאמד, יעדעס וואָרט האָט זיין ממשות...

— דאס האָט איהר דאָך דעם גיהנום באשריבען?

— איך!

— און איהר האָט'ם ריכטיג באשריבען? — נישט צוגעלעגט נישט אראָפּגענומען? איהר מוזט דאָך איצט וויסען, מיט אייגענע אויגען געזעהן!

ער באליידיגט זיך נישט, און ענטפערט אויסמיידענדיג:

— איך האָב איהם אויך ביים לעבען געזעהן.

— ביים לעבען?

— געוויס... אין חלום...

— און ער איז ווירקליך אזוי, ווי איהר האָט איהם אויסגעמאָלט, ווי איהר האָט איהם אין חלום געזעהן?

— ער איז גרעסער געווארן... מען האט צוגעגעבן אן אכטע אפטיילונג...

— נאך וואס? פאר וועמען?

— ווילסט וויסען?

---

— די אכטע אפטיילונג, — דערצעהלט דער „שבט מוסר“ — איז פאר דיר און פאר דיין גלייכען צוגעקומען; פאר אלע נ י י ע זינדינגע, פאר די „מאדערנע“, ווי איהר רופט אייך...

— וואס איז דער אונטערשיד?

— הער: אמאל איז צווישען גוף און דער נשמה א שטענדיגע מלחמה געווען. די נשמה, א טייל פון זיין ליעבען נאמען, האט זיך אלץ צום הימעל געריסען, ארויף, ארויף צו דער הויך, האט זי אלץ געוואלט; און דער גוף, דער שמוציגער גוף, די „טפה סרוחה“, האט אלץ געצויגען אראפ, אראפ, זינקען האט זיך איהם געוואלט, זינקען אין שמוץ און אין מיאוס'קייט... האט מנצח געווען די נשמה מה טוב! האט אבער גובר געווען דער גוף? נו, האט דער גוף זיין פסק געקריגען. ע ר האט דאך געזינדיגט!

מיט וואס קאן מען שטראפען א גוף? מיט הייסע ברענענדיגע סמאלע, מיט פייער, מיט וואסער, מיט שלאנגען, מיט עגדישען און מיט אלערליי קאטארזשנע ארבייט אין מדבר, אין וואלד, אין חורבות פון הייזער, וכדומה.

דערצו האט מען די אלטע „שבעה מדורי גיהנום“ באשאפען, זיבען אפטיילונגען, און יעדער פלעגט אין זיין אפטיילונג איבער־קומען זיין פסק און זיין צייט.

היינט אבער זענען אנדערע צייטען געווארען — אנדערע זינד...

די נשמות מאכען א בונט... די נשמות רעוואלטירען! די נשמות האלטען מלחמה מיט אלע זיבען הימלען, מיט גאט און זיין נאטור... אלץ דארף בעסער זיין, אלץ ווילען זיי איבערמאכען און מיט'ן קאפ אראפ איבערקערען!

נישט קערפער זינדיגען איצט, נאר די נשמות! אומגעדול־דיג, שטויסט איהם צום קץ, פאר דער צייט אראפברענגען משיח'ן.

די אוינגען קריכען אייך ארויס! און איהר ווירטשאפט, גלייך עס וואלט אייער וועלט געווען, און איהר קאמאנדאוועט, גלייך די מענשהייט וואלט אייער פארקויפט מיליטער געווען... פאר אייך איז אין די שבעה מדורי גיהנום קיין פלאץ נ י ש ט געווען.

---

— און אין דער אכטער אפטיילונג איז קיין ברענענדע סמאלע נישטא?

— ניין.

— און קיין פייער און קיין וואסער?

— נישט...

— און שמייסען שמייסט מען אויך נישט?

— קיין זכר פון ריטער!

— און עסען און טרינקען און שלאפען קאן מען דארט?

— אפילו לעזען און שרייבען און ארויסגעבען...

— מיט וואס דען שטראפט מען?

— זעה, פון מערב־זייט ציהט זיך א שווערער וואלקען, א דער לבנה שווימט ער, דעקט ער זי צו, פארשווינד איך; נאר אין איהר ליכט קאנסט דו מיך זעהן... פויל רוקט זיך דאך דער וואל־קען, וואס איך וועל קאנען, וועל איך דיר איבערגעבען, איילען דאך מוז איך מיך... הער!...

---

מען נעמט, צ. ב. ש., א מענש, וואס האט, ווי דו, קיין צייט נישט געהאט, און מען שטעלט איהם א נאקעטען פאר א בארג מיט שניי. שטעהט ער, ער שטעהט און באלד פאלט איהם איין, מען דארף דעם שניי צולאזען און דערפון וואסער מאכען. ווערט דערפון א שטימונג, אזוי רופט איהר דאך עס? און פון דער שטי־מונג א פארלאנגען, פון פארלאנגען א ליידענשאפט: ער מ ו ז! און ער לויפט צו צום שניי בארג, און ווארעמט איהם מיט'ן לייב, ער נעמט איהם ארום, באהעפט זיך אין איהם, אטעמט אריין מיט היץ, שפארט זיך אין איהם אריין מיט לייב און לעבען.

— דער שניי מוז צוגעהן... וואסער מוז זיין, וואסער פליסט, וואסער איז באוועגונג, וואסער איז גליק.

— און שדים טרייבען אונטער?

— נאר וואס? די תאוה טרייבט בעסער! און ער שניידט זיך אריין אינ'ם שניי אלץ טיפער און טיפער, און פון וואנען ער רוקט זיך אפ, ווערט צוריק געפרוירען און ער ארבייט ארומגערינגעלט מיט שניי און שניי־בארג אין דער פינסטער, וואס צופלאסען ווערט געפרוירען...

— און?

— און ער מאכט פון שניי — אייז!

— שרעקליך!

---

און איין אנדערען נעמט מען און מען שטעלט איינעם אליין אין א פעלד, אויף א הארט ליימיג פעלד.

איבער'ן קאפ — א וואונדערבאר שעהנער הימעל, אהן א לייכט וואלקענדעל, ריין, אבער פאר דאס, אויך ריין פון זון, לבנה און שטערען... ווארים — איז דען א הימעל פאראן? עפעס א בלוי ליילעך, א פרוכת... וואס נישט? טראמפעלט ער ארום אין ליים, איינער אליין, ווי אין א מדבר... ער איז דאך דער איינציגער, וואס לעבט, פיהלט, טראכט און דענקט!

פאלט אבער אויף איהם אן אומעט, ער וויל לעבען ארום זיך... געפינט ער עס נישט, וועט ער עס מאכען! ביים לעבען, האט ער פאר טויזענטער געליטען, פאר צעהנדליגע טויזענטער געווירקט, פאר צעהנער טויזענטער געדענקט! זיין נשמה איז דאך די נשמה פון מיליאנען געוועזען! איז ער קיין באשעפער נישט? קאן ער נישט דאס זעלבע, וואס גאט? און שטויב נעמט ער פון דער ערד און ליים, און בלאטע, און קנעט, און מאכט — נאר וואס וויל ער דאס מאכען? פייגעלעך מאכט ער, פייגעלעך מיט פליגעל! דער מענש, וואס האט קיין פליגעל נישט, איז גארנישט... דערנאך וועט ער אדלער מאכען, דערווייל פייגעל!

קנעט ער פייגעלעך, צוערשט קליינע — אבער מיט פליגלען מאכט ער זיי, קנעט אויס און בלאזט אריין זיין אייגענע נשמה;

ווערען זיי לעבעדיג, די פייגעלעך, און ער פרעהט זיך, און טאנצט אונטער, און רופט צו זיי: „פליהט, פליהט, פייגעלעך מיינע, ארויף אין די הויך!“

נאר די פייגעלעך פליהען נישט. אויף דער ערד היפען זיי ארום אין ליים, און זוכען א ווערימעל די הערצלעך אונטערצושפארען... אבער קיין ווערים זענען נישטא, צאפלען זיי און געהען אויס פאר הונגער...

און טרעפט, אז צוויי פאר פליגלען הויבען זיך און פליהען, איז עס אן „ער“ און א „זי“ און זיי שפילען זיך...

ער שרייט: „צום הימעל! צום הימעל!“

און זיי שפילען...

כאפט ער שטיקער ליים און ווארפט אויף זיי און טויט זיי, און קנעט און מאכט אנדערע פייגעל...

און דאס פעלד ווערט פול מיט פגרים, מיט טויטע פייגלען... ארום און ארום איהם פגרים, נאר פגרים — —

— אומגליקליכער!

---

מען נעמט אויך א זינדיגען מענשען און מען ווארפט איהם אריין אין א גרוב פון הינט.

— פרעסען זיי איהם אויף לעבעדיגערהייט?

— חס־ושלום! הונגעריג זענען זיי, די כלבים, נאר איהם עסען זיי נישט — ער איז דאך זייער פריינד, ער רעדט דאך צו זיי, צו די הונגעריגע הינט! א פראפעט פאר הינט איז ער!

צוערשט רעדט ער צו זיי הינטיש אויף זייער שפראך, און אז זיי הויבען אן איהם צו פארשטעהן — ווארפט ער אריין עטליכע מענשליכע ווערטער! וואס אמאל מעהר, וואס אמאל מעהר...

און אזוי שטעהט ער און רעדט, און נעמט פון זיי קיין אויג נישט אראפ, און מיט אויגען צויבערט ער זיי, האלט די הינטישע נשמות איין!

אלץ איז אנטוויקלונג! די סארטען פארענדערען זיך — פון הינט וועלען מענשען זיין!

און אט שטעלט זיך שוין א כלב אויף צוויי פיס, און מיט די

אנדערע צווי פיס טאפט ער ארום זיך. א צווייטער בילט נאר. אבער אינ'ם הינטישען בילען הערען זיך שוין גאנצע טענער, הע־כערע, מענשליכע...

און ע ר רעדט אלץ; און מיט זיינע רייד און מיט זיינע אויגען גיסט ער אוים א וואונדערבארען צויבער אויף די כלבים. אט שטעהען זיי שוין אלע גלייך ווי מענשען... אט הויבט שוין איינער פון זיי אויף א פוס, ווי א האנט, און ווייזט צום הימעל!

און אין די אויגען פון יענעם הונט האט עפעס א בלישטש געטאן, — א שאטען פון ו ו י ל ע ן, פון זעלבסטבאוואוסטזיין האט זיך אין זיי באוויזען!

נאך א ווייל'ע און די אויגען פון אלע הינט וועלען אויפשטיי־גען, אויפפלאמען וועט אין זיי דער ו ו י ל ע ן, אין דעם הונגער זייערען האבען זיי דאך פארגעסען; זיי האבען דאך פארגעסען. אז די זענען הונגעריגע הינט; נאך א ווייל'ע און עס וועט זיך אין זיי דערוועקען דער גרויסער, דער וואונדערבארער געדאנק —

— און דאן?

— עס וועט נישט געשעהען! א מלאך חבלה ווארפט פלוצלונג א ביין אין גרוב, די הונגעריגע הינט לאזען זיך אראפ אויף אלע פיער, בילען, רייסען זיך איבער'ן ביין... און ערשט, אז דער ביין פארשווינדט, הויבט אן דער נביא אויפ'ס ניי... און אזוי שטענ־דיג...

— גרויזאם!

---

— גרויזאם!

און איינעם האב איך לעבען א הויכען בארג געזעהן. אויפ'ן שפיץ בארג שיינט א וואונדערבאר ליכט, ער שטעהט אונטען פאר־בענקט, עס ציהט איהם ארויף, ארויף צום ליכט, צום צויבער־שיין, דארט אין זיין גליק... דארט אין דער הויך, וואו די לופט אין ריין, וואו דאס שטראלט און ערעל־ווייס בליהט...

— שטייגט ער?

— זי לאזט נישט... מאכט ער א שריט צום שטייגען, עפענט זי איהרע אויגען אויף און קוקט אויף איהם. אויך אין איהרע אוי־

גען איז א צויבער־שיין דא. אויך אין איהרע אויגען איז א הימעל דא, און זונען און שטערען און אלערליי זיסע שטראלען — —

— געהט ער צוריק!

— און דאן פארמאכט ער די אויגען... און אויף און אפ געהט ער, צווישען ליכט און ליכט, שטראל און שטראל...

— פארוואס נעמט ער זי נישט מיט?

— זי איז נישט זי...

— דער וואלקען איז נאהנט, נאר פון אדלער און שווינגען־פעט וועל איך דיר דערצעהלען...

---

— און דאס וואס איז?

— א קליינינקייט! מאנכע פון אייערע נביאים, אייערע פראפעטען ווערען אין אדלער מגולגל, אין גרויסע אדלער מיט ברייטע פליגלען, נאר אין שווינגען־הויט געקליידט...

און די נביאים אייערע הויבען זיך אין די לופטען; הויך, גאנץ הויך פליהען זיי, דעם הימעל ווילען זיי איינגעמען, דעם כסא הכבוד פארנעמען! אין דער הויך אבער, אין דער טריקעניש שפאלט זיך די שווינגען־הויט. און אז עס מאכען זיך זיי וואונדען און ס'הויבט אן שטארק וועה צו טון, פאלען די אדלער אראפ אין נאסע זומפען אריין, וואו זיי ווייקען די הויט זייערע, וואו זיי היילען די שווינגען־הויט פון וואונדען...

און אזוי געהט עס ארויף און אראפ, ארויף און אראפ —

---

נאר מיט אמאל איז די לבנה פארשוואונדען און דער „שבט מוסר" מיט איהר.

אז איך בין אויפגעשטאנען און א ליכט אנגעצונדען, האב איך אויפ'ן טיש א פאסט־קארטעל געפונען:

— איהר זייט געבעטען צו קומען מארגען אויף א פארזאמלונג — —

איך האב עס פארברענט.

# די פאַרשטויסענע.

אַ גאַנצען מאַי — רעגען און קעלט.

עס האָט זיך געוואַרט, עס וועט שוין קיין רעכטער זומער נישט זיין. עס וועט שוין אַזוי פרירען און נעצען אַ גאַנצע צייט.

פּלוצלונג, ערב שבועות באַווייזט זיך די זון.

— תורה איז ליכט: — האָט דער טאַטע מיט אַ שטאָלצען נחת געזאָגט, און גענומען זיך אויסזוכען דעם תיקון שבועות אויף ביינאַכט.

— לכבוד דעם הייליגען יום־טוב. — פאַרטייטשט די מאַמע מיט פרייד און נעמט זיך צום פּוטער־געבעקס.

— געלע חלה וועל איך אייך באַקען! — האָט זי אונז צוגעוואָרפען אַ בשורה.

און באַלד האָט דער אויסגעמישטער געשמאַק פון פרישן טייג, זאַפּערען, צימרינג און נעגעלעך, פון פאַרצוקערט־זויערליכען קעז און צולאָזטער פּוטער פאַרפולט די שטוב.

מיין יונגערע שוועסטער חנה האָט געשוויגען. זי זיצט זיך ביים פענסטער איבער אַ ראָמאַן, זי לעזט אָבער נישט און קוקט עפּעס אומרוהיג אין גאַס אריין. אַזוי איז זי שוין.

די מאַמע רופט זי עטליכע מאָל צו הילף, זי ענטפערט נישט. אַרום די ליפּעלעך שפּילט אַן איראָנישער שמייכעל. זי שווייגט.

— פוילע זאַך! — ברומט די מאַמע, — ביכער־שמיכער... וואָס ווייס זי פון אַ יום־טוב!

דער טאַטע מישט זיך נישט... אין שטוב־זאַכען מישט ער זיך קיינמאָל נישט אריין... ער האָט דערווייל געפונען און אָפּגעשטויבט דעם תקון שבועות און האָט זיך פאַר׳ן באַד צוגעלעגט שלאָפען, מען וועט דאָך אויף־זיין ביינאַכט. און די מאַמע הערט דעריבער אויף צו ברומען; זי וויל דעם טאַטען נישט וועקען.

זי האָט מיך מיט א וואונק צוגערופען, דערלאַנגט א פּאָר גראָ־שען, און געהייסען ארויסגעהן קויפען שאַווער (גרינס) אויף דער פּאָדלאָגע, און קאָלירט פּאַפּיר, אויסצושניידען רייזעלעך צו די פענסטער...

איין גאָט ווייסט: עס איז מיר א שאָד געווען איבערצולאָזען די שטוב מיט דער שיסעל סמעטענע, דעם פאַרצוקערטען קעז און די שקאַרמיצלעך מיט ראָזשינקעס, אָבער אַליין קויפען, אַליין אויסדינגען און באַצאָהלען פאר גרינס און פּאַפּיר, איז מעהר יצר־הרע, — און איך בין ארויסגעלאָפען פון שטוב.

---

און נאָך דער פרייד — א שרעקליכע שבועות־נאַכט...

חנה, מיין שוועסטער, איז אוועק...

מיר, איך מיט'ן טאַטען, זענען מיר געגאַנגען דאַוונען, די מאַמע האָט זיך פאר ליכט־בענשען צוגעלעגט... איינגעדרימעלט.

אין דרימעל האָט זי עפּעס א פּייף געהערט, נישט געמאַכט זיך דערפון — און דאָס איז פאר דער שוועסטער חנה א צייכען געווען — זי איז אוועק! צו אונזערע פיינט אוועק...

און אויסגעקליבען האָט זי שבועות, זמן מתן תורתנו...

---

אַלץ געהט פאַרביי...

אויפ'ן אָרט בלייבט גליק און אומגליק, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע... מיר אָבער געהען ווייטער און ווייטער צום אָרט, וואו א ל ץ ווערט פאַרגעסען, און פיליכט אויפ'ס ניי דערמאָנט... אַלץ, וואָס מיר האָבען דורכגעלעבט, בלייבט ליגען הינטער אונז ווי שטיינער אויפ'ן איבערגעגאַנגענעם וועג... ווי מצבות, אונטער וועלכע מיר האָבען אינ'ם גאַנג אונזערע גוטע און שלעכטע פריינד באַגראָבען...

אָבער חנה'ן קאָן איך נישט פאַרגעסען...

---

דאָס לעבען, צו וועלכען זי איז געלאָפען, האָט זי צוריק גע־שטויסען. פון זיך ארויסגעוואָרפען. געשווינד האָט איהר דאָס גע־

האפטע גליק פארבליהט און פארוועלקט. פון די אויסגע׳חלומ׳טע בלומען זענען ברענענדיגע דערנער געווארען.

צוריק קומען האט זי נישט געקאנט...

אויפ׳ן וועג איז געשטאנען דאס געזעץ, ווי אויך — צוויי קברים... דעם טאטענס און דער מאמעס קבר...

---

וואו איז זי?

יערען שבועות־אווענט באווייזט זי זיך מיר...

זי באווייזט זיך פון גאס, שטעלט זיך ביים פענסטער... זי האט מורא, אדער זי האט קיין שליטה נישט אין א אידישער שטוב אריינצוקומען.

מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען קוקט זי דורכ׳ן פענסטער אין שטוב אריין און זעהט מיך איינעם אליין..

דערזעהט מיך און קוקט אויף מיר מיט שרעק, געבעט, און צארן...

איך פארשטעה זי:

— וואו זענען זיי? — פרעגט זי מיט שרעק.

— פארצייט! — איז איהר געבעט.

— און שולדיג — זאגט זי צארניג — זייט א י ה ר!

וואס האב איך געוואוסט פון אייער בלוטיגען קאמף מיט יענע?

דו האסט עס געוואוסט; אין חדר געלערערענט. מ י י־ נ ע ב י כ ע ר האבען מיר דערפון קיין ווארט נישט געזאגט...

ביי אייך אין שטוב האב איך א פרעמד לעבען געלעבט; א פרעמד, שעהן־אויסגעטרוימט לעבען, א לעבען פון ביכער ארוים...

האב איך עפעס פאררעטען, אז עפעס געפעלשט?

איך האב נאר געלע חלה מיט זאפע־ען אויף אנדער זיס־געבעקס פארביטען... מעשה׳לער פון „צאינה וראינה“ — אויף ביכער... תחנות — אויף ראמאנען!

אביסעל גרינס אויף א פאדלאגע — אויף פריי, פריש גרי־ נעם וואלד און פעלד!...

דאס ענגע, דושנע, פארהאמערטע לעבען — אויף זון און בלו־

— ניין, סאשע, איך וועל מיך נישט פריהער געהן וואשען, ביז דו וועסט נישט אליין מודה זיין, אז איך בין גערעכט. דא אין דערהיים האב איך גארנישט וואס צו טון, אבער דארט אין דעם בית־המדרש האב איך אסך צו טון, ווייל ווער וועט זיך דערמיט אפגעבען, אז נישט איך? אפשר יאשקע קרעמער, וואס האט נישט קיינמאל קיין צייט, אפילו צו עסען? צי אפשר יחיאל דער דארפ־געהער, וואס געהט אוועק פון דערהיים שבת־צו־נאכטס, תיכף נאך הבדלה, און קומט אהיים ערשט פרייטאג אין דער שפעט? צי אפשר ראובן פראצענטניק, וואס לויפט זיך אן א גאנצען טאג צווישען די ארעמע לייט, צוזאמען צונעמען די עטליכע זעקסער־לעך פראצענט? אדער אפשר איינער פון די ארעמע בעלי־מלאכות, וואס מוזען נעבעך שווער און ביטער ארבייטען אויף פרנסה?

— לאמיך שוין געמאך! איך בין שוין נישט בייז...

— שאדט נישט. איך וויים, אז דו ביסט שוין נישט בייז. איך וויל דיר אבער נאך באווייזען, אז איך טו פאר מיינעטוועגען אויך. אט קוק, סאשע, קוק אן מיין ווייסע באָרד־און־פאות! מיין נישט, אז איך בין נאך א יונגער מענש. מען מוז זיך שוין מאכען אנגרייטען אין וועג אריין...

— אין וועג אריין? וואס פאר א וועג? — פרעגט סאשע פאר־וואונדערט. זי האט אבער באלד געכאפט, וואס ער מיינט און האט אויסגערופען מיט שרעק: חס־ושלום, חס־ושלום! רעד נישט, רעד נישט! אל תפתח פה לשטן!

— האב נישט קיין מורא, סאשע. דו ביסט שוין אויך עלטער פון צוואנציג יאהר... און וואס וועלען מיר טון, אז מען וועט אונז דארט פרעגען, וואס מיר האבען אזוינס געטאן אויף ד ע ר וועלט? וואס וועלען מיר אויף דעם ענטפערען? אפשר וועלען מיר זאגען, אז מיר האבען דא געגעסען און געטרונקען? און וואס וועט דער אויבערשטער זאגען? דו למשל, וועסט דיך נאך קאנען ריהמען, אז דו האסט עוסק געוועזן מיט הכנסת כלה...

— זיי שטיל! — בעט זיך סאשע. זי האט מורא, עס וועט איהר שאטען צום שכר אויף יענער וועלט.

— איבער דעם וויל איך אויך טון עפעס גוטס...

— זעהר גוט, זעהר גוט. טו ווי דו ווילסט. געה זיך נאר וואשען...

# ר' יוחנן גבאי.

מיד, אנגעהארעוועט פון קהל'שער ארבייט, איז ר' יוחנן גבאי געקומען אהיים. אין דער קיך איז איהם שוין אקעגען־געקומען דער ריח פונ'ם עסען, פונ'ם פלייש און די געקאכטע עפעל. און ער איז שנעל געגאנגען ווייטער אין דעם צווייטען צימער אריין, דארט האט איהם אבער דאס ווייב זיינס, סאשע, נישט פריינדליך אויפגענומען.

— בטלן! — האט זי געשריען מיט געבייזער, ווי דער גבאי האט זיך נאר געוויזען אויף דער שוועל.

— וואס בייזערסט דו דיך אזוי? — האט זי דער גבאי געפרעגט, ווערענד ער האט זיך אנידערגעזעצט אויף א בענקעל אפּרוהען.

— ער פרעגט נאך, וואס איך בייזער מיך! תמיד ביסט דו פארנומען מיט קהל־זאכען און ווען וועסט דו, בטלן, עפּעס טון פאר דיר?

— פאר מיר? — האט זיך דער גבאי געוואונדערט — וואס האב איך דען פאר מיר צו טון? אונזערע קינדער זענען שוין, ברוך השם, זעלבסטשטענדיגע מענשען און אונז אליין, דאכט זיך, פעהלט אויך גארנישט... און וואס האב איך צו טון? — ארומקוקענדיג זיך אין שטוב, גיט ער נאך צו: דאס בעט זעה איך איז צוגעבעט אהן מיר, די כלים זענען אויפגעפוצט אהן מיין הילף; די ווענט האב איך אפילו נישט אנגעריהרט, און איך זעה דאך נישט אויף זיי קיין פיצעל שפּין־וועבס. דער טיש איז אויך שוין צוגעגרייט. דאס טישטוך איז ווייס ווי שניי, די גאפעל־מעסער און די לעפעל בלישטשען ווי גאלד. איך זעה אויך א געמאכטע רעטעך, אביסעל געריבענעם כריין, א פלעשעל בראנפען...

— הער שוין אויף מיט דיינע גריימען און געה דיך בעסער וואשען!

— ניין, סאשע, איך וועל מיך נישט פריהער געהן וואשען. ביז דו וועסט נישט אליין מודה זיין, אז איך בין גערעכט. דא איז דערהיים האב איך גארנישט וואס צו טון. אבער דארט אין דעם בית־המדרש האב איך אסך צו טון. ווייל ווער וועט זיך דערמיט אפגעבען, אז נישט איך? אפשר יאשקע קרעמער, וואס האט נישט קיינמאל קיין צייט, אפילו צו עסען? צי אפשר יחיאל דער דארפ־געהער, וואס געהט אוועק פון דערהיים שבת־צו־נאכטס, תיכף נאך הבדלה, און קומט אהיים ערשט פרייטאג אין דער שפעט? צי אפשר ראובן פראצענטניק, וואס לויפט זיך אן א גאנצען טאג צווישען די ארעמע לייט, צוזאמען צונעמען די עטליכע זעקסער־לעך פראצענט? אדער אפשר איינער פון די ארעמע בעלי־מלאכות, וואס מוזען נעבעך שווער און ביטער ארבייטען אויף פרנסה?

— לאמיך שוין געמאך! איך בין שוין נישט בייז...

— שאדט נישט. איך ווייס, אז דו ביסט שוין נישט בייז. איך וויל דיר אבער נאך באווייזען, אז איך טו פאר מיינעטוועגען אויך. אט קוק, סאשע, קוק אן מיין ווייסע בארד־און־פאות! מיין נישט, אז איך בין נאך א יונגער מענש. מען מוז זיך שוין מאכען אנגרייטען אין וועג אריין...

— אין וועג אריין? וואס פאר א וועג? — פרעגט סאשע פאר־וואונדערט. זי האט אבער באלד געכאפט, וואס ער מיינט און האט אויסגערופען מיט שרעק: חס־ושלום, חס־ושלום! רעד נישט, רעד נישט! אל תפתח פה לשטן!

— האב נישט קיין מורא, סאשע. דו ביסט שוין אויך עלטער פון צוואנציג יאהר... און וואס וועלען מיר טון, אז מען וועט אונז דארט פרעגען, וואס מיר האבען אזוינס געטאן אויף ד ע ר וועלט? וואס וועלען מיר אויף דעם ענטפערען? אפשר וועלען מיר זאגען, אז מיר האבען דא געגעסען און געטרונקען? און וואס וועט דער אויבערשטער זאגען? דו למשל, וועסט דיך נאך קאנען ריהמען, אז דו האסט עוסק געווען מיט הכנסת כלה...

— זיי שטיל! — בעט זיך סאשע. זי האט מורא, עס וועט איהר שאטען צום שכר אויף יענער וועלט.

— איבער דעם וויל איך אויך טון עפעס גוטס...

— זעהר גוט, זעהר גוט. טו ווי דו ווילסט. געה זיך נאר וואשען...

— נאך עפעס — זאגט דער גבאי ווייטער — געדענקסט נאך, פּאשע, דאס יידענע חופּה־קלייד דיינס מיט די זילבערנע פּאסען?

— צי איך געדענק!

— אפשר וואלסט דו עס געגעבען אויף א פּרוכת?

— זעהר גוט. איך געה שוין...

— ווארט, פּאשע לעבען, איך האב עס שוין אליין גענומען. עס הענגט שוין אויפ'ן ארון־קודש.

— גנב! — שמייכעלט פּאשע.

צינד ערשט געהט זיך ר' יוחנן וואשען און עסט מיט אפּעטיט, בענשט און געהט שלאפען.

---

ר' יוחנן גבאי איז אנטשלאפען געווארען, און זיין נשמה איז געפלויגען אין הימעל אריין, און האט דארט איינגעשריבען אינ'ם בוך צווישען די מצות:

„איך, יוחנן בן שרה, האב געארבייט א גאנצען טאג א הייליגע ארבייט, איך האב מיר אין זין געהאט: איך און מיין ווייב פּאשע זיצען אין א שעהן הויז, בשעת, גאטס הויז, דאס הייליגע בית־המדרש, איז בויפעליג און באדארף א רעפּעראציע. איך האב איבער דעם געדונגען בעלי־מלאכות, דאס הויז צו רעפּערירען. היינט האט מען אויך געבראכט צוויי נייע בענק און א נייעם טיש. איך האב אויך געהייסען רייניגען די פּאדלאגע, די ווענט און אלע כלי־קודש. איך האב אויך אנידערגעשטעלט א נייעם לייכטער פאר'ן עמוד ביי דער מזרח־וואנט. אויף דעם איז געווען אין דער קאסע בסך־הכל דריי הונדערט גולדען, דאס איבעריגע האב איך גענומען דערלעגען פון מיין קעשענע — פינף און פיערציג מיט אכטצעהן גראשען. אויפ'ן חשבון פון מיין ווייב פּאשע האב איך געלאזט מאכען דאס יידענע פּרוכת, חוץ הכנסת־כלה, וואס זי באשעפטיגט זיך דערמיט. גאט זאל עס איהר געדענקען צום גוטען! אין בית־המדרש איז אלצדינג געענדיגט געווארען גאנץ גוט. און איך האב אנגעזאגט דעם שמש, ער זאל, חלילה וחלילה, נישט מעהר ארייננ־לאזען קיינעם נעכטיגען אין בית־המדרש. גאטס הויז זאל נישט מעהר זיין קיין שלאף־שטוב פאר „ארחי־פרחי". ער זאל געדענקען צו פארשליסען ביינאכט דאס בית־המדרש"...

ר׳ יוחנן נבאי׳ס נשמה האט נאך אלץ געשריבען, איז געקר
מען צופליהען אז אנדער נשמה און האט איינגעשריבען אין איהר
בוך די דאזיגע ווערטער:

„איך, בערעל בן יהודית, בין שוין א זיבעציגער. אזוי לאנג,
ווי איך האב נאך געהאט כח, האב איך געארבייט אויף פרנסה.
ווי איך בין אבער אלט געווארען און האב פארלוירען דעם כח, האב
איך שוין נישט מעהר געקאנט פארדינען, און האב געמוזט אנ־
הויבען געהן אין די הייזער. תחלת איז מיר אפילו נישט שלעכט
געווען. איך האב שטענדיג געהאט צו עסען. די בעלי־בתים האָ־
בען מיך גוט געקענט און האבען מיך געשטיצט. לאנגזאם בין איך
זיי אבער נמאס געווארען, און מען האט מיר שוין זעלטענער דער־
לאנגט א שטיקעל ברויט! מאנכעס מאל — א טרוקענס, וואס איך
האב עס אפילו נישט געקאנט צוקייען, ווייל איך האב נישט מעהר
קיין ציין... איך האב איינגעזעהן, אז איך וועל מוזען אין מיין
שטאדט שטארבען פאר הונגער. האב איך מיך אוועקגעלאזט פון
מיין שטאדט און בין דא אהערגעקומען. די קעלט איז געווען זעהר
גרויס, און איך האב געוואלט געהן אין בית־המדרש אריין נעכטי־
גען, אזוי ווי מען איז זיך געוועהנליך נוהג ביי אידען. דער שמש
האט אבער פארשלאסען די טיר, און האט מיך נישט אריינגעלאזט.
דער גבאי האט איהם אנגעזאגט, ער זאל נישט לאזען קיינעם נעכ־
טיגען אין בית־המדרש, גאטס הויז זאל נישט ווערען קיין אכסניא...
אצינד שלאף איך אויף דער גאס און די קעלט פרעסט מיר ארויס
דעם מארך פון די אלטע פארדארטע ביינער מיינע. איך בין הונ־
געריג און עס איז מיר שרעקליך קאלט... פרעג איך דיך, רבונו של
עולם, ווער בעדארף גיכער האבען דאס בית־המדרש, ד ו אדער
א י ך?"

---

און עס איז ארויס א בת־קול פון הימעל: „רופט ביידע צום
בית־דין של מעלה!"

און צו־מארגענס אין דערפריה האט מען געפונען טויט: דעם
גבאי ר׳ יוחנן ביי זיך אין דערהיים אויפ׳ן בעט; און אז אלטען
ארעמאן — געפרוירען, אויף דער גאס, לעבען דעם בית־המדרש...

# מאַטעל פּרינץ.

געווען אַ איד מיט'ן נאָמען מאַטעל; גערופען האָט מען איהם מאַטעל פּרינץ.

אַ וואַלד־ און תבואה־סוחר, אַ יוצא ונכנס ביי פּריצים, פיהרט ער זיך אָביסעל מעשה פּריץ. טראָגט ער זיידענע זאָקען, פאַרבט ער זיך אָפּ די בענקלעך אין שטוב אויף רויט — קיין אַנ־דער פאַרב אין שטעדטעל נישט באַקומען — פון קעשענע שטאַרצט איהם אַרויס אַ רויט פולאַרען טיכעל. און אַפילו מעשה הצדקה איז אויך ביי איהם מעשה שררה.

אַ איד, למשל, וויסט מען, האָט ליעב גענזענס. ערשטענס, טאַקע אַ מאכל, צווייטענס — בעלי־הבית'יש: אַי פליישׁ, אַי שמאַלץ אויף פסח, אַי גריוון צו אַ ציבעלע, און אַביסעל פעדערען צו אַ קישען קומט אויך צוניץ. אַפילו היינט. אַ איד קומט אין רעס־טאָראַציע אַריין, הייסט זיך אויסרעכענען אַלע מאכלים און סוף־כל־סוף הייסט ער זיך געבען אַ שטיקעל גענזענס...

האָט פּונקט דער רב אין שטעדטעל ליעב געהאַט ענטע־פליישׁ. אַ גרויס פּויליש שטעדטעל געווען, און אין גרויס פּוילען הייסט קאַטשקע — ענטע. אַ איד, אַ למדן, אַ ירא שמים און האָט אַ שוואַכקייט צו ענטע־פליישׁ. רעדט מען דערפון, קומט עס צו מאַ־טעל פּרינץ אין הויז אַריין.

פאַר פּורים איז עס געווען. הייסט מאַטעל פּרינץ קויפען און אָנפּאַשען אַן „ענטע" פון רב'ס וועגען אויף שלח־מנות, און זאָגט אָן, אַז נאָכ'ן כשר־מאַכען, אַז עס וועט קומען צום פּילען, זאָל מען איהם מודיע זיין.

ערב פּורים נעהמט מען אין שטוב אַריין אָנזאָגען: עס איז אָנגעקומען די צייט אָנצופּילען די ענטע.

נעמט מאַטעל פּרינץ פון שראַנק אַרויס ח"י זהובים פּוילישע

און הייסט זיי אפ'כשר'ן, שווענקען זיי אין זיבען וואסערען, און אנפילען דערמיט די ענטע!

וואס איז?

מאטעל פרינץ וויל וויסען, וואס דער רב האט ליעבער: ענטע־פלייש צי פוילישע זהובים...

— — — — — — — — — — — — — — — —

ערב שבת געהט אמאל מאטעל שפאצירען איבער דעם שול־געסעל, א זומער־טאג, נעמט וואס אמאל ארוים דאס רויטע פור־לארענע טיכעל און ווישט זיך, כלומר'שט, דעם שוויים פון דעם שטערן, און יעדעס מאל ביים ארויסנעמען דאס טיכעל, פארלירט ער א רולאן פון קעשענע.

וואס א רולאן איז?

אין יענע יאהרען זענען קיין פאפירען־געלט, קיין באנק־צעטעל נישט געווען, עובר לסוחר פלעגען זיין — ארומים — גאלדענע רענדלעך; פלעגען זיי די סוחרים פאקען אין פאפירענע טיטען, פאר'חתמ'ענען מיט זייער חותם און אויפשרייבען די סומע. אזוי פלעגען די טיטען — רולאנען האט מען זיי גערופען — געהן פון האנט צו האנט אומגעצעהלט. אביסעל מעהר אמונה און מעהר בטחון געווען.

געהט ער און פארלירט רולאנען!

וואס איז?

ער האט גענומען אלטע פוילישע גראשען און געפאקט ווי רענדלעך.

ארעמע לייט געהען אין גאס און געפינען. איז ער אן עהרלי־כער מאן, לויפט נאך און גיט אפ, קריגט ער פון מאטעל פרינץ א שעהנעם דאנק און א רענדעל פאר השבת אבדה. איז אבער ווער נישט קיין עהרליכער מאן, פאלט אויף דער מציאה, באהאלט און לויפט אהיים מיט א שמחה — האט ער געכאפט עטליכע גראשען.

פאר פסח מאכט ער אמאל אזא קונץ:

פרנס איז ער; זיצט ער אין קהל־שטוב און טיילט מעות־חטין. קומען אידען — אפגעריסענע, אפגעשליסענע. מאכט ער צו איינעם און צום אנדערען: — קמצן, וועסט דיך כאטש פארגינען צו מאכען א מלבוש אויף יום־טוב?

לאכען די ארעמע לייט.

ערב שבת הגדול, ארעמע לייט געהען שפעט ארויס פון מרחץ — געמוזט אפווארטען די בעלי־בתים — זיי קומען אין קיהל־שטי־בעל אריין צום ארט, וואו זיי האבען געלעגט די מלבושים, אויס־געטריקענט!... א געשריי, א ליארם, ווער האט גע׳גנב׳עט? ווי אזוי געהט מען אהיים? מען באפאלט דעם בעדער! מאטעל פרינץ האט זיך מכלומר׳שט פארשפעטיגט, זאגט ער, די ארעמע לייט זע־נען גערעכט, דער בעדער איז א שומר שכר און מוז באצאהלען.

מילא, אז מאטעל פרינץ פסק׳עט, געהט דער בעדער אין דער צוויימער שטוב אריין, און קומט צוריק מיט א פאק מלבושים, נייע פון דער נאדעל, פון ספאדיקעל ביז שיך און זאקען, קיין ארבע כנפות נישט פארגעסען און איז מלביש ומנעיל די נאקעטע!

אינמיטען ווינטער, נאך אן אנגעפאלענעם שניי, מאכט ער אזא קונץ.

אויף דעם זעלבען שול־געסעל, ארעמע לייט אין די קליינע הייזלעך כאפען זיך אויף אין דערפריה, גראבלען זיך קוים ארויס פון די שמאטעס, אין וועלכע זיי האבען זיך איינגעוויקעלט, גיסען אפ נעגעל וואסער, טוען זיך אן, ווילען געהן צו ותיקין און דער־נאך — אין מארק אריין פארדינען, וואס דער ליעבער גאמען וועט באשערען, — די טיר עפענט זיך נישט. מוז זיין פון דרויסען פאר־שפארט, פארשמידט, א פראסט א שארפער, מען פרואווט נאך אמאל דיך טיר, זי לאזט נישט נאך, באפאלט אן אימה. שרייט מען, שרייען די מענער, שרייען די ווייבער, קינדער מאכען א יללה. דאס גאנצע שול־געסעל שרייט, דערהערט מען אין אלע געסלעך, שפרינגט מען פון די בעטען ארויס, לויפט מען פון די שטיבער, קומט מען אין שול־געסעל אריין. —

ביי יעדער טיר שטעהט א קלאפטער האלץ!

דאס האט מאטעל פרינץ געהייסען אנפיהרען פון וואלד אי־בער נאכט, א שניי איז אנגעפאלען א גרויסער, האט קיין בן־ארם נישט געהערט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איינמאל, מאטעל פרינץ קומט מיד פון וואלד, לעגט זיך פאר׳ן עסען אפרוהען, און שלאפט איין מיט׳ן קלער וואס פאר א

ניי צדקה־שפּיצעל ער זאָל אָפּטון — עפּענט זיך די טיר, קומען אריין צוויי שמשים פון חברה־קדישא און חברה־נושאים און זאָגען :

— זיי ווייסען, מאַטעל פּרינץ, אז דו ביסט נפטר געוואָרען.

ענטפערט ער געלאַסען :

— ברוך דין אמת !

זאָל מען פרעגען : ווער איז מוכן ומזומן לחיי עולם הבא ? ווער קינד און קייט ענטפערען :

— מאַטעל פּרינץ !

וואָס האָט אזא איד מורא צו האָבען ?

געהען זיי נעהנטער צו, שיטען אויס אביסעל שטרוי פון די קעשענעס, הויבען איהם אָפּ, צינדען ליכט צוקאָפּענס און געהען ארויס.

איינער זאָגט : ער געהט קויפען תכריכים.

דער צווייטער : ער געהט שוין באשטעלען א מצבה.

אויפשרייבען וועט מען, נישט מעהר, ווי „מאַטעל פּרינץ".

טראַכט ער ביי זיך : געננוג !

ער וויל א קלער טון, פאַרוואָס ער זעהט נישט קיינעם פון די בני־בית...

וויל זיך דערמאָנען, צי האָט ער זיך מיט זיי געזעגענט, געזאָגט צי נישט געזאָגט ודוי, — קומען אריין צוויי משונה'נע געשטאַלטען, נישט קיין מלאכים, נישט קיין מענשען, נישט קיין חיות, און מיט פליגעלעך דינע, ווי ביי פלעדער־מייז, פרעגען זיי איהם :

צי ער וויל שוין אין גן־עדן אריין ?

פאַרגעסט ער אָן אלעם און שמייכעלט :

— מהיכא תיתי...

הויבען זיי איהם אויף און ציהען איהם דורך דורכ'ן קוימען אויפ'ן דאַך ארויף.

ווייסט ער, אז דער קוימען איז שוין לאַנג נישט געריינינגט, קומט ער ארויס — א שוואַרצער.

— פרעגט ער :

— פאַרוואָס קומט דאָס מיר ?

זאָגען זיי :

— מען קומט נישט אין גן־עדן אריין, ביז מען ווערט נישט פארשווארצט!...

מילא, אז אזא דין!

— צינד, זאגען זיי, וועלען מיר פליהען — ארויף, מיר — אויף די פליגעל און דו — אויף וואס?

פליהט צו איהם אויפ׳ן דאך ארויף דער בעזעם, וואס שטעהט ביי איהם אין פאדער־הויז, ארעמע לייט, וואס קומען, זאלען זיך אפווישען די שטיוועל, און זיי זאגען:

— זעץ דיך רייטענדיג!

דער בעזעם איז נישט קיין ריינער, מילא, מען מוז איבער־קומען.

אזוי איז דער מנהג, זאגען זיי, — כל־זמן די נשמה האט ניט איהרע אייגענע פליגעל, רייט זי ארויף אויף א בעזעם.

און זיי נעמען איהם אין דערמיט אריין, און מען פליהט...

— מען וועט נאך אזוי לאנג פליהען?

זאגען זיי:

— צום הימעל איז נאך ווייט!

דאס ווייסט ער, עס מוז געדויערען, פליהט מען ווייטער. פרעגט ער:

— וואו האלטען מיר אין לוח?

זאגען זיי:

— ערב סכות!

און פרעגען: צי ער וויל זיצען אין סוכה.

א מת איז אפילו פטור מן המצוות, אבער פארוואס נישט?

— מהיכא תיתי! — זאגט ער.

און ווי ער זאגט עס, שווימט זיי אנטקעגען א סוכה מיט ווענט, מיט סכך.

— דוד המלך׳ס סוכה! — זאגען זיי.

גנעהט ער אריין מיט פרייד און זעצט זיך.

— וועלען קומען — פרעגט ער — אושפיזין?

און איידער מען ענטפערט איהם, פאלט אויף איהם איין די סוכה, די ווענט מיט׳ן סכך און מען שלעפט איהם קוים ארויס א צושלאגענעם, א צוקיילטען און א פארשיטען מיט ווייסען שטויב אויפ׳ן שווארצען רוס פונ׳ם קוימען.

פרעגט ער: פאַרוואָס קומט עס מיר?
ענטפערט מען איהם:
— מען קאָן אנדערש נישט קומען אין גן־עדן אריין, ביז מען ווערט נישט צוקיילט און צובייסלט.
גיט ער זיך אונטער מיט הכנעה, פליהט מען ווייטער.
שטעלען זיי זיך אָפּ.
— שוין?
זעהט ער גארנישט.
זאָגען זיי, אז כאָטש ער זעהט גאַרנישט, איז דאָך שוין נישט ווייט פון גן־עדן, און דעריבער מוזען זיי איהם צובינדען די אויגען.
— נאָך וואָס?
יעדער צדיק, גיבען זיי איהם צו פאַרשטעהן, האָט פראוו צו זעהן נאָר זיין חדר, ערשט שפּעטער, אז צדיקים קומען צו גאַסט און פאַרבעטען צו זיך, קאָן מען זעהן דעם גאַנצען גן־עדן, און אַזוי, ווי זיי וועלען מוזען אדורך דורך חדרים פון אנדערע צדיקים, מוז מען איהם די אויגען פארשטעלען.
לאָזט ער זיך. נעמען זיי איהם אַרוים דאָס רויטע פּולאַרענע טיכעל, בינדען איהם די אויגען צו, און מען פליהט ווייטער. און מען שטעלט זיך ווידער אָפּ.
— ביסט שוין אין דיין חדר.
— בינדט מיר — בעט ער זיך — די אויגען אויף!
זאָגען זיי:
— באַלד!
פריהער מוז מען אַלץ מכין זיין.
קודם איבערטון.
רייסט מען איהם פון לייב אַראָפּ די אַלטע מלבושים און מען טוט איהם אָן אנדערע, זאָגענדיג:
— דאָס זענען דיינע בגדי מלכות.
זיי רייסען אַפילו, די בגדי מלכות... מן־הסתם דאַרף אַזוי זיין!
זעצט מען איהם און מען זאָגט:
— דאָס איז דיין גאָלדענער שטול!
מען רוקט איהם עפּעס אַרונטער אונטער די פיס.
— דאָס איז דיין פוס־בענקעלע.

מען טוט איהם עפעס אן אויפ'ן קאפ.

— דאס איז דיין גאלדענע קרוין!

מען רוקט עפעס פאר איהם צו.

— דאס איז דיין טיש מיט לויתן און יין המשומר!

און פלוצים דערהערט זיך פון אלע זייטען א געלעכטער, אבער א געלעכטער. מען האלט זיך ארום, זעהט אויס, פאר די זייטען. מען פלאצט פאר געלעכטער.

גיט ער א ריס אפ דאס טוך פון די אויגען: שטעהט פאר איהם א הילצערנער קיד־טיש, און אויף צינערנע הקדש־טעלער ליגען אין א סמאלע שווארצע שקצים ורמשים...

אויפ'ן לייב האט ער מלבושים פון חזיר־האר, דאס בייסט; אויפ'ן קאפ — אן אלטע שלאף־מיץ, אונטער די פיס — אן אויסגע־לאשענעם פייער־טאפ, און זיצען זיצט ער אויף א שטול מיט — א לאך אין דער מיט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

כאפט ער זיך אויף פון חלום, זיצט איהם צוקאפענס דער מרא דאתרא, נאך א נדבה געקומען און דא געווארט, ער זאל זיך אויפכאפען.

דערצעהלט ער איהם כהויה, וואס עס האט זיך איהם גע־חלומ'ט: — רבי, — קרעכצט ער, — פארוואס?

לאזט דער רב אראפ די לאנגע ברעמען, קלערט א ווייל און ענטפערט מיט א שמייכעל:

— וואס דען מיינסטו, מאטעל? אז מען גיט צדקה מיט א גע־לעכטערל, איז דער גן־עדן — חוזק!

פון דאמאלט אן האט מאטעל געגעבען נאר מתן בסתר.

מיט דער צייט האט מען איהם גערופען נישט מעהר ווי מאטעל.

דער נאמען „פרינץ" איז פארגעסען געווארען.

# דער שפילער.

**(א פורים'דיגע מעשה, נאכדערצעהלט איזיק מאיר דיק).**

אמאל זענען די דורות נישט אזוי אפגעריסען, נישט אזוי פאר־יתומ'ט געווען. א דור איז געווען א רינגעלע אין דער קייט, וואס הויבט זיך אן מיט אדם וחוה און וועט זיך ענדיגען אין אלף הששי... און האט, ווען עס איז, איבער וואס עס איז, א רינגעלע א צאפעל געטאן, האט אנגעהויבען ציטערען די גאנצע קייט, האבען זיך אלע רינגען געוועקט: די אבות, די מאמע רחל און אנדערע...

אויסער דעם שטענדיג אפענעם הימעל, וואס מען האט, אויב מען האט איהם נאר מיט א קופערנעם דרייער נישט פארשטעלט, מיט'ן בלויזען אויג געזעהן, — אויסער אליהו הנביא, וואס פלעגט זיין א היימישער מענש, א בן־בית ביי א איד: צווישען די אושפיזין אין סוכה, צו „שפוך חמתך“ ביים סדר, אויף דער פאטער־שטול צו „וכרות“. און אויף אלע ירידים, און יעדעס מאל, ווען דער חלף האט זיך געלענט אויפ'ן האלז... און אויסער גוטע מלאכים,— האט מען אייביג טאטע־מאמע געהאט. לעבען זיי — ווער שמועסט פון א כבוד, און, חס ושלום, נישט — האט מען א מצבה, אנצור־שפארען און אפצוקיהלען א ברענענדיגען קאפ, א קבר — צום אויס־וויינען דאס פארביטערטע הארץ, און א שוכן־עפר, וואס הערט, וואס זעהט און שווייגט נישט, נאר מיהט זיך פאר אייך...

און נישט שטענדיג דארף מען זיי בעטען: נאכט אויף נאכט קומען די טויטע אין דער לעבעדיגער שטאדט אריין. אין שול אריין געהען זיי, דאווענן, לייענען, אפרעכטען חצות... געהט א בר־מנן א היימישען לאדען פארביי, הערט ער א קרעכץ פון א שווער הארץ ארויס, א זיפץ פון א צובראכען געמיט, פארשטעהט ער איהם: לעבעדיגע און טויטע רעדען איין שבראך. דאווענן פון דעם זעלבען סידור ארויס... מאכט זיך דער בר־מנן א קניפעל אין די תכריכים,

און, אז ער קומט צוריק אין זיין רוה אריין, דערמאנט ער זיך, און מיהט זיך, און טוט וואס ער קאן, וואס מעגליך איז. און וואס איז אין יענע געבענטשטע צייטען נישט מעגליך געווען... נארנישט, אפילו זיך אויסלערנען א פרעהליכען „שושנת־יעקב" — ביי א בר־מנן!

איך וויל אבער נישט כאפען די פיש פאר דער נעץ. דאס בע־הער שוין צו דער זאך — צו דער מעשה פון רב אברהם׳ל שפילער. א מליץ יושר זאל ער זיין פאר מיר און פאר אלע, וואס דער־צעהלען פורים׳דיגע מעשה׳לער, אויב נאר נישט אויסגעטראכטע...

און געוועזען איז רב אברהם׳ל א שפילער, נישט קיין קלעז־מער. ער איז געקומען צו דער מדרגה, צו וועלכער, אלע, פיליכט, בענקען, אבער זעלטען, ווער עס זאל דערגרייכען: ער האט פון פיי־דעלע קיין פרנסה נישט געצויגען, דערפון נישט געלעבט...

אז מען האט נישט קיין גרויסע אויגען, קיין בייזען האלז און קיין אויפגעריסען מויל, — אז „אבי־וואס" איז א מאכל, קאלט וואסער — א משקה, שינעס און קיטיי — א מלבוש, — האט א ביילע־באשע א קליידעל, איז מען יוצא פאר עולם־הזה, שפילט מען לשם מצוה, לשם שמים; איז מען א שפילער פאר זיין ליעבען נאמען — פאר גאט, און אזוינער איז רב אברהם׳ל געווען...

מוצאי־שבת שפילט זיך רב אברהם׳ל זיינע זמירות... זיצט ביילע־באשע, זיין שפייזעריו, און שעפט זיך אן מיט נחת, מיט חיות אויף א גאנצע וואך... שטעהט אן עולם אין גאס און הערט אונטער, און די נשמות זאפען זיך מיט זמירות אן. אפטמאל ווערט דער נגון אונטערגעכאפט: א גאס איז פלוצלונג געהויבען געוואר־רען, א שטערנדעל זינגט א זמר...

און א גאנצע וואך — ביילע באשע זיצט אין קלייט, דאס שטערנדעל איז פארזאגט, — און אין שטיבעל פון ד׳ על ד׳, ביי א קליין טישעל, פאר׳ן קליינעם פענסטערל, זיצט זיך איינער אליין רב אברהם׳ל; מיט׳ן הארץ צום הימעל, מיט׳ן אויג צו דוד המלך׳ס תהלים׳ל: שירות ותשבחות זינגען די לעפצען און ציטערען פאר תענוג, און די אויסגעשטרעקטע האנט קלייבט איבער די סטרונעס פון פידעלע, וואס ליגט פאר איהם אויפ׳ן טיש... קלינגען די סטרו־נעס פאר די ווערטער קליינע, ווייסע פלינגעלעך אוים; פליהען זיי הויך, הויך. און רב אברהם׳ל גלעט זיך מיט דער האנט די שניי־ווייסע בארד; זיין איינציגער תענוג...

עפענט זיך נישט דרייסט דאָס קליינע טירעל, בויגען חתן־כלה איין די קעפּ, זיי זאָלען זיך נישט אנשלאָגען; און קומען אריין, און שטעלען זיך אָפּ פאר רב אברהם׳לען געריוטעלט און פארשעמט. און רב אברהם׳ל שמייכעלט, ער ווייסט שוין, וואָס מען מיינט: שוין יאָהרען פאר׳קנס׳ט. אונגעזאָמעלט קוים אויף א טלית, די חופּה איז גרייט, נאָר אויף קלעזמער האָט פארפעהלט... שפּילט שוין רב אברהם׳ל אויף אן ארעמער חתונה; האָט ער, נאָר איידער ער קויפט א נייעם לוח, — א סנדקאות, צו דער צייט — א פּדיון הבן, ער איז א כהן אויך — איין מצוה לויפט נאָך דער צווייטער. נישט אין דעם אָבער געהט עס.

דער עיקר איז ביי רב אברהם׳לען פּורים...

א פּורים־שפּילער איז ער — פאר ארעמע לייט...

פאראַן הייזער, וואו די שעהנע אידען מיט די רויטע פּאטשיי־לעס שמעקען נישט אריין, וואו עס באווייזט זיך קיין קלעזמער, און קיין פּורים־שפּילער טרעט נישט איבער דער שוועל... וואו די חלה איז אהן זאפרען, די סעודה אהן פרייד, און אפטמאָל אהן חלה...

עפענט זיך די טיר, קומען אריין רחמנות׳דיגע מענשען „תומכי עניים", ברענגען זיי צו עסען און צו טרינקען, בענשען די ארעמע לייט די ליעבע מענשען פאר די צדקה, און אויך אלע ליעבע געסט פון פּורים־באַל, וואָס גיבען די מעגליכקייט, צו טון די צדקה, און לויבען זיין ליעבען נאָמען, וואָס האָט גוטע מענשען באשאפען, און זעצען זיך עסען און טרינקען... און דאך — איבער די ארעמע איינ־געפאלענע באקען רינען פליסען טרערען, געזאלצענע, ביטערע... נישט זיס איז קצבה־ברויט, נישט געשמאַק איהר געטראַנק... און ווי לאַנג איז, אז זיי זענען די געבער און אנדערע די נעמער געווען?

און עס הויבט אן די טרער צו שטעכען אין אויג, די ביטערקייט — זיך צו זאמלען אין האַרץ, און א אידענע פארשטעלט זיך דאָס פּנים מיט׳ן פארטוך; א איד ווארפט דורכ׳ן פענסטער צום הימעל ארויף א טענה... און ווער יונגער איז, כאַפּט און ציהט צוזאַמען די האַנט אויף א פויסט. קומט אָבער אריין ר׳ אברהם׳ל מיט׳ן פידעלע. די ליכטלעך ווערען מיט אמאָל ליכטיגער, אויגען לייכטערען זיך, אויף די פּנים׳ער באווייזט זיך א שמייכעלע, פארשעמט, פאר׳יתום׳ט, נאָך פארטרעט. רב אברהם׳ל אָבער שפּילט שוין „שושנת יעקב"

— ניסט זיך קלינגענדיגער בוימאויל אין הארץ אריין — אַרעמקייט איז קיין שאנד, איין ברודער ביים צווייטן נעמט, דרעהען דרעהט זיך דאָס רעדעל... און אַרוים נעהט אברהם'ל מיט פינקעלדיגע אויגען באַגלייט, און קינדערלעך, מיט קרומע פיסעלעך, ווי די רעגענבויגען, און צאַפּעלדיג־פּלאַמענדיגע אויגעלעך, ווי פּלעמלעך כשר'ע, לויפען איהם איבער די גאַסען נאָך, פון טיר צו טיר, פון שטוב צו שטוב... און ערשט שפּעט, גאָר שפּעט — אָרעמע לייט, קיין עין־הרע, מעהרען זיך, — אַנגעלאָדען מיט ברכות, מיט אַ האַרץ איבערגעפילט מיט גוטער, שטילער פרייד פון געטוענע מצוות — טרעט נאָך רב אברהם'ל אָפּ ביים רב מיט דער רבי'ציו, אָהן וועלכע אַ מעשה איז גאָר קיין רעכטע מעשה נישט...

און איבער דער צייט זיצט ביילע־באַשע געדולדיג און וואַרט. דאָס האַרץ זאָגט איהר, און אברהם'ל לייקענט נישט, אַז זי האָט אַ חלק, אַ גרויסען חלק אין דער מצוה; אָבער אַ קליין ביסעלע בענקען איז קיין עולה נישט...

און ביים קליינעם טישעלע, פאַר'ן קליינעם פענסטערל, זיצט די פאַרבענקטע אַלטיטשקע און שמייכעלט... קוקט מיט די אַלטע, מאָדנע לאַכענדיג־וויינענדיגע אויגעלעך אין דער טונקעלער גאַס אריין, און פון אונטער'ן שטערנטיכעל קריכען די אויערלעך אַרויס און הערען זיך איין... צי איז עס נישט ער דאָרט מיט'ן פידעלע? נישט פון זיין שושנת יעקב דער צוגעשוואוּמענער קלאַנג?... און די ליפּעלעך ריהרען זיך קוים־קוים אין שטילען געבעט: זאָל ער זוכה זיין מיט'ן פידעלע אַקעגען צו געהן משיח'ן, שפּילען איהם אַ מאַרש...

דאַמאָלט האָט מען אין משיח'ן געגלויבט, אויף משיח'ן, כאָטש ער זוימט זיך, יעדען טאָג געוואַרט.

— אָבער פאַרוואָס זוימט ער זיך אַזוי לאַנג? — פרעגען די אַלטע ליפּען; דאָס מאָל — נישט אויף משיח'ן: די האַלאַבצעס זענען קאַלט, די ליכטלעך — רויכערען זיך, צאַנקען, נעהען אויס און אברהם'ל איז נישטאָ.

ביילע־באַשע לויפט אין מאַרק אריין. אַ שווייגענדיגע נאַכט. דורך די פאַרהאַמערטע לאַדען רייסט זיך נישט אַרויס קיין קלאַנג, קיין שטראַל. דאָס שטערנטעל שלאָפט.

דער הימעל איבער איהם וואַכט, מיט טויזענטער, טויזענטער אויגען, אַזוינע ריינע, אַזוי קלאָרע. — אָבער וואו איז אברהם'ל?

— פאַרוואָס פאַרשפּעטיגען זיך די טריט פון אברהם׳לען ?
אַזוי פרעגט אויך דער אַלטער רב, מיט׳ן צושראָקענעם ציטע־רענדיגען שטימעל... ער זאָגט ניט די רבי׳צין פון דרימעל און בערדעל, און זיין שרעקיגער קול וועקט די רבי׳צין פון דרימעל און דאָס קליינע קעפּעל. וואָס האָט זיך אין דער לופט, ווי אַן אומרוה געווינט, שטעלט זיך אָפּ. וואו קאָן ער זיין ? דער דנאָ פון פלעשעל משקה איז אַרויסגעשוואומען. האַלבע נאַכט קלינגט דער הייזע־ריגער אַלטער זייגער אוים און אברהם׳לען זעהט מען נישט... כאַפּט אויף זיך די קוטשמע דער רב, די רבי׳צין — די טערקישע שאַל, לאַמטערען גרויסע — די קוים ערוועקטע שמשים, לויפט מען אין גאַס אַריין, טרעפט מען ביילע באַשע׳ן, רעדט מען נישט א וואָרט און מען לויפט ווייטער, אין פענסטער און טירען קלאַפּט מען. נישטאָ ביי אייך ר׳ אברהם׳ל ? קומען קינד און קיים פון די שטי־בער אַרוים און מען זוכט אברהם׳לען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אברהם׳לען האָט, ווירקליך, א סבה געטראָפען. ווען נישט „שליחי מצוה...“ גאָט ווייסט, צי איך וואָלט אייך היינט די מעשה דערצעהלט; עס וואָלט א צו טרויעריגע געשיכטע געוועזען, און טרויעריג זאַכען האָט איהר נישט ליעב...

אהיים, צו זיין ביילע־באַשע׳ן, געהט רב אברהם׳ל. אביסעל טאַנצען די פיסלעך אונטער, דאָס אַלטע, גרויע קעפּעל וויגט זיך: פּורים, און ער ווערט נישט אָפּזאָגען קיין אָרעמאַן, וואָס הויבט אויף צו איהם דעם כוס... ער האָט זיך שוין צו ביילע־באַשע׳ן פאַר־בענקט, עס פאַרדריסט איהם, וואָס ער קאָן נישט משנה מנהג זיין און מוז, פאַרבייגעהענדיג, אויף א ווייל׳ע אָפּטרעטען ביים רב. ווייל ער זיך פאַרקירצען דעם וועג, געהט ער דעם פּאָליש, פאַר דער שול, אַדורך, ווי געזאָגט, — שליחי מצוה. קומט ער אין פּאָליש אַריין דערהערט ער קולות פון שול: געלעכטער, געזאַנג, א שאַרען מיט טאַנצענדיגע פיס. נבהל ווערט ער ונשתומם. נישט אַנדערש, טראַכט ער, נייערט וואילע יונגען האָבען זיך אין שול אַריין פאַר־כאַפּט, כאַפּט איהם אַן דער חלול הקודש ביים האַרץ, צינדט זיך אַן אין איהם דער צאָרן. און א כהן איז ער, אברהם׳ל, גיט ער זיך א שפּאַר אַריין אין טיר, דער אַלטער שלאָס ניט אביסעל נאָך. אברהם׳ל שפּאַרט זיך מיט אַלע קרעפטען אין שפּאַרע אַריין און בלייבט — פאַרשטאַרט פאַר שרעק: מתים זענען עס גשותן!

אוּן אַ געמוּרמעל ווערט אין שוּל: רב אברהם׳ל, רב אברהם׳ל! אוּן אַלע אויגען ווענדען זיך, טייל — צוּ אברהם׳לען, אַנדערע — צוּ אַ הויכען, הויכען איד, מיט אַ גרויער, שניי־ווייסער באָרד. אוּן די אויגען, אויף אברהם׳לען פאַרקוּקט, קוּקען לייטזעליג אוּן ליעב, אוּן די אַנדערע, צוּם הויכען, הויכען איד געווענדט, וואַרטען אַף זיין וואָרט, הענגענדיג אויף זיינע בלויע ליפען... נישט לאַנג האָבען זיי געוואַרט. מיט שטילע טריט לאָזט ער זיך צוּ אברהם׳לען צוּ, אוּן שטיל ווערט אין שוּל, אַז מען הערט, ווי די מצה־שמורה ציטערט, פוּן אַ ווינטעל, דורך אַן אויסגעשלאָגענע שויב געוויגט... אוּן אין דער שטילקייט דערהערט זיך דעם הויכען־הויכען אידס קוֹל, ווי ער צוּשפּרייט מיט דער לאַנגער רעכטער האַנט די שניי־ווייסע באָרד, אוּן זאָגט צוּ איהם: פאַרכט דיך נישט, אברהם׳ל! מיר וועלען דיר קיין בייז נישט טוּן; מיר האָבען זיך דאָ, ווי אַלע יאָהר, געפרעהט, אַ זמר געזוּנגען, אַ טענצעל געכאַפּט; עס איז דאָך פּוּרים — אַ יום־טוב, וואָס וועט נישט בטל ווערען!

שטעהט אברהם׳ל אין שפּאַרע אַריינגעדריקט, אוּן קוּקט מיט גרויסע אויגען אוּן טראַכט: מאָרגען וועט מיר קיינער נישט גלויבען, אַז איך בין דאָ געוועזען, דאָס געהערט אוּן דאָס געזעהן. ציטערען די ליפּען אוּן גיבען קיין קוֹל נישט אַרויס. לעזט איהם דער הויכער־הויכער בר־מנן זיין מיין פוּן פּנים אַראָפּ, ווינקט ער צוּ אַ מאָגערען, אוּן דעריבער — נאָך העכערען איד, קוּמט ער, שטיל־שווייגענדיג, צוּ.

— מיר וועלען דיר — זאָגט דער רב — פאַר די לעבעדיגע אַ וואָרט־צייכען געבען, וועלען זיי דיר גלויבען. אָט דער איד איז דער ערשטער קהל׳שער חזן פוּן שטעדטעל; איך וועל איהם בעטען, וועט ער דיך אַ נייעם „שושנת יעקב“ לערנען.

דער מאָגער־הויכער שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף „יאָ“.

— נייערט, — גיט צוּ דער ערשטער רב פוּן שטעדטעל, — נישט מיט׳ן קוֹל וועט ער דיך לערנען. ער האָט זיך, לא עליכם, ביים לעצטען נעילה־קדיש פאַרקיהלט, אוּן מיט אַ שטוּמען ודוי אַוועק־געגאַנגען פוּן דער וועלט. מיט׳ן פינגער וועט ער דיך לערנען...

טוּט דער ערשטער חזן דעם ווילען פוּן ערשטען רב, שוועבט זיין פינגער אין אויר אוּן שוועבט. דאָ טאַנצט ער מיט אַ ברען. דאָ ווערט ער פאַרציטערט, אוּן פאַר גרויס דבקות — ווי פאַר־

שטאַרט; דאַ רייסט ער זיך אין די עולמות העליונים אַריין, מיט טענות פון איוב, מיט צער און צאָרן, און אַט צאַפּעלט ער, וואַרטענדיג אויף אַ תשובה פון דער הויך ווענגען טויט און לעבען...

אַזוינס האַט נאָך רב אברהם׳ל נישט געהערט. ציהט ער זיך מיט דער גאַנצער נשמה צום זינגענדיגען פינגער; זאַפּט ער מיט ביידע אויערען דעם נגון, וויל ער אויפ׳ן פידעלע פּרואווען נאָכשפּילען, כאַטש אַ טאָן כאַפּען, קאָן ער נישט, איז שפּאַרע פאַרשפּאַרט, אויסשטרעקען די האַנט... און דעם חזן׳ס פינגער שוועבט אַלץ און שוועבט, און נגינה גיסט זיך פון איהם און גיסט...

און אין דערפריה, אַז דער שמש איז געקומען עפענען די שול, און האַט איהם פון שפּאַרע באַפרייט, איז רב אברהם׳ל אַפּגעשפּרונגען אין מיט פּאַליש אַריין, און, נישט ענטפערענדיג דעם צושראָקענעם שמש אַ וואָרט, — מיט פאַרציטערטע הענט צוגעדריקט דאָס פידעלע אין דער נאָך איבער נאַכט ווייסער געוואָרענער באָרד אַריין, און האַט אָנגעהויבען שפּילען! דערהערט ביילע־באַשע, דערהערען רב, רבי׳צין און די אַלע, וואָס האָבען איהם אין אַלע הייזער געזוכט, און לויפען זיך צוזאַמען; קומען ותיקין דאַווענען און שטעלען זיך אַפּ, און רב אברהם׳ל שפּילט אַלץ און שפּילט...

# א קשיא אויף יענע לייט.

איהר האט דען געקענט אַן אמת'ן קאַרגען, אַ קאַרגען ווי עס דאַרף צו זיין? ניין? ביי אונז איז אַזוינער געווען! געהייסען האט ער: ר' תנחום.

אַ מענש האָט געהאַט אוצרות! עס האָט דען עמיצער גע־וואוסט, וויפיעל? עס האָט דען עמיצער געצעהלט? נאָר פולע פע־סער מיט רענדלעך אין קעלער!

און דער מענש האָט נישט געוואוסט פון קיין נדן פאַר אַ קינד, נישט געגעבען קיין חתונה־הוצאות, קיין שדכן אויף זיך נישט גע־נומען, אַלץ — נאָכ'ן טויט! ביים לעבען קיינעם נישט אַ העלער! לייט האָבען זיך דאָך געלאַקאַמעט אויף דער ירושה און מען האָט זיך מיט איהם משדך געווען.

זיינע קינדער האָבען שוין אין פאַרשידענע קהלות געלעבט ווי מענשען, באַזונדער; אָדער ביי שווער און שוויגער אויף קעסט. ער אָבער מיט'ן ווייב חיה־שרה — זיי זאָלען מיר עס דאַרט מוחל זיין! — האָבען געלעבט טאַקע, ווי די הינט!

וואָס זיי זענען עלטער, זענען זיי דאַרער, אויסגעטריקענטער און קאַרגער געוואָרען! פון קיין דינסט האַלטען, איז נישטאָ וואָס צו רעדען; פון קיין נדבה געבען — אודאי נישט... זעהט איהר, אַ זעלנער אויף שבת, אפילו צוויי! נאָר ווער האָט געוואָלט צו זיי געהן שטאַרבען שבת פאַר הונגער?

אלול־צייט, אַז מען האָט גענעבען דעם ערשטען בלאָז פון שופר, איז ר' תנחום קראַנק געוואָרען פון שרעק — ס'טייטש, די פּערה געהט! און האָט זיך קוים אויפגעהויבען צו „כל נדרי".

געזאָגט האָט ער, אַז דאָס רעגענוועטער שאַדט איהם...

ווער האָט איהם געגלויבט!

עולה תורה איז ער געווען פון איין שמחת־תורה צום צוויי־טען! און מנדר געווען — „מתנה"!

מיינט נישט, ער האט זיין ווארט נישט געהאלטען? חס־ושלום! אפגענעבען!

פאר דער מתנה, האט דאס ווייב זיך ערגעץ געבארגט א נאדעל־פאדעם און פארלאטעט די בית־המדרש האנטיכער; פארצערעט אמאל, מיט אן אויסגעבעטעלטער זייד, אן אלט פרוכת!...

אויף הויז־האלטונג פלעגט ער איהר געבען צוועלף גראשען א טאג. פון דעם פלעגט נאך חיה־שרה אפשפארען וועלכען גילדען, אוועקצובארגען די זיצערינס אויף וואכען־געלט!

אויב עס איז מעגליך, — איז זי קארגער געווען פאר איהם.

ביי זיי איז שמחת־תורה ערגער געוועזען, ווי תשעה־באב ביים ערשטען שלעפער.

דערביי האבען זיי נאך שלעכט געלעבט, געשאלטען זיך מיט טויטע קללות!

זי האט געשריען, אז ער שטעלט זי מיט'ן טאביק־שמעקען בדיל־הדל, כאטש ער פלעגט קיין איד קיין שמעק־טאביק נישט געבען, כאטש ער אליין האט אויך פיער מאל געהאט א ישוב, איידער ער האט מחיה געווען די נאז.

ער ווייטער, פלעגט געוואלדעווען, אז זי איז אן אויסברענגעריין!

א אידענע — פלעגט ער זאגען — וואס האט אויסגעגעבען אלע קינדער, דארף שוין נישט קיין ברוסט־טיכעל, מען מעג אויסטעפען די זילבערנע פעדעם און פארקויפען.

ביי דער גאנצער קארגשאפט, האט ער זיך אבער נישט געקאנט אפזאגען נאר אינגאנצען פון טאביק, אזוי ווי זי — פון ברוסט־טיכעל!

ער האט שוין אהן טאביק נישט געקאנט אפהוסטען, און זי טראגט שוין דאס ברוסט־טיכעל מכמה שנים, זייט זי האט חתונה געהאט! עס איז נאך געווען א ירושה פון דער עלטער־באבען!

און דעריבער האט מען זיך געקריגט גאנצע טעג, געשאלטען זיך און ארומגעיאגט.

און געיאגט האט מען זיך פאמעלעך, אויף די נענעל, מען זאל, חס־ושלום, נישט אפרייבען די פאדעשוועס.

און האט שוין איינס דאס צווייטע דעריאגט, האט מען ערשט

מורא אנצוכאפען ביי א בגלע, מען זאל זי נישט אפרייסען! מען זוכט אנצוכאפען א נאז, א פנים!

ביינאכט, האט מען זיך געיאגט בארוועס און אין דער פינס־טער.

שבת — ביי די האלב־גראשעדיגע ליכטלעך, ביי וועלכע זי פלעגט בענשען.

פאר דאס האט מען דעם האלז נישט געקארגט, און געשאלטען און געשריגען אויף וואס די וועלט שטעהט.

דאס גאנצע שטעדטעל פלעגט באלעגערען די פענסטער!

מען פלעגט זיך אנדערצעהלען פון זיי מעשיות; ביי די זייר־טען צו האלטען, זייער קריגען זיך.

ער, למשל, יויל זי איבערשרעקען. אט, אט, — זאגט ער — רופט ער אריין אן ארעמאן און גיט איהם אוועק א גאנץ האלב ברויט, וועט זי „פלאצען". זי ווייטער פלעגט איהם סטראשען דער־מיט, אז אט, אט, קויפט זי זיך פאר א גאנצען דרייער רעטשען־מעהל, מאכט זיך א קולישע מיט פוטער, און איהם וועט זי נישט געבען קיין לעק...

דאס אלץ איז אבער געוועזען פוסטע רעד; עס האט זיי ביידע דאס הארץ נישט געלאזט! און אפשר — זאגט מען — וואלטען זיי עס אמאל געטאן, ווען נישט די מורא, עס זאל דערפון נישט ארוים קיין טויט מיט קבורה־געלט! זיי האבען געוואוסט, אז חברה־קדישא, שארפט זיך שוין לאנג די ציין אויף איינעם פון פאר־פאלק.

און, אויב איינס דאס אנדערע שילט א געוועהנליכע קללה: „באגראבען זאל איך דיך!" ווערט באלד צוגעגעבען, „נאר נישט דא, רבונו של עולם! עס זאל זיך מאכען א געלעגענהייט, איך זאל דיך א גוסס אוועקפיהרען"...

בשעת זיי האבען נאך די קינדער אין דערהיים געהאט, איז אין שטוב נישט געוועזען מעהר, ווי איין שינעטען קאפאטעל מיט איין פאר פלודערען.

דער עלטערער פלעגט געהן אין חדר אריין און די אינגערע — אפליגען: זומער אויפ'ן הויף, ווינטער אין בעט אין די העמדלעך, מיט קרייקעס ארומגעגארטעלט.

האט מען דעם עלטערען פאר'קנס'ט און פארזארגט, האט ר'

תנחום נישט געוואלט נעהן צו דער חופה, ביז מען האט איהם נישט צוריקגעגעבען דאס קאפאטעל מיט די פלודערען פאר'ן אינגערען זוהנס וועגען.

קוים האט מען דאס גע'פועל'ט, האט זיך דאס פאר־פאלק גע־זעצט עסען און טרינקען. און שארען פון די טעלער, גלייך נישט זיי זענען די מחותנים! און געגעסען און געטרונקען, עס זאל געננג זיין טאקע ביז אויף א נייע שמחה!

פאר דאס האבען זיי אויפ'ן מוזיניקס שמחה זיך צואווינט. גלייך עס וואלט זיי דאס גרעסטע אומגליק געטראפען. זיי האבען געוואוסט, אז עס איז דאס לעצטע מאל!

דאך פלעגען זיי נאך עסען, כאטש זעלטען, אויף פרעמדע שמחות!

מיינט נישט, חלילה, אז זיי זענען געגאנגען ערגעץ אויף א שמחה; זיי פלעגען אויף קיין שום שמחה נישט קומען, עס קאסט דאך געלט! נאר ערשט דערנאך, א פאר טעג שפעטער, פלעגען זיי אריינפאלען מיט א פרעטענזיע צום בעל־שמחה, פארוואס מען האט זיי נישט נעבעטען אויפ'ן ברית צי אויף דער חתונה?

עס זענען טאקע — זאגען זיי — שלעכטע צייטען, מען לאזט זיך נישט גערן קאסטען, און בפרט — פאר וועמענס וועגען? וואס פאר א מצוה האט מען דערפון? די סארווערס זענען פראסטע גנבים, טאקע — די ווייסעל פון די אויגען. אויף דער אלטער שרה'ן רעדט מען שוין א יאהר פיערציג... פונדעסטוועגען וואלטען זיי אויף דעם נישט געקוקט... סטייטש! אזא בעל־שמחה; אזא טייערער בעל־שמחה! און אזא נאהנטער קרוב...

און זיי זענען געוועזען שרעקליכע בקיאים אין יחוס פון דער גאנצער שטאדט און האבען זיך זעהר לייכט אריינגעפלאכטען אין יעדער משפחה, ווי זאגט מען עפעס: „קוה—פערד—בייטש־שטע־קעלע“ — א קרבות איז ארויס, מכבד זיין האט מען געמוזט. און זיי האבען אפגענומען זייערס.

פאר דאס, אמת וואויל־נעהן, האט מען זיך געלאזט אויף א שבת'דיגען ברית!

דא קאסט שוין נישט א דרייער. אונזער פאר־פאלק איז געקומען צום ערשטען און אוועקגעגאנגען נאך אלע משועבדי קהלה!

און שעהן איז זיי געוועזען צו זעהן אויף א שמחה: ·זיי זענען

אנדערש געווארען, עפּעס ווי אויסגעוואקסען, אויפגעלעבט; די לוי־פענדיגע אויגעלעך, אונטער די שיטערע גרויע ברעמען, האבען גע־פלאקערט און געטאנצט; טיילמאל זענען זיי פייכט און רחמנות׳־דיג געווארען.

נאכ׳ן ערשטען טרונק בראנפען, איז אונזער ר׳ תנחום פאר־ביטען געווארען, פון קארגען ווערט א שרעקליכער נדיב!

ערשטענס, האט ער ארויסגעכאפּט דאס פושקעלע און גע־ווארפען אינמיטען טיש אריין: כאפּט אידען, שמעקט! שמעקט אהן רחמנות! אוים קארג! אלע זאלען שמעקען.

ליידער איז שטענדיג דאס פושקעלע געוועזען לעדיג; ווייל ארויסגעגאנגען פון דער היים איז ער ניכטערען, האט ער דעם טא־ביק באהאלטען... זיינס האט ער דאך געטאן; מפקיר געוועזען דאס פושקעלע.

נאך א צווייטער כוס׳ע, האט ער זיך שוין גענומען צו צדקות און מעשים טובים.

ער ווייסט גאנץ גוט, וואס קהל דארף:

דאס בית־עלמין האט נישט קיין צוים; איננאצ׳ס קוה דרעהט זיך ארום צווישען די הייליגע קברים.

די מקוה האט צובראכענע טרעפּ, און ברכה — די בלינדע טיקערין, ברעכט שיער נישט האלז און לייב!

א פּרוכת אין שול אריין וואלט אויך נישט געשאדט.

און אויסמאלען די שול מיט לייבען, בערען, נח׳ס תיבה און צוועלף מזלות, וואלט אויך קיין עולה נישט געוועזען.

אין גרויסע שטערט איז אזוי...

אויף דעם אלעם פּאסט ער אפּ א געוויסע סומע, און קוים נעמט ער נאך א טרונק בראנפען, שווערט ער שוין דערויף מיט כל׳ע שבועות...

נעבוך פארזיכטיג איז ער דאך און שווערט ביי איהר, זאל לעבען.

„מיינע זאל אזוי געזונט און שטארק זיין, ווי היינט, נאך מוצאי שבת־קודש, מאך איך א ווארט מיט א מוליער, סטייטש? שווייגען וועל איך? אזוי פיעל נחת זאל זי האבען פון אונזערע קינדער, וויפיעל רענדלעך עס וועט קאסטען דאס פּרוכת... דעם שופר של משיח זאל זי אזוי דערהערען, ווי שפּעטסטענס מארגען אין

דערפריה, וועט ער נעמען א מאָס אויף טרעפ, און דוקא — רעמ־בינע, עס זאָל זיין א בנין עדי עד, עס זאָל קינדס קינדער איבער־לעבען!"

די תנחום׳עכע, זיצענדיג צווישען די ווייבער, האָט אויך אַ אנדער צורה באַקומען!

זי האָט אויך אביסעל געטרונקען — זיסע בראַנפען; נאָך פאר דאָס, האָט זי א מאסע לעקער אויסגעטונקט. א אידענע — זי זאָל עס מיר מוחל זיין — האָט זיך איהר באלד דאָס הינערשע קעפעל פארדרעהט.

זי ווערט ווייך און וויינענדיג און באַקלאָגט איהרע יאָהר און טעג. איהר טאטע־מאמע זאָלען אויפשטעהן פון קבר און זעהן, אויף וואָס פאר א שטייגער זי איז געקומען. אין וועמעס הענט מען האָט זי איבערגעגעבען, וואָלטען זיי זיך צוריק אריינגעלענט איז קבר, און וואָלטען זיך שוין געשעמט תחית המתים אויפצושטעהן.

וואָס הייסט, זי וואָלט נישט געקאָנט פארדיינען אלע טאָג אביסעל זיסען בראַנפען מיט לעקער? איהר האַרץ כאפט זיך נישט אמאָל אוועק? איהר נשמה איז א ראַזשינקע? און א סאַמעטענעם מאַנטעל וואָלט זי נישט געקאָנט טראָגען? עס וואָלט איהר אפשר נישט געפאַסט? זי איז נישט אזא בריה ווי אנדערע ווייבער? נישט אזא מיוחסת?

נאַטירליך, שולדיג דערינען איז אלץ תנחום׳ל, אלץ דער רשע מרשע, וואָס ציהט איהר אַרויס די קליי פון די ביינער. פון איהר צד וואָלט גאָר קיין מניעה נישט געוועזען, זי וואָלט אפילו אריינגעוואַרפען אין אלע צדקה־פושקעס, כאָטש צעהן מאָל אין טאָג.

ווינטער, וואָלט זי אַפגעלענט קאַרטאָפעל פאר אָרעמע לייט; פאר אָרעמע ווייבער וואָלט זי אויף איהר חשבון די מקוה געהייצט.

דער משוגע׳נער פעסע, וואָס לויפט אַרום נאַקעט און בלויז אין גאַס, וואָלט זי א באַרכאַנעם שפענצער געמאַכט; וואָלט זי איהם אַפגעריסען, וואָלט זי איהר א נייעם געמאַכט!

זעלנער אויף שבת — וויפיעל עס וואָלט אַריין! עסען גע־געבען: ציבעלעס מיט לעבערלעך, מיט אייער, מיט שמאַלץ, רעט־טער אויך און פיש, פלייש; א קוגעל וואָלט זי געמאַכט, וואָלט די גאַנצע שטאָדט געלאָפען אויף זיין וואונדער! דעם בעל־שמחת

און אפילו איהרע אציגדיגע נאהנטע שכנות, וואלט זי שבת בשבת אהיים געשיקט קיגעל! גאר וואס קומט ארויס, אז גאט, ברוך הוא, וויל נישט, זי זאל זיינע פטור ווערען! און ער האט א האנט, א האנט... אויף אלע שונאי ישראל געזאגט אזא האנט ווי ער האט!

דערביי האט זי געכאפט נאך א קאפ און אנגעהויבען אויפ'ס־נייי צו כליפען:

תנחום פארגינט איהר אפילו נישט דאס ברוסט־טיכעל; פאר־קויפען וויל ער עס, דער רשע, דער כילי! איהם אויף להכעים, שענקט זי עס אוועק דער ערשטער־בעסטער, ארעמער כלה, אז עס זאל עס האבען!

און זי נעמט נאך א קאפ...

דאך די פארדרעהטע קעפ האבען זיי נישט געשטערט אהיים צו נעמען עטליכע שטיקלעך לעקעך, א פאר מאקאראנען, פון וועל־כע מען האט געגעסען א לאנגע צייט; איין שטיקעל לעקער מיט א מאקאראנע, האט מען באהאלטען אויף פורים; שלח־מנות פאר'ן רב.

וואס דער רב האט צוריקגעשיקט, האט מען געשיקט א בעל־הבית; און וואס מען האט פון דעם געבראכט, איז געגאנגען צו א צווייטען... ביז מען האט דורכגעשיקט דאס גאנצע שטעדטעל, אוי־סער אלטע אלמנות, אדער אלטע לייט און עקרות, וואס מאכען קיין שמחות נישט און פארדינען נישט אויף שלח־מנות.

א באהעלפער צום שלח־מנות האבען זיי אויך געהאט און אומ־זיסטען: עס האט זיך זיי געטראפען א באהעלפער א יתום, וואס האט זיי באדינט, מיט דער האפנונג, אז זיי וועלען איהם נישט פארגעסען בשעת צואה.

פונדעסטוועגען האבען זיי דעם באהעלפער אינגאנצען נישט געטרויט. דעם גאנצען טאג פורים פלעגען זיי איהם נאכגעהן, היי־טען פון ווייטען, ער זאל נישט אראפכאפען פון א טעלערל. און, אז מען האט איהם ערגעץ אין א הויז לענגער פארהאלטען, האבען זיי געטופעט מיט די פיס פאר כעס און שרעק צוזאמען.

זעהט איהר, — דאס הייסט קארג: מטמונים, אוצרות, און געלעבט — זיי זאלען עס מיר דארט מוחל זיין — ווי די כלבים!

און וואס מיינט איהר, עס איז ארויסגעקומען עפעס גוטס פונ'ם געלט? אז אסור! אזוי ווי מען האט נישט געוואוסט, פון וואנען דאס עשירות האט זיך גענומען, און וויפיעל עס איז גע־ווען, אזוי האט מען נישט געוואוסט, וואו עס איז אהינגעקומען.

ר' תנחום'ס קינדער האבען קיין גראשען ירושה נישט באַ־קומען.

קיין דבר שבצדקה איז דערפון אודאי נישט געווארען:

די מקוה האט עד היום קיין טרעפ.

פון פרוכת פאלען שטיקער!

איגנאץ פאשעט שוין פיער קיה אויפ'ן בית־עולם און ווערט נתעשר דערפון.

גארנישט! עס איז צו נ י ש ט געווארען!

איינמאל האבען זיי זיך שבת אזוי איבערגעגעסען אויף א סעודת מצוה, אז עס האט זיי געשאדט. עס איז פריהער א לאנגע צייט קיין שמחות נישט געוועזען, און זיי האבען זיך צוגעכאפט מיט אמאל צו קאלטע פיש און פעט פלייש נאך א האלב יאהר תעניתים...

ביינאכט האט יעקעל־יענטעס, דער שכן זייערער, דערהערט קרעכצען; אבער קרעכצען, אז גאט זאל שומר ומציל זיין!

ער איז אריין —

זיי וואלגערען זיך אויף דער ערד!

ער מאכט א געוואלד!

מען רופט א רופא, ער גיט אויף אפפיהרען...

איז זיי א שאד!... ווילען זיי באין אופן נישט איינגעמען; ערשט אפגענעסען!... און זיי זענען ביידע נפטר געווארען אין איין וואך...

באגראבען האט מען — ביידע אין פרעמדע תכריכים!

און אין קאכמען זענען געלעגען עטליכע אלטע העמדער, א פאר אניצעס מיט א צוריסענעם טלית־קטן...

און אין קעלער איז פול געוועזען מיט שערבעלעך, צובראכענע פלעשער און קרעמענים...

פריהער האט מען אפילו געמיינט, אז יעקעל האט געכאפט און געמאכט א קראץ; עס האט זיך אבער אויסגעוויזען, אז ניין! ער

איז ערשט נישט לאנג נפטר געווארען א בעל־חוב איבער'ן כאס...

נייערט — פשוט: יענע לייט האבען געגעבען און יענע לייט האבען צוגענומען!

שערבעלעך, קרעמענעס, צובראכענע פלעשער דערפון געמאכט! וואס זיי קאנען, השם ישמרנו!

## פיער דורות — פיער צוואות.

### 1.

אז ר' אליעזר־חייקעל'ס איז נפטר געווארען, האט מען אונ־טער'ן קישען געפונען אזא קוויטעל:

„מיין רצון איז, אז די קינדער זאלען בלייבען ביים וואלד בשותפות."

„נאך מיין פטירה זאלען זיי לאזען מאכען א צוים צום בית־עלמין, און פארריכטען דעם דאך פון שול."

„די ספרים זאל נעמען בני בנימין החתן שיחיה; די זיהן מיט די איידעמעס האבען געקריגען ספרים צו דער חתונה."

„זוגתי תחיה, זאל בלייבען אין דער דירה באזונדער; זאל זי זיך צונעמען אן ארעמע יתומה — זי זאל נישט זיין אליין. זי זאל זיך אליין מאכען קדוש און הבדלה."

„א חלק זאל זי האבען גלייך מיט אלע יורשים."

„אחוץ דעם..."

מעהר האט מען נישט געקאנט לעזען; דאס קוויטעל איז אפנים פייכטערהייט געלעגט געווארען אונטער'ן קישען, און די אותיות האבען זיך אפגעמעקט.

### 2.

ר' בנימין, ר' אליעזר־חייקעל'ס זוהן, האט שוין מעהר גע־שריבען:

„היות, עס איז געקומען די צייט, און איך וועל בקרוב זוכה זיין אפצוגעבען דעם פקדון ד ע ם, וואס אלע פקדונות זאגען זיין."

„און א מענש שרעקט זיך פאר זיין לעבען נאמען און פאר זיין משפט, נאר געהן געה איך פון דער וועלט אהן אומעט, חלילה, נאר מיט גרויס בטחון אין אל רחום וחנון, אז ער וועט מיט מיר טון לפנים משורת הדין, און לויט זיין גרויס רחמנות."

„און איך ווייס, אז דאס פקדון איז איבער דער צייט ביי מיר פארפלעקט געווארען, קאליע געווארען..."

מיר היפערען־איבער דעם חשבון־הנפש און דעם מוסר פאר די קינדער, און לעזען ווייטער:

„און די פיס ווערען מיר אפגעקיהלט, און דער מוח ווערט, וואס אמאל מעהר, מבולבל, און נעכטען האט זיך מיר געטראפען א וואונדערליכע זאך, אז בשעת'ן לערנען בין איך איינגעדרימעלט געווארען, און עס האט זיך מיר עפעס גע'חלומ'ט, און דאס ספר איז מיר ארויסגעפאלען פון דער האנט, און איך האב מיך אויפגע־כאפט, און האב תיכף פארשטאנען, אז עס איז נישט פראסט, אז מען רופט..."

„און דאס, וואס איז באמת מ י י ן געווען אויף ד ע ר וועלט, דאס לאז איך נאר איבער אויף א צייט; דאס וועט מיר נאכקומען איבער הונדערט און צוואנציג יאהר; מיט דעם וועל איך זיך זוכה זיין צו זעהן בזיו השכינה הקדושה — אמן, כן יהי רצון!"

„און וואס עס וועט מיר נישט נאכקומען, דאס איז קיינמאל נישט מיין געווען, און א י י ן גאט ווייסט, אז איך לאז עס אי־בער אהן א שום עגמת־נפש."

„און אויף מיין עשירות, לאז איך קיין צוואה נישט איבער; איך בין בטוח, אז בני ביתי שיחיו, אדער זיי וועלען זיך צוטיילען על פי דין ועל פי יושר, און איינער פאר'ן אנדערען וועט, חס־ושלום, נישט מעלים זיין.

„און איך פארלאנג, אז בני ביתי, היינו: אשתי תחי' ובני וחתני שיחיו, זאלען מפריש זיין צוויי מאל מעשר. היינו: תיכף נאך מיין פטירה זאלען זיי מאכען א חשבון צדק פון דער נחלה און מטלטלים וכלי בית, און אזוי כלים, און אלע שטרות, און חובות בעל פה וכו' און זאלען אראפגעבען מעשר ראשון על חשבוני לתקון נשמתי, און צוטיילען ארעמע לייט.

„דערנאך זאלען זיי פון דער רעשט, דאס הייסט — שוין פון

דער ירושה, געבען מעשר שני פאר זיך, אזוי ווי מיין מנהג איז געווען צו געבען מעשר פון ריוח, גם כן — פאר ארעמע לייט.

„און צו יעדען פוןביידע מעשרות זאלען זיי מוסיף זיין א שליש למאה; טאמער האבען זיי זיך טועה געווען אין חשבון.

„און די ביידע מעשרות זאלען זיי געבען צדקה פאר פ ר ע מ־ ד ע ארעמע לייט כנ"ל, און נישט פאר קרובים.

פאר ארעמע קרובים וועלען זיי אליין וויסען וויפיעל צו גע־ בען, אבער נישט פון דער צדקה, ווייל פון צדקה דארף מען נישט נהנה זיין, און אז מען גיט נאהנטע קרובים, איז גלייך, ווי מען וואלט גענעבען ז י ך.

„און אויף מיין מצבה זאל מען מעהר נישט אויסקריצען, נאר דעם נאמען ושם אבא ז"ל ויום הפטירה, און נישט מעהר.

„און איך בעט זעהר מיינע זיהן מיט די איידעמעס, זיי זאלען זיך נישט איננאנצען אריינטון אינ'ם הבל, נישט וועלען זיין ד ו ק א גרויסע סוחרים ווייל וואס גרעסער דער סוחר, איז קלע־ נער דער איד. און זיי זאלען זיך נישט זוכען קיין געשעפטען פון דער ווייט, און נישט פארשפרייטען דאס ביסעל געלט אויף ארבע רוחות העולם, ווייל וואו גאט וויל, דארט העלפט ער, און די ברכה קאן אריינקומען אין קליינע, ווי אין גרויסע מסחרים.

„דער עיקר, באשווער איך דעריבער בני יקירי מהור"ר יחיאל, ווייל איך האב געזעהן, אז ער האט גרוים תאוה צו גביר'ישקייט וד"ל.

„און איך בעט זעהר, אז מיינע קינדער זאלען האלטען דעם מנהג און אפטיילען יעדעס יאהר פאר ראש־השנה פונ'ם גאנצען ריוח מעשר פאר ארעמע לייט. און אז עס וועט אמאל, חס ושלום, קיין ריוח נישט זיין, און אז עס וועט אמאל זיין, חס ושלום, אפילו היזק, זאלען זיי אויך טיילען צדקה, ווייל עס וועט אודאי זיין א נסיון פון זיין ליעבען נאמען —

„דער עיקר, בעט איך זעהר, זיי זאלען לערנען טאג־ביי־טאג. לכל הפחות, א בלאט גמרא, און על כל פנים, אן עמוד ראשית־חכמה.

„פאהרען זאלען זיי כאטש איינמאל אין יאהר.

„די נשים זאלען לייענען „קב־הישר" אויף עברי־טייטש, אחוץ „צאינה־וראינה" שבת און יום־טוב.

„און אינ'ם טאג פון דער יאהרצייט, זאל מען עוסק זיין בתורה א גאנצען טאג, די נשים זאלען געבען צדקה; דער עיקר — מתן בסתר."

3.

אז מאריץ בענדעטזאהן (בנימינ'ם א זוהן) איז געשטארבען, האט מען געפונען א צעטעל אויף פויליש:

„מען זאל שיקען א טעלעגראמע קיין פאריז, און ווארטען מיט דער קבורה, ביז דער זוהן וועט קומען.

„צעהן טויזענט גיב איך א קרן־קימת אין „דאזאר" אריין; דאס פראצענט זאל מען צוטיילען יעדע יאהרצייט ארעמע לייט.

„צעהן טויזענט לאז איך אויף א בעט אין נייעם שפיטאל, מיט דעם תנאי: דאס בעט זאל אנגערופען ווערען אויף מיין נאמען.

„בשעת לויה זאל מען טיילען צדקה.

„מען זאל שיקען נדבות אין אלע תלמוד־תורה'ס אריין; די מלמדים מיט די קינדער זאלען געהן נאך די לויה.

„מען זאל דינגען א דין, אדער אזוי א למדן, ער זאל זאגען נאך מיר קדיש.

„די מצבה, לויט דעם מאדעל, וואס איך לאז איבער, זאל מען באשטעלען אין אויסלאנד.

„מען זאל איבערלאזען אין דאזאר־שטוב א געוויסע סומע געלט. דער דאזאר זאל נעמען אויף זיך אויסצוהאלטען דעם קבר מיט דער מצבה.

„דאס געשעפט זאל הייסען: „מאריץ בענדעטזאהן — זיין זוהן.

„און וואס עס באטרעפט..."

---

מיר לאזען איבער די רשימה פון פארמעגען און דעם חשבון פון די חובות צום אפנעמען, ווי אויך די עצות טובות, ווי אזוי דאס געשעפט ווייטער צו פיהרען.

## 4.

„איך „מאריץ בענדעטזאהן—זוהן“, געה אוועק פון דער וועלט נישט פאר נחת, נישט פון עגמת נפש, נאר פון לערקייט.

„א גרויסער חכם איז געווען אריסטאטעל; די נאטור האט פיינט לערקייט.

„א שרעקליכע מאשין איז די וועלט. יעדעס רעדעל האט זיין באזונדער ארבייט, זיין באזונדערען צוועק. ווערט א רעדעל פאר־דארבען, אדער עס האט אפגעארבייט זיינס פאר דער צייט, געהט עס אליין ארוים פון דער מאשין, געהט עס אריבער פון גאר אין גארנישט...

„איך קאן לענגער נישט לעבען, ווייל איך האב דא נישט וואס צו טון, איך טויג צו גארנישט, ווייל איך האב מיינס אפגעלעבט. איך האב אויסגעטרונקען דעם גאנצען נחת, וואס מיר איז באשערט געווען, אויפגעגעסען און אויסגעקושט אלץ, וואס איך האב גע־דארפט.

„מען האט מיך אסך געלערענט, נאר לעבען און נישט איינ־שלינגען דאס לעבען האט מען מיך נישט געלערענט.

„איך האב קיין זאך נישט אויף דער וועלט, וואס זאל מיך איינהאלטען, צובינדען צו איהר... עס האט מיר קיין זאך נישט געפעהלט, עס זאל האבען ביי מיר א ווערט. איך האב אלץ גענו־מען אהן זארג, אהן עגמת־נפש, אהן ארבייט, — ווי פון א הפקר גענומען...

„אזוי זאכען, אזוי מענשען; אזוי מענער, אזוי פרויען...

„אלע האבען מיר צוגעשמייכעלט, און איך האב קיין איינצי־גען פריינד נישט געהאט; אלע האבען מיך גערן געקושט, און איך האב קיין איינציגע נישט געדארפט...

„א פארמעגען האב איך גע׳ירש׳נט, און עס האט געוואקסען און געמעהרט זיך אהן מיר, אהן מיין ווילען.

„עס האט געוואקסען, ביז עס האט מיך איבערגעוואקסען.

„אפט האט געוויינט אין מיר דאס הארץ: זאל מיר עפעס פעהלען, זאל איך עפעס מ ו ז ע ן טון; און די דאקטוירים האָ־בען מיר פארגעשריבען: שפאצירען, שפילערייען, ספארט... נישט

קיין לעבען, נאר א סורראגאט פון לעבען, א געפעלשט לעבען, גע־פעלשטע ארבייט...

„און לענדער אסך האב איך געזעהן, און קיין איינציג איז נישט מ י י ן געווען; אסך ערטער האב איך באוואונדערט, און האב קיין איינציג ארט נישט געליעבט...

„און אסך שפראכען האב איך געלויפיג גערעדט, נאר איך האב קיין איינציגע נישט געפיהלט — איך האב מיט די ווערטער, ווי מיט באלען, געשפילט.

„פעלקער און שפראכען האב איך ווי האנטשוה געטוישט...

„די גאנצע וועלט איז געווען מיין, נאר איך בין צו קליין גע־ווען, איך זאל זי צוהאלטען; צו קורצע הענט געהאט, איך זאל זי ארומנעמען; קיין וועלט באהערשען האב איך נישט געקאנט...

„און וואס איך וואלט געקאנט באהערשען, דאס האב איך שוין גרייט געפונען, דאס האט מען מיר שוין איבערגעלאזט...

„אלץ איז פאר מיינעטוועגען געטאן געווארען, אלץ האט מען מיר אפגעקויפט; אויב עס איז נאך עפעס געבליבען, האט עס דאס פארמעגען געמאכט.

„אלץ — דער שמייכעל אויפ'ן פריינדס פנים, דער קוש פון רויטע ליפען... דער קדיש נאכ'ן טאטען... העכסטענס האב איך נאך עפעס אויסגעצאהלט; נאר געבען, שענקען, דאס האט מען מיך נישט געלערנט...

„און דאס קליינע איז מיר געווארען צו קליין, און דאס גרויס־סע — צו גרויס, — און נאך וואס צו לעבען איז נישט געווען...

„איך שטארב, ווייל איך בין אן עקר, אזוי מיט'ן גוף, אזוי מיט דער נשמה; איך האב אין מיר גארנישט, וואס זאל לעבען און לעבעדיג מאכען... איך לעב שוין לאנג נישט; איך האב שוין לאנג קיין הנאה נישט פון לעבען; אצינד איז עס מיר נאך נמאס גע־ווארען.

„מען האט זיך מיט מיר אויפגעפיהרט, ווי א פויער — מיט א חזיר; מען האט מיך געשטאפט... נאר דער פויער, אז דער חזיר ווערט געגוג פעט, קוילעט ער איהם; מיר הייסט מען, איך זאל מיך אליין קוילען; און איך האב די העזה נישט, נישט צו פאלגען...

„דער ארשעניק שטעהט אויפ'ן טיש; דער לעצטער געטראנק,

וואס וועט מיך אנ׳שכור׳ען, און איך וועל מיך שוין נישט אויס־ניכטערען...

„זאל איך עפעס אנזאגען וועגען מיין פארמעגען? נאר וואס? דאס איז מיין אומגליק געוועזן...

„האב איך נישט עמיצען צו דאנקען?

„ניין, — איך האב פאר אלעס באצאהלט...

„פאר׳ן לעצטען געטראנק אויך.“

# דער פרוש מיט'ן בער.

אמאל איז געווען א איד, וואס האט נישט געקאנט פארטראגען קיין עולות. איז ער נעגאנגען און האט איבערגעגעבען דעם ווייב דאס קלייטעל, וואס ער האט געהאט, און איז געווארען א היים־זיצער, און איז געזעסען פארמאכט אין שטוב על התורה ועל העבודה, הן אין נגלה, הן אין נסתר...

האט ער אפנים אין דערהיים, צווישען איינענעם הויז־געזינט, אויך עולות געזעהן, האט ער זיך מישב געווען און איז געווארען א פרוש — פארלאזט די היים און געזעצט זיך לערנען אין קלויז. זיצט ער אין קלויז.

יאגען איהם אבער די עולות נאך און קומען צו איהם אין קלויז אריין. אפילו ביינאכט, קומט אריין זיך אנווארעמען א נאכט־וועכטער, אן אורח קומט שלאפען, צי אזוי — א איד קאן נישט שלאפען און פארבלאנדזשעט אין קלויז אריין, זעצט מען זיך ביים אויווען און מען רעדט... און פון וואס מען זאל נישט רעדען, הערט אלץ דער פרוש עולות און עולות.

איז ער זיך ווייטער מישב און פארלאזט די שטאדט און לאזט זיך אין דער וועלט אריין, אויסזוכען א שטאדט אהן עולות; געפינט ער נישט: איין וועלט אומעטום.

פארלאזט ער דעם גאנצען ישוב. געהט ער וואלד אויס, וואלד איין, איבער בערגער און טאלען, ביז ער קומט צו צו א וואסער. ווי דער טייך הייסט, האט ער אפילו נישט געוואוסט, נאר ביים טייך איז געשטאנען א חורבה פון אן אלטען פאלאץ, ווייט פון שטעדט און דערפער, האט ער זיך דארטען באזעצט און אנגעהויבען עוסק צו זיין אין קבלה.

פון עולות קאן מען אבער נישט אנטלויפען... פון צייט צו צייט צולאזט זיך דער טייך, קערט איבער שיפלעך, רייסט אפ פון

דער יבשה שטיקער לאנקעס מיט גראז, שטיקער פארזייהטע פעל־דער... און צווישען די פיש אן אייביג געשלאנעריי! לאזט עס איהם נישט רוהען, נישט שלאפען און אנטלויפען האט ער שוין נישט וואוהין...

ליגט ער אזוי און טראכט, און טראכט: ער וויל דערגעהן, פון וואנען עס נעמען זיך גאר אינגאנצען די עולות?

פאלט איהם איין, אז די עולות קומען דערפון, וואס די נשמה פון דער וועלט איז איינגעשלאפען... און עס איז נישט אזוי ווילד, ווי עס דאכט זיך.

למשל: דער עולם קטן — א מענש. כל־זמן די נשמה איז וואך, טוט ער, וואס עס טויג איהם, פלאנמעסיג, על פי שכל, אלע אברים פאלגען די נשמה. שלאפט אבער א מענש איין, די נשמה— דער מושל איבער'ן גוף, דרימעלט איין, הויבט־אן דער גוף צו וואר־פען זיך אהן סדר, אהן א ציל און יעדער אבר פאר זיך, איין האנט אהין, די אנדערע אהער, דער קאפ באזונדער, דער לייב באזונדער— אהן שכל... און מען קאן געשעדיגט ווערען...

עולות זענען אהן שכל... די וועלט ווארפט זיך, צאפעלט אהן א סדר; און די נשמה פון דער וועלט איז איינגעשלאפען, און יע־דעס שטיק וועלט טוט זיך זיינס, נישט לטובת הכלל...

איהר פארשטעהט? יא צי ניין, אזא געדאנק האט ער גע־האט.

קומט ער צו דער דעה, אז איין פלאן איז פאראן: די נשמה פון דער וועלט צו וועקען. כאפט זי זיך אויף — וועט ווערען א סדר, וועט אויפהערען דאס צאפלען, דאס רייסען זיך, דאס שלאגען זיך צווישען די אברים פון דער וועלט...

ווי אזוי אבער וועקט מען די נשמה פון דער וועלט.

אויף דעם זענען פאראן עצות אין די הייליגע ספרים...

מען דארף טון, וואס מען דארף, זאגען, וואס מען דארף.

דערצו אבער דארף מען כונה, מען מוז זיך אפגעבען דערצו מיט'ן גאנצען הארי'ן מיט מסירת נפש, אז נישט צופליהען זיך די ווערטער אין אויער און גארנישט...

עס מוז באשאפען ווערען א ז ו י נ ס, וואס האט פליגעל צו פליהען און — א נשמה, וואס ווייסט וואוהין צו פליהען און וואס דארט צו פארלאנגען, כידוע...

מילא, ביימאָג איז נישט מעגליך. ער לאָזט זיך טיף אריין אין דער מחשבה — גיט ערגעץ א קראַה א געשריי, א פויגעל — א זינג, ערגעץ פון ווייט הערט זיך א קללה פון א פויער ביים אקער אויף דער הארטער ערד, וואס איז איהם פונם דאס אייזען — נאָר ביינאכט, אמבעסטען צו חצות...

טוט ער אזוי...

און ער פיהלט, עס נעהט! נאָך א נאכט, נאָך א נאכט...

ווערט אבער געוואר דערפון דער בייזער שר פון טייך, זאָגט ער: לא! עס וועט נישט שטיל זיין! און קוים לאָזט זיך דער פרוש טיפער אין די כונות אריין, גיט זיך דער שר פון טייך א ווארף, הויבט דער טייך אָן צו זידען און צו רוישען און צו שלאָגען פאַ־ליעס און צו רייסען די ברעגעס, עס ווערט א מהומה און דער פרוש פאלט ארויס פון דער מחשבה, ווי אונטען דער שיפער פון שיפעל...

זעהט דער פרוש, אז ער האָט קיין אנדער עצה נישט, נאָר אפצורוקען דעם טייך מיט'ן בייזען שר... דען אליין אוועקגעהן און זוכען א חורבה נישט ביי קיין וואסער, ווילט זיך איהם נישט, ווער ווייסט, ווי לאנג ער וועט זוכען, און צי ער וועט געפינען, און דערווייל וואקסען די עולות און מאכען חרוב די וועלט...

מילא, אוועקצורוקען דעם טייך, איז ביי איהם א קלייניגקייט, ער האָט א שם דערויף... האלט ער עקסטרא א תענית, און נאָכ'ן תענית איז ער זיך פלוצלונג מתכוין צום שם און דער טייך רוקט זיך.

דער שר ווערט אש להבה — נאָר פארפאלען, דער שם איז אפגעזאָגט, נוקם זיין וויל ער זיך אבער, צורודערט ער שטארקער דעם טייך, עס ווערען גרויסע פאליעס, כאפט ער איין פאליע און ווארפט ארויס אויף דער יבשה, צו דער חורבה צו, ווערט אויף דער יבשה פון דער פאליע א בער, א שווארצער צוטינער בער, לויפט ער מיט פייערדיגע אויגען ארום חורבה, און ווען דער פרוש וויל האבען כונה, הויבט ער אָן ברומען און ברילען און ווארפען זיך, אז דער פרוש פאלט ווייטער ארויס פון דער מחשבה...

וואס בלייבט איהם, דעם פרוש, צו טון?

ער וועט דאָך נישט הרג'נען דעם בער! אנהויבען מיט אן עולה? דען באמת, וואס איז דער בער שולדיג? ער לעבט, זאל ער לעבען!

פאלט דעם פרוש איין, דעם בער רוהיג צו מאכען. מאכען א לייט פון א בער! זאל ער, כאטש א בער, וויסען ווענען וואס עס געהט. ער וועט הויבען דעם בער, מתקן זיין און הויכען זיין נשמה.

נעממ דער פרוש און געהט איינמאל אין דער פריה ארויף אויף א שפיץ־חורבה, שטעלט זיך און קוקט אראפ אויפ'ן בער.

דערזעהט'ן דער בער פון אונטען, ווערט ער מלא חימה, הויבט ער אן רייסען מיט די פעדערשטע פיס די ערד, און ברומען, און ברילען, און שפרינגט אונטער מיט א שוימענדיגען מויל און בלוט־פלאמענדיגע אויגען.

מיט גרים־צארן קוקט דער בער ארויף צום פרוש, מיט רחמנות אבער און ליעבשאפט קוקט דער פרוש אראפ צום בער און עס ווערט א מלחמה צווישעןביידע פאר אויגען, צווישען די אויגען מיט ליעבשאפט און רחמנות און די אויגען מיט האס און גרים־צארן.

זענען אבער דעם פרוש'ס אויגען שטארקער און הויבען אן גובר זיין די אויגען פון בער.

לאנג, לאנג האט געדויערט די מלחמה צווישען צוויי פאר אויגען, צווישען צוויי הערצער און צוויי נשמות...

אבער, אז די זון האט זיך געהויבט אין מזרח־זייט, איז שוין שטיל געווארען. דער בער — אז די זון איז געקומען אין מיט הי־מעל אריין, איז ער שוין פאר דער חורבה אויף אלע פיער געלע־גען, ווי איין אונטערטעניגער הונט, און אז די זון איז אונטערגע־גאנגען, האט זיך דער בער שטיל אויפגעהויבען, ארויפגעשיקט צום פרוש א בליק מיט בקשה ותחנונים און איז צוגעגאנגען צום טויער און האט שטיל אנגעקלאפט, און „געסקאמליעט“, ווי א הונט, מען זאל איהם עפענען...

דער פרוש האט גובר געווען, אונטערגענעבען האט זיך דער ווילדער צווטיגער בער, זיין הינטיש „סקאמלען“ באטייט: לאז מיך צו דיר, ווי א הונט וועל איך דיר דינען, צו דיינע פיס ליגען, דיינע הענט לעקען, דיר געטריי אין די אויגען קוקען און טרעפען דיין פארלאנג, און אז דו וועסט דיך פארטראכטען, וועל איך ליגען ציכ־טיג און שטיל, אפילו קיין פליג נישט כאפען —

און דער פרוש האט איהם געעפענט, און דער בער איז ארויפגעגאנגען צום פרוש און האט זיך געלעגט שטיל צו זיינע פיס, און זיינע אויגען האבען געזאגט:

— דו ביסט מיין גאט... איך האף צו דיר, און גלויב אן דיר... דיינע געדאנקען זענען הייליג, מיט דיינע כונות וועסט דו וועלטען איבערבויען...

און דער פרוש גלעט מיט ליעבשאפט דעם בער, זיין היימיש געמאכטען בער, דעם בער, וואס גלויבט אין איהם — און פארטראכט זיך, און וויל זיך ארייגלאזען אין זיינע מחשבות, זיך מתבוין זיין צו דעם, וואס מען דארף, אויפצואוועקען די נשמה פון דער וועלט...

ער האט אבער שוין נישט געהאט פון וואס צו טראכטען...

ער אליין האט שוין די גאנצע פריהערדינע נשמה נישט געהאט...

מיט וויפיעל דער בער איז ארויף צו איהם, מיט אזויפיעל איז ער אראפ צום בער...

און ער דערפיהלט א מידיגקייט אין אלע גלידער, די ברעמען פאלען איהם איבער די אויגען און ער הויבט זיך אויף און געהט וואקעלדיג צום געלעגער —

דער בער נעהט איהם נאך, לעגט זיך נאהנט ביים געלעגער—

עס וועלען קיין עולות נישט אויפהערען. דער בער איז געווארען א שטיק מענש, און דער מענש א שטיקעל בער —

און דער פרוש, וואס שלאפט שוין צוזאמען מיט'ן בער, וועט די נשמה פון דער וועלט נישט וועקען. —

# אינהאלט:


| | |
|---|---|
| | זייט |
| באנטשע שווייג | 7 |
| וועבער ליעבע | 18 |
| נעילה | 43 |
| דער נייער נגון | 55 |
| דער תענית | 58 |
| דאס ארעמע אינגעל | 62 |
| קליינע בילדער: | |
| 1. וועלבע | 75 |
| 2. פארליעץ | 76 |
| 3. שווייז | 77 |
| 4. עס איז דאך נישט קיין זאקען | 78 |
| פורים שפילער | 80 |
| אלטווארג | 89 |
| דער מלאך | 107 |
| מעשיות | 111 |
| דאס פראבלעם | 128 |
| א יונגען שרייבערס חנוכה | 131 |
| לכבוד חנוכה | 144 |
| נס חנוכה | 151 |
| „הנרות הללו" | 159 |
| א חנוכה לעמפעל | 162 |
| דער אלטער ר' שמעון | 166 |
| נישט פאר'משפט | 171 |
| דער שבת־גוי | 184 |
| די אכטע אפטיילונג אין גיהנום | 195 |
| די פארשווינדענע | 204 |
| ר' יוחנן גבאי | 208 |
| מאטעל פרינץ | 212 |
| דער שפילער | 219 |
| א קשיא אויף יענע לייט | 226 |
| פיער דורות — פיער צוואות | 235 |
| דער פרוש מיט'ן בער | 242 |